STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11537

BAY DER VELT TSUGAST

Joshua Tenenbaum

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. טענענבוים

בײַ דער וועלט צוגאַסט

דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן

„ליטעראַרישע בלעטער"
ווארשע 1937

Printed in Poland

S. Tenenbaum
Baj der Wełt Cugast

Wyd. „Literarisze Bleter" 1936
Druk. „Pośpiech", W-wa.

מיסטער אַפּעלמאַנס

אומעטיק איבער דער ערד און אומעטיק אין האַרצן. איך גיי אַריין אין אַ מעקסיקאַנישן קאַבאַרעט, כּדי צו זען אַ שפּאַנישע טענצערין מיט טונקעלע אויגן; יעדע פרוי איז פאַר אונז אַ לעגענדע, אַ צויבער־לאַנד; מיר ליבן צו פאַרלירן זיך און אַ ווײַלע זיך פאַרגעסן אין די צוויי טונקעלע טײַכן־אויגן. אין רויש פון וואַניזיניקער מוזיק, אין קלאַנגען פון מעקסיקאַנישע שלאַנגען־שיפּעלישן דערזע איך אים, דעם 60־יעריקן מאַן מיטן הוילן, אַנהאַריקן קאָפּ, ווי אַ ווײַסער באַלן, און אין זײַן פלײשיקן געזיכט שטעקן בלויע, גוטע, טיף־אומעטיקע אויגן.

רעד איך צו דעם אומעטיקן, מידן מאַן און איך פרײ זיך מיט אים; דען ער רעדט אַזאַ מין לשון, וואָס געוויסע וואַנדערער מיט לאַנגע נעז רעדן אויפן טרויעריקן פּלאַנעט, און אין אַלע ווינקלען פון דער ערד; דאָס לשון רופט זיך „יידיש", און כ'האָב עס זייער ליב...

דעם דאָזיקן מאַן האָב איך באַגעגנט אין קליינעם שטעטל נאָרמאַן, ווו איך לעב איצט; איצט זע איך אים אין אַ קאַבאַרעט 30 מייל ווייטער, אין אָקלאַהאָמאַ סיטי. איך געווין זײַן צוטרוי. ער זאָרגט פאַר מיר מיט עסן און טרינקען און מיר זענען באַפרײַנדעט.

ער דערציילט מיר זײַן לעבן; עס איז דאָס שיינע און דאָס טראַגישע לעבן פון אַ טרעמפּ קעניג, אַן אַרומשלעפּער, וואָס איז אומגליקלעך דורך די גוט האַרץ, און ווען ער רעדט צו מיר, שלינגט זײַן האַלז כּסדר אַ מין בלויען ווײַן, אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ דאָס רויטע ליכט, און מיר דאַכט, אַז ער טרינקט אויס דעם גאַנצן קאַבאַרעט אינם אָפּגלאַנץ פונם ווײַן. זײַנע אויגן ווערן גוט, אומעטיק און גלאַנצנדיק ווײַנען זיי; זײַן פּנים דריקט אויס גלייכגילטיקייט און אומעט.

עס איז אַ ייד פון רוסלאַנד; ער רעדט אַזוי שיין וועגן די

רוסישע טייכן, וועגן די לאַנדשאַפטן מיט גרינע בערגלעך און בלויע קאָרנבלומען; וועגן די קליינע ריטשקעלעך און וועגן די שטעטלעך פון אוקראַינע; אין 1905 איז ער אַנטלאָפן אַלס רעוואָלוציאָנער קיין אַמעריקע; און איצט וואָלט ער געוואָלט גיין איבער יענע שטעגן און פעלצער, ווו ער האָט זיך אַלס קינד, אַלס קליין ייִנגל געשפּילט און בלומען געריסן פאַר זיין אוקראַיניש מיידל מיט די לעבעדיק-שיינע, לאַכנדיקע אויגלעך. ער ליבט רוסלאַנד און — טרינקט ווייטער דעם פּיאָלעטן ווין דאָ, אין מעקסיקאַנער קאַבאַרעט...

דאַן דערציילט ער ווי רייך ער איז געווען; ווי דאָס גליק האָט אים געשפּילט אין אַמעריקע; ביים בלויען אייל אין מערב-אַמע-ריקע האָט ער געמאַכט טויזנטער דאָלאַרן און פאַרלוירן טויזנטער; ער האָט זיך אַרומגעטראָגן איבער פאַרשידענע פעלדער, וואָס טראָגן אין זיך יענעם בלויען ווייןְ-אייל (נאַפט), צוליב וועלכן די לענדער פאַרגיסן אַזויפיל רויט בלוט... איינמאָל, פאָרנדיק אין באַן, האָט אַ רייכער מאַן, זיך באַקענענדיק מיט אים, אים פאָרגעלייגט צו פּרוּוון דאָס אייל אויף זיינעם אַ שטיק ערד; יענער האָט באַלד איינגעצאָלט אַ גרויסע סומע — און אין טאָג ווען ער האָט באַדאַרפט פאָרן אַהין, צו פּרוּוון דאָס אייל — איז ער אַריינגעגאַנגען צו אַ פריזירער, זיך ראַזירט און באַקומען מכות איבערן גאַנצן געזיכט. ער האָט פאַרשפּעטיקט צו פאָרן — און אַן אַנדערער האָט געפּרוּווט דאָס אייל; דער בלויער שטראָם האָט ווי אַ פאָנטאַן אַ שפּריץ-געטון, און יענער מאַן האָט גע-מאַכט אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר...

* * *

עס איז האַרבסט אין קליינעם שטעטל; ביי די פיס פון די בערג שלאָפן די קליינע הייזלעך; די נאַטור שטאַרבט מיט אַ גראַנ-דיעזן טויט, און ווינטן יאָמערן אויס דעם טויט פונם גרויסן זומער; אינדיאַנער זיצן אין רויטן זון-אונטערגאַנג אויף די שוועלן פון זייערע הילצערנע פּאַלאַצן און טרוימען פון די אַמאָליקע שלאַכטן; אויף זייערע טונקעלע געזיכטער שטאַרבן די פּיאָלעטע שטראַלן און די נאַכט גייט אַרויס פון זייערע מידע פּייקעס מיט בלויען, אומעטיקן רויך...

אין געלן האַרבסט גיי איך מיטן ליבן, אַלטן מאַן און מיר רעדן. אינם האַרבסט איז אונז אומעטיק. שפּילן מיר אין קאָרטן און מיר רעגן זיך אויף. די אויגן פון מר. אַפּעלמאַנס ווערן פול מיט אומעט און נאַכט, זיי ווערן בלוי־שוואַרצאַפּלנדיק און אָנגעגאָסן מיט בלויען פּעטראָש; דער אַלטער מאַן דערציילט מיר, אַז ער האָט ערד־שטרעקעס ליגן אין די הונדערטער מיילן, איבער מערב־אַמעריקע, גרויסע, אומגעהייער־רויטע וויסטעגישן, אויף וועמענס גאָלדענעם זאַמד עס וויגען די טונקעלע אינדיאַנער־שטאַמען, וואָס שטאַרבן אויס טרוימענדיק... די ערד־שטרעקעס זענען רויט, טרוקן, אומפּרוכטבאַר און איינזאַם.

אַמאָל האָט ער געהאָפּט צו באַקומען אייל פון זיי; אָבער ביים „דרילן" (בויערן) האָט דער בלויער פּערפום נישט אַרויסגעשפּריצט פון דער ערד — אין איז געוועזן פאַרלוירן. די שטרעקעס זענען איצט גאָרנישט ווערט; נישט אויף זיי בליט עפּעס, אויסער גרויסע, אומגעהייערע פעלזן — די גרויסע בלומען פון די בערג, דערהויבן זיך איבער זיי; זיי זענען נישט באַשאַנקען מיט אייל; וווינען די אינדיאַנער דאָרטן און ער אַליין, זייער קעניג, דרייט זיך דאָ אום 100־טער מיילן ווייטער און שפּילט אין קאָרטן, טרינקט און צאָלט דירה־געלט פאַר אַ קליין הייזל, ווו עס וווינט זיין פאַמיליע, וואָס האַסט אים...

דאַן גייען מיר אין קליינעם פּאַרק, אויך דאָ איז האַרבסט און דער אָוונט פאַלט צו, ווי אַ בלויע שפּין אויף דער ערד; די געלע בלעטער ליגן אויף דער רויטער ערד און וויינען אין ווינט; דער ווינט גייט דורך די פעלדער מיט זיין וויינענדיקער ליבע און די ביימער שטרעקן די טויטע, דאַרע צווייגן ווי אומעטיקע הענט צום טונקעלן הימל. מיסטער אַפּעלמאַנס ציט אַרויס אַ גרין פלעשל און טוט אַ זופּ די גילדענע פליסיקייט; דאַן דערציילט ער ווי ער האָט זיין געלט צעבאָרגט צו שלעכטע מענטשן; אַ שרעקלעכע מאַניע האָט ער, ער קאָן נישט האַלטן ביי זיך קיין געלט. ווי נאָר ער באַקומט אַ גרויסע סומע, גיט ער עס אַוועק מענטשן און ער וויל גאָרנישט מער האָבן ביי זיך; ווען ער איז געוועזן רייך, האָט ער געוואָלט זיין אָרעם, גאָר אָרעם, זיין אַן אַרומשלעפּער, אַ טרעמפּ, מיט יאָרן צוריק איז ער אַוועק צו די אינדיאַנער, וואָס וווינען אויף זיינע פעלדער, ביי זיי געבעטן נאַכטלעגער און אַביסל עסן; זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז ער איז דער אייגנטימער פון זייערע פעלדער אין הייזלעך... האָבן זיי אים פאַרטריבן ווי אַ בעטלער.

איז ער אַוועק פון זיי מער אומעטיק ווי שטענדיק — און ער וויל זיינע פעלדער נישט צוריק האָבן; די שטאַרבנדע אינדיאַנער צינדן דאָרטן אָן גרויסע פייערן אין די נעכט און זיי טאַנצן אין שיין פון די פלאַמען און זינגען ווילדע שלאַכט-לידער; איינמאָל האָבן זיי אים געוואָלט בינדן, אָנצינדן ווי אַ פאַקל אין דער נאַכט; איז דער רוסישער לעגענדאַרער מאַן אַנטלאָפן פון זיי, און די וויזיע פון די רויטע פייערן אין די אינדיאַנער-נעכט טראָגט ער מיט זיך און דעם אָנדענק פון אַ אינדיאַנער-מיידל מיט טונקעלע האָר, וואָס שטאַמט פון קעניגן... זי האָט ער ליב געהאַט און איר אין טרוים אַוועקגעשאָנקען אַלע רויטע, אומפּרוכטבאַרע גיטער... אָבער מען זאָגט, אַז זי איז גע-וואָרן אַ פּיראַטין, אַ ים-רויבערין, מיט אַ קינזשאַל אין זייט און זי וואַנדערט אויף אַ זעגל מיט די פאַליעס איבער די אומעטיקע וואַסערן...

דער קליינער פּאַרק רוישט זיין שיכורע האַרבסט-מעלאָדיע; מר. אַפּעלמאַנס נעמט ווידער אַרויס דאָס גרינע פלעשל, טרינקט דער-פון מיט גיריקייט און מיר דאַכט, אַז דער ווינט בעט ביי אים אַ ביסל גילדערנעם ווין; די בלעטער רוישן מיט אומעטיקע מעלאָדיעס ווי קליינע קינדער; שאָטנס קומען ווי מעלאַנכאָלישע געשטאַלטן אין לאַנגע טונקעלע פּעלערינעס פון שוואַרצן פּליוש, און דער הער אַפּעלמאַנס קוקט מיך אָן מיט שרעק און דערציילט, דערציילט...

ער איז געווען רייך און געוואָלט זיין אָרעם; און געלט האָט ער פאַרשאָנקען, און ערשט מיט צוויי יאָר צוריק האָט ער געגעבן אַ מאַן 500 דאָלאַר אויף צו דרילן אייל; איז דער מאַן שוין גרוי און דער בלויער פאָנטאַן שפּריצט נישט פון די געלע פעלדער; איז מיסטער אַפּעלמאַנס געפאָרן קיין סאַן אַנטאָניאָ, צום אַלטן מאַן, כדי אָפּצונעמען ביי אים דאָס געלט; צוריקגעקומען איז ער מידער, עלטער און אומעטיקער; ער האָט דעם אַלטן מאַן נאָך צוגעבאָרגט 12 הונדערט דאָלאַר און דאַן איז דער אייל-דרילער געשטאָרבן מיט עטלעכע וואָכן צוריק און דער בלויער ווין וועט מער נישט שפּריצן פון דער ערד...

און דער האַרבסט איז אומעטיק; די רויטע פעלדער זענען באַ-לייגט מיט גילדערנע בלעטער פון די ביימער; די ווינטן שרייען און אין דער הויך פליען שוואַרצע פייגל, קראַקען און יאָמערן מיט שווי-דערלעכע קולות; מיר דאַכט, אַז אין איינעם אַ זון-פאַרגאַנג וועט זיך מיסטער אַפּעלמאַנס אַוועקלייגן אויפן רויטן פעלד, און די שוואַרצע

ראָבּן וועלן זיך פאַרבּן אין זיין רויטן בּלוט און ער וועט לאַכן, שמייכלען גוטמוטיק — דען ער איז אַ גוטער, ער פאַרשענקט זיך צו הונגעריקע פייגל, ווען ער האָט נישט מער קיין געלט, זאָלן די ראָבּן און די פעטע מייז האָבּן הנאה פון זיין פעטן קערפּער און צוזאַמען מיטן האַרבּסט וועט ער בּלוטיקן און שטראַלן אין מעלאַנכאָלישן זון-אונטערגאַנג און הויך, אין דער הויך, נעבּן די גרויע, רעמבּראַנדטישע וואָלקנס וועלן די רויטע פייגל, געפאַרבּטע אין זיין בּלוט, פלאַטערן, שרייען און פּיקן די רויטע זון, וואָס פאַלט אַ געקעפּטע בּיים ראַנד פון דער מדבּר, מיט דער צונג לעקנדיק און קושנדיק די גאַנצע נאַטור...

מיסטער אַפּעלמאַנס טוט אויס זיין שוואַרצן הוט מיט בּרייטע ראַנדן און זעצט אים אויף מיין בּלאָנדן קאָפּ מיט וויינענדיקע האָר, ער גיט מיר דאָס אומעטיק-קלינגענדיקע געלט אין זיינע טאַשן און אַליין צעבּרעכט ער דאָס ליידיק געוואָרענע פלעשל אָן אַ שטיין און פאַרשווינדט פון מיר...

און איך טראַכט מיט מיין מאַרך אונטער זיין שוואַרצן הוט: אָט איז אַ קעניג-בּעטלער, וואָס איז געווען אַזוי רייך און האָט געוואָלט זיין אָרעם. דער ערשטער מענטש, וועמען איך האָב בּאַגעגנט, וואָס האָט פרייוויליק אַוועקגעגעבּן זיינע פאַרמעגנס און גיטער... איך וויל גיין צו די אינדיאַנער דערציילן פון זייער קעניג, וואָס איז אַ טרעמפּ; איך וויל אָפּזוכן איבּער די בּלויע ימים די וואַנדערנדע פּיראַטין און איר דערציילן וועגן איר געליבּטן; אפשר וועט זי מיך פירן אין די היילן פון רויטן גאָלד, ווו די רויבּער זעטיקן זיך מיטן גלאַנץ פון איידלשטיינער; אפשר וועט זי מיך ליבּ קריגן און איך וועל אייבּיק, אייבּיק וואַנדערן מיט איר אויף די בּלויע אומענדלעכע ימים, אין דער רויטער זעגל-שיף, און ווען איך וועל שטאַרבּן, וועט זי מיך אַריינלייגן אין אַ בּלוי-גאָלדענער טרומנע און בּאַגראָבּן אויפן גרונט פון ים, צווישן צויבּער-בּלומען, וואָס ענדערן אַלע מינוט זייערע פאַרבּן, צווישן רויטע פּערל, פלושענע פיש און טויטע פּיראַטן.

טובערקולאָזע...

אויף די שויבן פון קליינעם האָטעל-צימער פאַרגייט די זון, אַ רויטע, אַ צעבלוטיקטע זון; זי וואַרפט זיידענע שטראַלן אויף די צעבראָכענע פענסטער און זיי פאַרבלוטיקן זיך, ווערן בלוי ווי רעגנבויגנס; אויף דער סאָפע ליגט אַ פרוי, ווי געשניצט פון אַן איידעלער האַנט אין ווייסן מאַרמאָר; זי איז דאַר; דער טויט — דער אייביקער קינסטלער — מאָלט אויף אירע ווייסע מילך-באַקן רויטע בלומען פון פיבער... עס איז האַרבסט אויף איר געזיכט...

אין דרויסן פאַרן פענסטערל וויאַנען שוין די בלומען; די רויטע אָרכידעען, די ליידנשאַפטלעכע בלומען, דאַרן און בויגן איין די זייַדענע בלעטלעך, דער פליוש פון די רויזן ווערט מאַטער און טונקעלער; די צווייגן דאַרן, ווי מידע הענט פון טובערקולאָזע קינדער; דער ווינט פייפט איבערן וועג, ווי אַ טובערקולאָזער מיט זיין שווערן אָטעם דורך אַ צעריסענער לונג; אין געלן האַרבסט פאַרגייט די זון אין קליינעם שטעטל אַזוי טרויעריק און מיט רויטע שטראַלן צינדט זי אָן אַ מאָדנעם צויבער-גלאַנץ אויפן געזיכט פון דער טובערקולאָזער פרוי...

זי איז דאַר און בלאַס. זי איז ענלעך צו אַ ווייסער סטאַטוע, פון די שטראַלן צערויטלט. אירע אויגן גלאַנצן מיט פיבער און ליידנשאַפט, געמישט מיט מעלאַנכאָליע; אירע דינע הענט זענען, ווי צוויי בלויע פלייטן אין אַ מוזעאום...

נעבן איר ליגט אין בעטל אַ קליין קינד, אַ מיידעלע מיט בלאָנדע לאָקן, אין וועלכע די זון שפּילט איר שטראַלן-מעלאָדיע... די אייגלעך פון קינד שמייכלען, און די נאַכט ווערט טונקעלער; צום ערשט איז זי רויטלעך, דאַן בלוילעך, בלוילעכער און טונקעלער. די געזיכטער פון דער פרוי און קינד ווערן פיאָלעט, בלוי-רויט און באַלד אויך שוואַרץ, ווי די נאַכט...

אין ווינקל פון צימער זיצט אַ פרוי, אַ טונקעלע, עלטערע פרוי; די טונקלקייט שפינט, ווי אַ שפין, איבער איר אַ טונקעלן מאַנטל פון מעלאַנכאָליע; די פרוי קרעכצט, הוסט, אָטעמט שווער אָפּ און דאַן זינקט זי איין אין איר קראַנקער שטילקייט...

קיין וואָרט, קיין שאָרך, קיין באַוועגונג, קיין געלעכטער; דאָס קינד הויבט אָן שטיל צו קייכן, די מוטער מיט די פלייטן-הענט נעמט עס אַרום, דריקט עס צערטלעך צו איר דאַרער, טובערקולאָזער ברוסט און קושט עס מיט בלאַסע ליפּן...

אויף דער טיר, אויף אַ נאָגל, הענגט אַ רויטער מאַנטל. איז עס דער פרויס, וואָס זיצט ביי דער טיר אין ווינקל? איז עס דער טובערקולאָזער מוטערס?... ווער ווייסט... דאָרט, דאַכט זיך, אין רויט-בלוטיקן מאַנטל, הענגט דער טויט... ער וועט באַלד אַרונטערגיין און ווערגן דאָס קליינע קינד... די מוטער... די אַלטע פרוי...

נאַכט... גלאַנצנדיקע אויגן בליקן אין דער טונקלקייט מיט שרעק, אַ ווייסע לבנה גייט אויף אין דעם הימלס בלויער איינזאַמקייט, אין שטילן שטיבל ווערט ווייס, ווייס און העלער; די קליינע הענטלעך פון קינד ציען זיך צו דער מוטערס ברוסט; זי טוט אַ ציטער, דערפילנ-דיק די הענטלעך; אינם דאָזיקן ציטער איז די גרעסטע ליבע פון אַ קראַנקער פרוי צו איר קראַנקן קינד...

אַ שטילן שעפּטש טוט די פרוי אין בעט; די אַלטע באַוועגט זיך ווי אַ שאָטן, טוט זיך אַ גלייך אויס רירט זיך צו געהיימניספול צו אַ ווינקל, דרייט עפּעס אויף, אַ קראַן הויבט אָן צו רעדן אין דער נאַכט, צו פלוסקן, באַלד גייט זי צו צו דער פרוי אין בעט, דערלאַנגט איר אַ גלאָז וואַסער, די יונגע פרוי טוט אַ שלונג, איר דינער, פאַר טרוקנטער האַלז אָטעמט פריש אויף, זי טוט אַ קרעכץ, דריקט צו פעסטער דאָס קינד צו זיך און אין דעם ווייטן לבנה-שיין זעען די מוטער און דאָס קינד זייערע בלאַסע געזיכטער...

דורך דער דינער קאָלדרע דערהויבט זיך, ווי אַ בערגל איר קערפּער, ווי אַ קבר... איר קערפּער איז דאַר און שלאַנק, די ביינער שטעקן אַרויס, און זי איז ווי אַ האַרף, אויף וועלכער דער טויט — די טובערקולאָז-דאַמע, שפּילט איר מעלאַנכאָלישע מעלאָדיע פון אונטערגאַנג...

דער האָרבסט פייפט דורכן ווינט, די גרעזער בויגן זיך, די

בלומען שלאָפן וויאַנענדיקערהייט, די בוימער ווערן נאַקעט, אין שטיבל ווערט טונקעלער, אַ וואָלקן האָט פאַרדעקט די לבנה. די אַלטע זיצט ביי דער טיר ווי טויט, ווי אַן איינגעבויגן-פאַרגליווערטע געשטאַלט...

שטילקייט און פינסטערניש... זענען זיי טויט?... לעבן זיי נאָך?... קיין וואָרט, קיין שאָרך, קיין אָטעם... דורך דריי עלנטע קערפּערס זינגט דער טויט אין דער נאַכט אַ שרעקלעכע מעלאָדיע אָן קלאַנגען...

צוריק אין דער היים

נאָך צען יאָר צייט איז קלאָאַי צוריק אַהיימגעקומען. זי איז געווען אַ דינסטמיידל אין אַ גרויסער שטאָט. דאַן האָט זי געאַרבעט אין אַ רעסטאָראַן. דאַן איז זי אַוועק אין אַ דאַנסהאָל זיך לערנען טאַנצן. אַזוי ווי קלאָאַי איז אַ שלאַנק, שוואַרץ מיידל מיט זיידענע האָר און וווּנדערבאַרע גרויסע, אומעטיקע אויגן — האָט מען זי אַנגאַזשירט אין אַ טעאַטער. קלאָאַי איז היינט אַ גרויסע טענצערין אין אַ בראָדווייער נאַכט-קלוב. זי איז אויסגעוואַקסן אַ שיינקייט. אַפילו איר מוטער האָט זי נישט דערקענט...

אין קליינעם דערפל האָט קלאָאַי געפונען דאָס זעלבע הייזל פון אירע עלטערן, אָבער פיל עלטער, אָפּגעבליאַקירטער און טונקעלער. ווען קלאָאַי איז אַוועק אַ יונג מיידל פון דערהיים, איז דאָס הויז נאָך געווען אַ שיין הויז, כמעט דאָס שענסטע פון אַלע. זי געדענקט נאָך יעדע איינצלקייט דאָ. אָט זענען פאַרן הויז די צוויי ביימער: איינער איז מילד, גוט, איידל, זיינע צווייגן זענען גלייכע, דינע, דער גאַנצער בוים מאַכט אַ גוטן איינדרוק. דאַקעגן דער צווייטער בוים איז אַ פאַר-דרייטער, זיינע צווייגן זענען קרומע, לאַמע, ווי מיט בייזע, געבויגענע נערוון. אָט דעם בוים געדענקט קלאָאַי זייער גוט. פאַר דער צייט איז ער אַפילו עלטער געוואָרן. ווען קלאָאַי פלעגט זיך שפּילן מיט די קינדער אין גאָרטן, און ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן — האָט זי דער בוים געשראָקן. איצט איז קלאָאַי צו צו אים, אים באַרירט מיט דער צאַרטער האַנט, טאָמער וועט ער זיך אויפוועקן, זיך צעוויינען און זי אַרומנעמען מיט די קרומע צווייגן...

און דאָס קליינע גערטנדל, פול מיט וויאַנענדיקע בלומען. אַמאָל פלעגט קלאָאַי אַליין פאַרפלאַנצן די בלומען, זיך פרייען, ווען זיי פלעגן בליען, קלאָאַי האָט די קליינע קנאָספּן באַרירט, זיי אַרויסגערופן, די צאַרטע בלומען — און ווען זיי האָבן רויט, בלוי און ראָזע אויפגעבליט,

האָט קלאָאי זיי געקושט מיטן שוואַרצן שיינעם מויל. זיי געליובעט און געליובעט אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבן אָנגעהויבן וויאַנען. איצט וויאַנען די בלומען. די קליינע ביימלעך אין גאָרטן זענען איר אומבאַקאַנט. דאָס זענען נייע שפּראָצונגען...

קלאָאי האָט, ווי געזאָגט, נישט דערקענט איר מוטער. איצט איז זי געווען אַ ברייטע, אַ צעיוירענע, אַ גרויע, מיט גרויסע טרויעריקע אויגן. קלאָאי האָט זיך מיט דער מוטער צעקושט און געפרעגט אויפן פאָטער. די אַלטע פרוי האָט מיטן פאַרטוך זיך גענומען ווישן די טרערן. דערפון האָט קלאָאי פאַרשטאַנען, אַז דער פאָטער איז טויט, און זי האָט נאָר געפרעגט: ווי לאַנג?

— שוין דריי יאָר. האָט אויסגעקרעכצט די מוטער. ... זעסט דעם אַלטן שטול, דאָ איז ער געלעגן און געקרעכצט און געשפּיגן. דאָ איז ער געבליבן ליגן טויט, שווייגנדיק.

קלאָאי האָט געהאַט צוויי שוועסטערן, סערע און קאַראָליינאַ. זיי זענען עטוואָס עלטער פאַר איר. איצט האָט קלאָאי געזען, ווי זיי זענען גרויס געוואָרן, אויסגעוואַקסן, ריזיק-פעט און אומעטיק. סערע, די עלטערע, האָט כסדר געלאַכט און געשמייכלט — און צייטנווייז אַרייגעפאַלן אין אַ מעלאַנכאָליע. קאַראָליינאַ האָט אויך געשוויגן און געהוסט. די מוטער האָט קלאָאין פאַרטרויט אַ סוד, אַז קאַראָליינאַ איז לונגענקראַנק. דאָס האָט זי איבערגענומען פון פאָטער, וואָס האָט זי זייער ליב געהאַט און האָט זי געקושט און געהאַלזט, קיין בעסערע מתנה האָט ער נישט געפונען צו שענקען—האָט די אַלטע געמורמלט...

די ערשטע צייט האָבן די שוועסטערן זיך געשעמט פאַר קלאָאין. זי איז דאָך אַ טענצערין — און אַזאַ איידעלע, אַ שטילע... זי טראָגט זיידענע אונטערוועש. דאָס האָבן די מוטער און די שוועסטערן דערפאַרן דאַן, ווען קלאָאַי איז געשלאָפן. דאַן האָבן זיי באַטראַכט אַלע אירע זאַכן, אירע קליידער, די בילדער פון יונגעלייט אין האַנטבייטל.

עטלעכע טעג זענען דורך. טייל פרויען פון דאָרף האָבן זי נאָך גוט געדענקט, ווען זי איז געווען אַ קליין מיידל.

שפּעטער האָבן זיך די שוועסטערן מער נישט געשעמט. קלאָאַי האָט געזען, אַז פאַרנאַכט צו פוצן זיך קאַראָליינאַ און סעראַ אויס. זיי פאַרבן זיך די ליפּן. זיי וואַשן זיך מיט שמעקנדיקער זייף, דאַן קומען אָן יונגעלייט פון דאָרף, פון אַנדערע דערפער. מען זיצט, מען רויכערט, מען זאָגט געמיינע וויצן. יעדע ווילע גייט אַ שוועסטער

מיט אַ מאַן אַריין אין קליינעם דאַך-שטיבל און קומט צוריק אַרויס אָן דעם שמייכל... די געשרייען פלעגן געדויערן ביז שפּעט ביינאַכט. די אַלטע מוטער אירע דערלאַנגט אַ טרונק. די שוועסטערן זענען אַזוי אויסגעלאַסן...

קלאָאַין האָט עס ווי מיט שפּילקעס געשטאָכן ביים האַרץ. זי האָט ·ן איר בעטל געהערט ווי אין דער אַנדערער זייט וואַנט הוסט קאַראָליינאַ, הוסט די גאַנצע נאַכט, סעראַ לאַכט און קוויטשעט ווי אַ קאַלב אין שלאַכטהויז. די יינגען זענען הייס, ברוטאַל און געמיין.

ווען קלאָאַי איז דורכגעגאַנגען דאָס שמאָלע געסל פון איר דאָרף האָט זי געזען, ווי די איינוווינער קוקן איר געהיים נאָך, ווי די קליינע יינגלעך טייטלען אויף איר. די מיידלעך ווערן רויט און שמייכלען... די ביימער, די אַלט-באַקאַנטע, גוטע ביימער מיט קרומע צווייגן, האָבן איר איצט צוגעוואָרפן געלע בלעטער, ווי טשעפּנדיק מיט איר. די זון איז אונטערגעגאַנגען, אַרויסרופנדיק אין קלאָאַין אַזויפיל האַרציקע, קינדערישע דערינערונגען. אָט איז אַ זון-אונטערגאַנג, די וואָלקנס ווערן רויט, ווי בלוט, ווי זיידענע ריזיקע בלומען. זי איז אַ קליין מיידעלע מיט גאָלדענע האָר. ביים דיקן בוים, נעבן טייכל, וואַרט אויף איר דזשימי. דער שיינער יינגל, ער גיט איר שאָקאָלאַד צו עסן און זאָגט, אַז ווען זיי וועלן ביידע גרויס זיין, וועט ער איר גאָרנישט געבן צו עסן, אויסער שאָקאָלאַד, נאָר זיסע שאָקאָלאַד...

און איצט פאַרגייט ווידער אונטערן בערגל די זון, ווי אַ ריזיק רונד שטיק שאָקאָלאַד. פון די שטראַלן איז אַזש קלאָאַין זיס געוואָרן אין מויל... אַזוי איז קלאָאַי אַוועק מיט די וועגן צום בערגל און די ביימער האָבן איר אויסגעשטרעקט די רויטע צווייגן...

ווען קלאָאַי איז אַהיימגעקומען, האָט די מאַמע איר איינגערוימט אַ סוד, אַז ראַסטערס, דער רייכער יונג פון דאָרף, וואַרט אויף איר אין אַנדערן צימער... זאָל זי אים גוט באַהאַנדלען... ער איז רייך... ער קאָן גאַנץ שיין באַצאָלן...

קלאָאַין האָט זיך דאָס האַרץ פאַרקלעמט. זי האָט זיך צעוויינט און אַריין אין אַנדערן צימער. דעד גראַמאָפאָן האָט געשפּילט אַ נעגעריש טאַנץ-ליד.

מיט פעטע, תאווהדיקע ליפּן האָט ראַסטערס געוואַרט אויף איר. אירע שוועסטערן זענען געלעגן אין די אָרעמס פון צוויי יינגען. קאַראָליינאַ האָט געהוסט און יעדעס מאָל אויסגעשפּיגן אויפן באָדן.

קלאַי האָט געכאַפּט דעם יונג און מיט אים אָנגעהויבן טאַנצן צו די קלאַנגען פון גראַמאָפאָן. זי האָט געטאַנצט שיין און רירנד. אירע גלידער האָבן זיך שמערצלעך געבויגן צום ווילדן טאַקט. טרערן זענען גערונען פון אירע אויגן. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי טאַנצט דעם טאַנץ פון איר קינדהייט, פון איר טרויעריקער יוגנט, פון איר פיין...

* * *

קלאַי האָט זיך צעקושט מיט איר אַלטער מוטער. „ווייַן נישט, מאַמע!” האָט איר כסדר קלאַי אַריינגעמורמלט. קאַראָליינאַ האָט זיך צעהוסט און צעוויינט. סערע האָט געשמייכלט און געקושט קלאַאין אינמיטן מויל...

— שרייב אַ בריוו — האָט די מוטער איר אָנגעזאָגט. קלאַי האָט פאַר רירונג גאָרנישט געקענט רעדן. זי איז אַוועק מיטן שטילן וועג צו דער באַן-סטאַציע. אויפן וועג האָבן איר די אַלטעביימער באַגעגנט און געגריסט. די זון איז אויפגעגאַנגען איבערן בערגל, אַ רויטע אַ גרויסע און פרישע. קלאַאיס האַלז האָט זיך געשטיקט מיט טרערן. יעדער שטעג און ווינקל איז איר באַקאַנט דאָ... זי פאַרלאָזט עס איצט אויף שטענדיק...

די וויאַנענדיקע בלומען האָבן זיך געלייגט צו אירע פיס. ביי דער באַן-סטאַציע האָט קלאַאַי געזען, ווי פון דער מוטערס הייזל ציט זיך אַ גרויער, אַן אומעטיקער רויך, ווי עמעץ וואָלט געוויכערט אַ קופּער-רויטע פייקע, און דער מעלאַנכאָלישער רויך וואַרפט זיך געבויגן און געשלענגלט... רויך און אַש פון פאַרברענטע זאָרגן און טרוימען...

אויפן אטלאַנטיק

ער פערטער טאָג אויפן אַטלאַנטישן אָקעאַן.

פּאַר אָסקאַר אוּאײַלד איז דער זון-אונטערגאַנג געווען באַנאַל. יאָ, ער האָט אים געזען פּאָרנדיק אין זײַן קאַרעטע אין די לאָנדאָנער פּאָרשטעט. אָבער ווי ניי איז אויפן ים יעדער זון-אונטערגאַנג! אַ מעכטיקע וויזיע, אַ סימפאָניע פון רויט-פלאַמענדיקע פאַרבן, וואָס האָבן נאָר איין מיסיע: צו אַנטפּלעקן אין טויזנטער פאַרבן, די שיינ-קייט פון דער אומשטערבלעכער נאַטור. נעכטן אָוונט איז די זון פאַרגאַנגען אין אַזאַ גרויזאַמער וויזיע, אַז ס'האָט זיך געדאַכט ערגעץ אויף די שטיינערנע בערג פון ים צערייסן רויטע הענקער אַ פרוי, און איר בלוט שטראָמט אין ים און פאַרבט אים רויט. די וואָלקנס האָבן ווי צעבלוטיקטע העמדער-שטיקער פון דער גיגאַנטישער פרוי געפלאַטערט אויפן הימל, און די הענקערס האָבן אין שטורם געלאַכט זייער גרויזאַם געלעכטער...

טויזנט זון-שקיעות אויפן ים — טויזנט פאַרשידענע גראַנדיעזע בילדער פאַר מאָלער אין דער קראַפט פון אַ רובענס. יאָ, מיקל-אַנדזשע-לאָס פיגורן, די מעכטיק-שטאָלענע קערפּערס פון זײַנע קראַפט-העלדן קען מען דאָ זען און פאַרשטיין, אינם גרויזאַמען, שטאָלערנעם ים, וואָס רוישט מיט קופּערנע אַלפּן-לונגען...

נעכטן איז געווען אַ שיינער טאָג. אַלע זענען מיר געזעסן אויפן דעק און זיך געוואַרעמט אין דער זון, די כוואַליעס פון רויטן פלייש האָבן דאָרט געפליוסקעט אין ערגעץ וויַיט-ווײַט האָבן זיך גע-טראָגן קלײַנע פישער-דאַמפּפערס פון 3 אָדער 4 טאָן די וואָג; אָפּטמאָל פאַרלאָזן די דאָזיקע דאַמפּפערס זייער לאַנד ביז טויזנט קילאָמעטער אין ים. בעת אַ שטורם דראָט זיי אַ גרויס געפאַר. אַפילו הײַנט טראָגן זיי זיך איבער די שוימיקע כוואַליעס ווי פּילקעס.

אָבער הײַנט איז אַ געדיכטער נעפּל: אַ נעפּל פון אַזאַ געדיכטקייט

אַז מען זעט נישט 3 מעטער ווייטער פון זיך, די ענגלישע דאַמען, וואָס זענען דאָ, טוליען זיך איין אין זייערע מאַנטלען און שרייבן בריוו. מיר דאַכט זיך, אַז זיי אינטערעסירט ווייניקער דער ים און זיינע כוואַליעס. זיי זענען קליינע נאַטור־באַוווּנדערער; זיי פאָרן צוריק פון אויספלוגן אין אייראָפּע. די דאַמען זענען אַלע שלאַנקע, העפלעכע און צערטלעכע; וואָס פאַר אַ קעגנזאַץ צום ים! צום מעכטיקן נאַטור־ווערק וואָס אָטעמט מיט שטאָל און קופּער!

עס וווּנדערט ממש ווי אַזוי די דאָזיקע מענטשן האָבן באַצוווּנגען דעם ים; אָבער נישט זיי האָבן אים באַצוווּנגען. יענע נאָרדישע זעגלער זענען עס געווען די ערשטע; די נאָרדישע פישער מיט די רויטע האָר און בלויע קלאָרע אויגן האָבן דורכגעמאַכט דעם וועג, וואָס מיר היינט מיט גיגאַנטישע דאַמפערס; איצט פאָרן אויפן דאָזיקן וועג בלאָנדע דאַמען מיט פאַרצערטלטע פנימלעך...

יונגע אַמעריקאַנישע סטודענטן שפּילן אויף דער פּיאַנע ענגלישע ראָמאַנסן; אַ לאַנגווייליקער פילם האָט דאָ שוין אויך געשפּילט, און איך האָב זיך נישט געשעמט אינמיטן אַרויסצוגיין. שוין האָב איך דערפילט אויפן שיף די אַמעריקאַנער פלאַכקייט.

דער ים ענדערט זיך טאָפּלט; אין זיך אַליין ענדערט ער זיך יעדן טאָג; זיינע קאָלירן זענען נישט סטאַביל; אַנדערע נאַטור־דער־שיינונגען, ווי זון, נעפּל, שטורם און הימל גיבן אים צו זיינע קאָלירן און שטימונגען.

דער ים ענדערט זיך באַזונדערס אינעם מענטש זעלבסט; ער איז אויסגעשטעלט צו די קאַפּריזן פון מענטשנס מאָגן, האַרץ און געדאַנק. דער ים איז גרין פאַר די קראַנקע און מידע, דער ים איז פריילעך פאַר די פריילעכע. דער ים איז גרויזאַם פאַר די עלנטע און צעבראָכענע. דער מענטש מוז אַרויפלייגן זיין סוביעקטיוון ווילן אויף דער נאַנצער נאַטור...

איך לייען היינריך היינען. איך האָב זיך דערפרייט מיט אים אין דער ביבליאָטעק פון „וועסטערנלאַנד". היינע דערהייטערט מיך און צום ווייפלטן מאָל! איך לייען זיינע גראַציעזע לידער און שמערצלעכע דיכטונגען פון די לעצטע יאָרן, פיל איך זיך לייכטער און פאַרבונדן מיט אייראָפּע. נישט ווילנדיק טראַכט מען וועגן היינטיקן דייטשלאַנד. די שווערקייט און גראַנדיאָזיטעט פון דער נאַטור, פון ים ווערט

געמינערט דורך דער שפּילעוודיקייט און גראַציע פֿונם דאָזיקן געטלעכן שפּאַטער, פֿון דאָזיקן בלוטנדן פּאַיאַץ...

עס זענען אויך דאָ יידישע ביכער: פּרץ, שלום עליכם און ספּעקטאָר. איך האָב זיך דערפֿרייט מיט זיי. אָבער לייענען פֿיל קען מען נישט אויף אַ שיף. מען קען נישט דענקען. די שיינקייטן, וואָס מען זעט, נויטיקן זיך אין דיסטאַנץ.

* * *

ווען נישט די פּריינט, וואָס מען שאַפּט זיך שנעל אויפֿן ים, וואָלט איך געווען אַ גרינער, נישט קענענדיק קיין ענגליש. דער צופֿאַל האָט געוואָלט האָבן, כ׳זאָל זיך שנעל באַקענען מיט אַ דייטש, וואָס איז שוין 30 יאָר אין אַמעריקע און האָט איצט באַזוכט דייטש־לאַנד. וועגן פּאָליטיק ווייסט ער זייער ווייניק. דאָס איינציקע וואָס ער ווייסט, איז, אַז היטלער האָט דערהויבן דייטשלאַנד...

מיר האָבן דאָ בולגאַרן, רוסן און יידן. די דאַמע וואָס האָט באַלד מיט אירע טיף־גרינע אויגן צוגעצויגן אַלעמענס אויפֿמערקזאַמקייט, איז קראַנק. זי ווייזט זיך זעלטן אויפֿן דעק.

דאָס עסן איז אויסגעצייכנט. מוזיק שפּילט צו און עס דאַכט זיך, אַז מען געפֿונט זיך ערגעץ אין ווענעדיג. דאָך ווערט צייטנווייז לאַנגווייליק. הימל און וואַסער; די מעוועס פֿליען אין דער הויך און שווימען אויף די כוואַליעס. אַ פּאָליאַק זינגט מיר רוסישע לידער און מיר דאַכט, אַז אין מיר דערוואַכט יענער פּלאַם, וואָס דער גאַנצער אַטלאַנטישער אָקעאַן וועט אים נישט קענען פֿאַרלעשן. אַ פּלאַם, וואָס איך טראָג מיט נאָך פֿון אייראָפּע און וועלכער פֿאַרברענט מיך!

אָבער דער ים איז ווילד און אָן שום פּראָבלעמען; אַ גרויזאַמע שיינקייט; די מוזע פֿון ים איז אַ נאָרדישע פֿרוי מיט רויטע האָר, וואָס טרינקט ווײַן פֿון בליציקע קרוגן. באַלד וועט די מוזע זיך אָנשיכורן און זי וועט בליצן בלויע באַגייסטערונג אין די אומצייליקע כוואַליעס פֿון ים...

די גראַנדיעזע שיינקייט פֿון ים פֿאַרטווישט מען אָפּט אויף קאָרטן און דאַמקע, מען רויכערט פֿיל און מען רעדט נאָך מער. איך לייען הײַנעס ווערק און וויל זען אין ים די גאָלד־געטאָקטע לאָרעליי

און די פרינצעסן אולזע אין איר פאַרצויבערטן שלאָס. דאָס געלינגט מיר אָבער נישט.

נאָכמיטאָג איז געוואָרן שענער; שוין גרייט זיך די זון צו ווייזן איר גראַנדיעזן זון-אונטערגאַנג. באַלד וועט אַ העקנער אין פורפורנעם מאַנטל אָפּהאַקן מיט אַ געלער שווערד דעם קאָפּ פון אַ נאָרדישן גאָט — און דער קאָפּ מיט רויטע, פאַרבלוטיקטע לאָקן וועט זיין די געוואַלדיקע זון.

באַלד וועלן אַראָפּגיין די ענגלישע ליידיס פון די בילדער און טאַנצן אַ פּרעכטיקן טאַנגאָ אונטער דער באַגלייטונג פון דער זייער אומגליקלעכער מוזיק, וואָס מיין בולגאַר שפּילט אויף דער פּיאַנע. דאָס איז איבערהויפּט אַ מאָדנער טיפּ. נאָכן גאַנצן מיטאָג זעצט ער זיך אויפּסניי צו צו אַן אַנדערן טיש און הייבט אָן ווידער צו עסן. אויף אַלע שפּייזן זאָגט ער „יעס" — ד. ה. אַז ער האָט עס ליב...

באַלד וועט דער ים ווערן רויט און געהיימע שטעט, קלויסטערס און שלעסער מיט רויטע דעכער וועלן אַנטפּלעקן זיך אין די רויטע כוואַליעס, און פרויען וועלן שפּילן אויף האַרפן...
נאָר — מיר איז געוואָרן מאָדנע אומעטיק. עס איז דער אומעט פון איינעם, וואָס שרעקט זיך פאַר נייע איבערראַשונגען. פון איינעם, וואָס בענקט אַהיים.

און אומגעריכט דערשיינט פאַר מיר אויף אַ כוואַליקן אינזל לאָרעליי און שפּילט אַזאַ טרויעריק ליד, וואָס ציט ביים האַרץ, און אירע לאָקן כוואַליען זיך און דעקן באַלד צו דעם גאַנצן ים. שוין האָט זי מיך געפאַנגען, און אַ פאַרשיכורטער בלאָנדזשע איך אום אין די גרין-שמאַראַגדענע שלעסער, וואָס זענען אירע צויבער-נעצן — —

אָבער אויפגעוועקט האָט מיך מיין בולגאַר, רופנדיק מיך עסן. דעם אמת געזאָגט, געפעלט מיר זייער דאָס עסן: עס איז דאָס איינציק אינטערעסאַנטע אויף דער שיף.

באַלד דערנענטערן מיר זיך צו האַליפאַקס. טשעכאָסלאָוואַקישע פּאַסאַזשירן גרייטן זיך אָפּצושטייגן אין קאַנאַדע. די פּרינצעסין אילזע און די רויטלאָקיקע לאָרעליי פאַרשווינדן. מיר דערנענטערן זיך צו לאַנד, וואָסער מאָדנער געפיל: אויפן ים טרוימט מען שוין פון דער ערד — און עס דאַכט זיך אָפּט, אַז דער ים וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן.
און איך קען באַגרייפן, וואָס דער דייטש דערציילט מיר, אַז זיינע עלטערן זענען אויף אַ קליינער זעגל-שיף געפאָרן פון ניו-יאָרק קיין

ברעמען גאַנצע 98 טעג — און נעבן ברעמען אומגעקומען אין אַ שטורם. דאָס איז געווען אין יאָר 1848.

* * *

געוויינלעך איז זייער אומעטיק אויף אַ שיף. מען גייט שלאָפן 9 אינאָוונט. טייל פּאָרען זיך נאָך אַרום אויפן דעק. מען רופט זיי נאַכטוואַנדלער. די דאַמען זענען כמעט די גאַנצע צייט אין די קאַבינעס, אָדער אין די סאַלאָנען. מען שפּילט פאַרשידענע נאַרישע שפּילן און מען וויצלט זיך. טיילווייז קען מען שוין באַמערקן דעם אַמעריקאַנישן גייסט. מיט מיר פאָרט אַ יידישער יינגערמאַן, וואָס רעדט גוט יידיש. קען מער-ווייניקער די יידישע ליטעראַטור און איז דאָך אַ לערער אין אַן ענגלישער הויכשול; די עכטע אַמעריקאַנער טוריסטן לייענען זייער פיל סאָציאַלע ביכער, ווי סינקלער און דרייזער; עס זענען דאָ גייסטרייכע מענטשן און די מערסטע טייל זענען סאָציאַליסטיש געשטימט.

אין אַלגעמיין איז עס אַ מער מענטשנפריינטלעכער עלעמענט, ווי אין אייראָפּע. ביים אַמעריקאַנער איז עס אַ נאַטירלעכע פריינטשאַפט, אָן מאַסקירטע העפלעכקייט און עלעגאַנץ, כמעט אַ ברוטאַלע. ס'איז גענוג צו דערמאָנען דייטשלאַנד, זיי זאָלן זיך דירעקט אָנצינדן.

* * *

אַ פרוי פאָרט מיט איר טאָכטער און זון צוריק פון לאָנדאָן. זי האָט דאָרט געוואָלט בלייבן. איצט פאָרט זי צוריק. ווער עס געווינט זיך איינמאָל צו צו אַמעריקע, באַקומט זי ליב...

זי איז אַ פרוי פון אַ יאָר 35, שוואַרץ, מיט סימנים פון אַמאָליקער שיינקייט — אָבער זייער רואינירט; די אויגן זענען נאָך געבליבן אין פולער לעבעדיקייט.

איר טאָכטער איז 15 יאָר אַלט און אַ פּרעכטיקע שיינקייט!

אין די פאַרנאַכטן זיצט די מוטער, וואָס קליידט זיך עלעגאַנט און גראַציעז, אַליין אויפן דעק. פאַרטון אין רעיונות. איר טאָכטער האָט דערפאַלג און לאַכט מיט די אַהיימקערנדע אַמעריקאַנער סטודענטן.

יעדע ווײלע וואַרפֿט די מוטער אַ בייזן בליק צו דער שײנער טאָכטער און פֿאַרטיפֿט זיך ווידער אין זיך...

איר אייגענע שײנקייט און יוגנט איז פֿאַרקערפּערט אין איר טאָכטער. איר קינד איז איר פֿאַרניכטונג, איר טויט...

* * *

אַ גריך פֿאָרט קיין ניו־יאָרק. איך רעד מיט אים און דריק אויס מײן באַוווּנדערונג איבער גריכנלאַנד, דאָס לאַנד פֿון קונסט און ליטעראַטור. דאָס לאַנד פֿון פֿילאָזאָפֿיע און טעאַטער, ווו עס האָבן געלעבט פּלאַטאָ, סאָקראַטעס, העראַקליט און עמפּעדאָקלעס. איך רעד מיט באַגײסטערונג איבער סאָפֿאָקלעס, עסכילאָס, עאוריפּידעס און אַריסטאָפֿאַנעס. דאַן הייב איך אָן צו ציטירן די געטלעך־צאַרטע לידער פֿון דער ווונדערלעכער סאַפֿאָ; איך דערצייל אים וועגן פּינדאַר און די פֿאַרשיכּורנדע ווײן־לידער פֿון אַנאַקרעאָן; מיט פּאַטאָס רעד איך וועגן די גריכישע סטאַטוען, וואָס כ'האָב געזען אין „לוווּר".

ער הערט דאָס אַלץ אויס, ווי אַ שטײגער איך וואָלט פֿאַר אים גערעדט איבער שלום־עליכם און מענדעלען. ענדלעך פֿרעג איך אים, אין וואָס גריכנלאַנד צייכנט זיך היינט אויס און צי ער קען די ניי־גריכישע ליטעראַטור.

ערשט דאָ וועקט זיך דער גריך אויף, ווי דערפֿילנדיק, אַז איצט איז געקומען די צייט, ער זאָל מיר באַווײזן זײן קענטעניש און ער זאָגט:

— יאָ, גריכנלאַנד איז גאָרנישט אָפּגעשטאַנען פֿונם אַמאָליקן פֿילאָזאָפֿן־לאַנד. היינט צייכנט זיך גריכנלאַנד אויס מיט די בעסטע... באָקסערס.

כ'האָב אים אָנגעקוקט אָן אַ שמייכל און שוין מער גאָרנישט געפֿרעגט.

* * *

נאָך היינט מאַכן די אַמעריקאַנער אויס דעם גרעסטן פּראָצענט טוריסטן אין אייראָפּע און אָריענט. דערבײ זענען עס מענטשן, אָפֿט־מאָל אָן שום קענטעניש, שוין אָפּגערעדט פֿון פּערזענלעכער באַגאַבונג.

צוריקפֿאָרנדיק קיין אַמעריקע, שלעפּן זיי מיט זיך גאַנצע

פעק בילדלעך. געוויינלעך זענען די בילדער קוריאָזע און אָריגינעלע זיי האָבן אַ חוש, די אַמעריקאַנער, פאַרן אייגנאַרטיקן. אָט זעט איר אים, דעם טוריסט, מיטן אידיאָטישן געזיכט, אויף אַ שווייצער אַלפּן-שפּיץ און אָט גאָר אין אַ קליין שיפל נעבן אַ רוישנדיקן וואַסער-פאַל. מיטן צוויבער פון דאָלאַר קען ער הייסן זיך עפענען די קברים פון רוסאָ און וואָלטער אין „פּאַנטעאָן" און אויך זיך הייסן אונטערצינדן רוים...

אַן אַמעריקאַנער טוריסט ווייזט מיר אַ בילד פון „קאָלאָסעאום", דעם מעכטיקן אַמפיטעאַטער פון רוים און אונטן שטייט ער אַליין און שמייכלט...

— אָרעמער קאָלאָסעאום! מיט וועמען דו מוזסט זיך אַלץ לאָזן פאָטאָגראַפירן!...

■■■■■■■■

לוסיל

אמידער פון זיך שלעפן אין אויטאָבוס, מיד פון נישט שלאָפן, פון איינאָטעמען אין זיך דעם שטיקנדיקן ציגאַרן-רויך, מיד פון דער האָפנונגסלאָזיקייט אויף אַביסל רו, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין סט. לואיס, אין אַ קליינעם האָטעל, נעבן באַנהויף.

אַ נעגער מיט גרויסע, ווייסע ציין און אַ קינדערישן שמייכל, עפנט מיר די טיר פון צימערל, אַ קליין, שמוציק צימערל, פארנאַכלע-סיקט און פינסטער. איך גיב אים זיין טרינק-געלט—ער שמייכלט נאָך...

איך פאַרשטיי זיין שמייכל. איך וואַרט. ער פרעגט ענדלעך, צי איך דאַרף נישט נאָך עפּעס...

איך בין מיד, צעבראָכן, קראַנק און טרויעריק. קיינעם קען איך נישט אין אַ פרעמדער שטאָט. ווי איך בענק נאָך שטילקייט, נאָך אַ ליבן מענטש, צו וועמען איך זאָל קענען רעדן...

איך הייס אַרויפקומען...

די אומגעדולד שטייגט. ענדלעך — אַ שטילער קלאַפּ אין טיר, ווי אַ געהיימע געליבטע וואָלט אָנגעקלאַפּט אין טירל פון אַ טורמע צו איר געליבטן. ווי שיין איז די שטילקייט און סודותדיקייט אין דער ליבע! איך עפן אויף — פאַר מיר שטייט אַ מיידל, כמעט נאָך אַ קינד, זי שמייכלט שעמעוודיק, אירע אויגעלעך, די בלויע, גלאַנצן ווירקלעך ווי ביי אַ חנעוודיק קינד. זי האָט אַ קליין, שיין פּנימל, איז דין, שלאַנק און שאַרמאַנט.

זי האַנדלט מיט מיר איבערן פּרייז. איך קוק אויפן קינדערישן מיידל, וואָס רעדט אַזוי נאַטירלעך איבער דעם פּרייז פון איר קער-פּער. איך פיל ווי עפּעס פאַרברעכערישעס באַגיי איך אין דעם מאָ-מענט. די געבליטן צינדן זיך אין מיר אָן. איך בין עלנט און טרויעריק. אַ פיבער ברענט אין מיר. איך בין שמוציק, נישט געוואַשן און מיד. איך קוק אויפן קינד.

איך טו אָ גלעט אירע האָר. איך וויל איר ווייזן, אַז נישט בלויז אַ סעקסועלע באַציִונג האָב איך צו איר. זי לאָזט זיך נישט גלעטן די האָר, זיי האָבן פּרעכטיקע קרויזן, זיי זענען געפאַרבט אין אַ העל-גאָלדיקער פאַרב, פון זון — בלאָקירט, זיי זענען באַגאָסן מיט פּאַרפום. מיינע הענט וועלן פאַרגלעטן אירע קרויזן. מיינע הענט גלעטן מיט צערטלעכקייט, אָבער איר זענען דאָך טייער די קינסטלעכע קרויזן. שוין האָט זי מיך געוווּנען. אָבער וויפיל הונדערטער מענער דאַרף זי נאָך פאַנגען מיט די דאָזיקע קרויזן?...

איך גלעט איר געזיכט, זי אַמפּערט זיך מיט מיר. ערשט האָט זי די באַקן גרימירט, און רויטע בלומען בליען אויף איר געזיכט, ווי פון קליינעם מויל אַרויס, אירע ליפּן — בלוטיק-רויט און מיט פאַרב צעגאָסן...

— ווי רופט מען דיך, שיין מיידל?

— לוסיל, — ענטפערט זי שעמעוודיק.

— לוסיל? ס'איז דאָך אַ פראַנצויזישער נאָמען.

— מיינע עלטערן זענען דייטשן, זיי האָבן געוווינט אין דער שווייץ, צווישן פראַנצויזן.

— לוסיל! ווי שיין דאָס קלינגט. און ווו זענען היינט דיינע עלטערן? האָבן זיי דיך פאַרגעסן?

— איך ווייס נישט, זיי האָסן מיך! איך ווייס נישט, צי זיי לעבן. די מאַמע האָט מיך זייער ליב געהאַט. דער פאָטער האָט מיך געשלאָגן.

איך קוק אויפן דאָזיקן קינד. זי איז אינגאַנצן נאַקעט. אירע פיס זענען דין און איידל. איר פיגור איז ייִנגלעריש, ווי פון די גריכישע רייטער-ייִנגלעך. מען קען זי לייכט איבערברעכן. מען קען זי פאַר-וואַנדלען אין אַ דינעם פייגלבויגן, ווי אַ האַלבע לבנה. איך קוק אויף איר. ווי קען מען אַזאַ קינד האָסן? איך פאַרשטיי עס נישט.

— לוסיל, דו ביסט אַזאַ שיין מיידל!

— אַלע מענער זאָגן מיר, אַז איך בין שיין. און פון וואַנען קומסטו?

— פון פּאַריז, לוסיל. פון פּאַריז. ווילסטו קומען קיין פּאַריז?

— איך טרוים וועגן פּאַריז. גיב מיר דיין אַדרעס. איך וועל צו דיר קומען.

זי גלעט מיינע האָר. זי ליגט אין איר קינדעריש-נאַקעטער

שיינקייט, און איך האָב דעם איינדרוק, אַז אַ שיין-אַנטוויקלט קינד ווערט דורך מיר פאַרברעכעריש געשענדט.

די האָר לאָזט זי זיך נישט באַרירן. די באַקן בליען מיט פיבער-רויזן און נאָענטן טויט. די טובערקולאָזע ציט אָפּ אויף איר קערפּער די ביינערדיקע פאָרמען. די קליינע, עלעגאַנטע שיכלעך טוט זי זיך נישט אויס — נאָר שענדן זאָל מען זי און מער נישט...

זי פאַרשטייט נישט אַנדערש. זי קוקט מיך אָן. ביי איר בין איך דער ערשטער מאַן, וואָס באַהאַנדלט זי נישט ברוטאַל. זי וווּנ-דערט זיך. דאָס מאַכט אויף איר אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק. דאָס קינדע-רישע אין איר דערוואַכט, זי איז דאָך נאָך אַזאַ גרויס קינד... פאַרוואָס ווערט זי שוין אַזוי יונג געשענדט? פאַרוואָס? פאַרוואָס?

קיין פּראָסטיטוטקע קושט מען נישט. פאַרוואָס? איך ווייס נישט. ווייל אַלץ איז מעכאַניש. ווייל זי ליבט נישט. ווייל זי איז אַ סעק-סועל מאַשינדל. ווייל זי נעמט געלט... ווייל זי איז פאַלש... זאָל זיין ווי עס איז. זאָל איך זיין אַפילו דער ערשטער.

איך טו דאָס צאַרטע מיידל אַ קוש. זי צעוויינט זיך. קיין געלט וועט זי נישט רירן. אפשר וועט איר וועלכער מאַן קויפן זיידענע אונטערוועש. די אונטערוועש וועט איר זאָגאַר געפעלן. אָבער זי וועט נישט וויינען. זי וועט שמייכלען... זי וועט קוועלן... אָבער עס וועט זי נישט רירן. ניין. זי וועט נישט ווערן אַזאַ טרויעריק קינד, ווי איצט. איך האָב איר געגעבן אַ קוש! אַ קוש! ווי שרעקלעך! אַ מאַן האָט זי געקושט, אַ פרעמדער געלט-מאַן, בשעת איר מוטער פאַראַכט זי. בשעת זי מוז זיך אָפּגעבן ווייס-הויטיקע געמיינקייטן, בשעת זי מוז שלאָפן מיט נעגערס. בשעת איר צאַרט, זיידן לייב ווערט באַרירט ווי לעדער פון האַרטע, בלעכענע הענט...

דער דאָזיקער קוש האָט אין אַ קליין, פאַרדאָרבן קינד צעריסן דאָס האַרץ, דאָס קליינע, רויטע האַרץ, וואָס איז יאָרנלאַנג געווען פאַרגליווערט.

— לוסיל, לוסיל! וויין נישט! פאַרוואָס וויינסטו?

זי שלוקערצט. פריער האָט זי געציטערט פאַר אירע געקרויזטע האָר און די געפאַרבטע אויגן. איצט ווערן נאַס די שיינע אויגן פון טרערן. טרערן מאַכן קאַליע די פאַרב. שוואַרצע טרערן... ווי שטענג-לעך פון בלומען צייכענען זיי אָן אויף די באַקן אַראָפּרינענדיק. צעשטערן די רויזן אויף איר געזיכט. זי וויינט, זי וויינט. ווי אַ שמע-

טערלינג, וואָס טוט אַ לעצטן ציטער פאַרן טויט אין פייער מיט זיין זיידענעם קערפּערל, ציטערט זי אויף, וויינט, שלוקערצט און קרעכצט. אַ צאַרטער שמעטערלינג — און שוין אַזוי אומגליקלעך...

— גיב מיר דיין אַדרעס, איך וועל קומען צו דיר קיין פּאַריז...

— לוסיל, איך ווייס נישט, צי איך פאָר צוריק. די אַנדערע וואָך וועל איך צוריקפאָרן פון אָקלאַהאָמאַ, וועל איך ווידער קומען צו דיר. לוסיל, לוסיל! וויין נישט!...

זי וויינט אַלץ מער. איך באַטראַכט איר יונגען קערפּער. נישט אַנדערש — זי איז ערשט פופצן יאָר אַלט. איך וואָלט מיט איר איצט אַרויסגעפלויגן. איך וואָלט זי געראַטעוועט...

טריט... עמעצער דרייט זיך אונטער דער טיר. מען הערט זיך צו. איך בין אַליין אין אַ האָטעל. איך האָב מורא. איך הייס זי זיך אָנטון און גיין...

שרעקלעך איז עס פאַר איר. זי האָט אויך מורא און וויל נישט אַוועקגיין. ווירקלעך, דאָס ערשטע מאָל האָט זי דערפילט אַ מענטשלעכע באַציִונג. איך האָב זי מיט די צערטלעכקייטן דערמאָרדעט. פון איצט אָן וועט זי וויסן, אַז מענטשן קענען אויך זיין איידל. זי האָט פאַרזוכט דעם טעם פון שטילקייט און איידעלער באַציִונג צו איר. ביז איצט איז זי געווען צוגעוווינט צו זינד, ברוטאַליטעט און געמיינע אָרגיעס... איצט וועט זי שוין דאָס גאַנצע לעבן ליידן... צי וואָס האָב איך דערמאָרדעט אַ קינד... מיר טוט באַנג... אָבער איך קען נישט זיין ברוטאַל. כ׳האָב מיט דער זיידענער שווערד פון צערטלעכקייט שוין איינמאָל צעשניטן דעם האַלז פון איר נשמה... זי וועט שוין אייביק בלוטיקן... זי וועט באַלד שטאַרבן, ווי אַ ראָזע בלום, פון ליידן פול...

איך ווער שטרענג. איך העלף איר אָנטון זיך. אירע דינע הענט, ווי צוויי פלעכטלעך, ציטערן. איך זע ערשט אירע ברוסטן — צוויי קליינע, דאַרע ברוסטן, נישט אַנטוויקלט, צו פרי האָבן זיי די מענערישע הענט אַרויסגעפליקט — האָבן זיי זיך פאַרעקשנט און נישט געוואָלט מער וואַקסן... זיי האָבן נישט געוואָלט מער וואַקסן... הענגען זיי ווי האַלבע עפּל, הענגען טרויעריק, זינגען אַ מעלאָדיע פון איר קינדערישקייט...

זי איז שוין אָנגעטון. מיר איז אַ שאָד דאָס קינד. זי וויל נישט גיין. זי באַהאַלט די פאָר דאָלאַר אין זאָק. זי מאַכט זיך צורעכט די

קרויזן, דאָס איינציקע, וואָס זי פאַרמאָגט נאָך. דען איר קערפּער איז שוין דאַר, עלנט און טרויעריק, אַ קערפּער ווי אַ האַרפע פון ליידן און מעלאַנכאָליע. די צאַרטעביינדלעך פאָרמען זיך אויפן לייב ווי סטרונעס. אויף די דאָזיקע אָרעמע סטרונעס שפּילט שוין דער טובער-קולאָזן-טויט זיין אומעטיק ליד...

איך גיב איר נישט קיין אַדרעס. איך וועל זי קיינמאָל מער נישט זען. איך עפן די טיר — איך הייס איר גיין... איך פאַרבלוטיק. איך ציטער אויף. זי טוט אַ קוק אויף מיר — אַ קוק מיט יענעם קינדעריש-טרויעריקן בליק, וואָס קען פאַרגליווערן אַ מענטש...

איך ציטער. אונטער דער טיר שטיי איך און הער אירע טריט אויף די טרעפּ, די טריט פון אירע דינע צאַרטע פיס. די מעלאָדיע פון איר ויידענעם, שמעטערלינג קערפּער... איך הער די לעצטע טריט-מעלאָדיע... באַלד הערן זיי אויף, מיט זייער פאַרקלונגען — פאַר-שווינדט זי אינגאַנצן.

דער געהיימניספולער מאַן

ער איז נישט קיין באַגראָבענער, דער איינזאַמער מאַן, וואָס טראָגט אין פרילינגסטעג, ווען די פייגל קלינגען, אונטערן אָרעם צאַרטע קינדער, אין זייד פאַרוויקלט, צו די קליינע קברים אין דער רויטער ערד... זיין באָרד איז גרויס, פול מיט פעדערן, זיינע אויגן דערשראָקן, ווילד, שלעכט און שוידערלעך-געהיימנישפול; פון זיין הוט קוקן אַרויס די שוואַרצע האָר, און קרויזן און פאַטלעס צעוואָרפן און צעשויבערט; ער איז הויך, דין און שלאַנק.

ער וווינט איינזאַם אין אַ קליין הייזל, נעבן דעם רוישנדיקן וואַסער, און די כוואַליעס קושן דעם רויטן פונדאַמענט פון זיין אָרעמען שלאָס; נעבן אַ לעמפל, וואָס שיינט אומעטיק, שניצט ער און פאַרבט רויטע גילדערנע פידלען... ער אַרבעט מיט אַ זעלטענער געדולד; ער פאַרציט דאָס ווייסע האַרץ פון די צאַרטע פידלען, ווי זיידענע קערפערס פון לאַנגע שמעטערלינגען, מיט רויטער הויט פון דער פאַרב, וואָס גליווערט און ווערט האַרט און גלאַנצנדיק... טייל-מאָל שפּילט ער אויף זיי... טיילמאָל ציטערט זיין נשמה איבער די שאַרפע סטרונעס, און דאָס לעמפל גייט אויס אין דער טונקלהייט.

ווען ער גייט דורך די גאַס, ציטערן די קליינע קינדער און אַנטלויפן פאַר זיין געשטאַלט, פאַר זיין שוידערלעך-ווילדער באָרד... ער גייט זיין וועג, רויק, שטיל און איינזאַם, ווי אַ קעניג פון זיין לאַנד פאַרטריבן...

עס קומען גילדערנע האַרבסטן און צויבערלעכע פרילינגען; ווייסע, זיידענע שנייען און רייפער, קרעפּטיקער זומער; דורך אַלע נעכט שניצט ער מיט זיינע דינע פינגער די בלאָנדע אינסטרומענטן, ווי קינדער, צאַרט, ווייך, רויט-גלאַנצנדיק און חנעוודיק...

* * *

איינמאָל האָט דער ווינט געעפנט די פענסטער, ס׳איז גע־שטאָרבן דער שיין פונם לאָמפּ, וואָס האָט געהאַט באַשיינט אַ בילד אויף דער וואַנט: אַ יונגע פרוי מיט בלאָנדע האָר און ליכטיקע אויגן, פאַר וועלכער פיליכט „ער״ האָט זיין גאַנץ לעבן די פידלען געשניצט... איינזאַם, דעם קאָפּ מיט דער ווילדער באָרד געלענט אויפן גילדערנעם האַרץ פון פידל, איז געזעסן דער אַלטער מאַן נעבן קאָמין און גע־שמייכלט... ער איז געווען טויט...

דער ווינט האָט געשפּילט אַ צאַרטע מעלאָדיע איבער די סטרו־נעס פון די הענגנדע פידלען; דער קאָמין האָט מיט פונקען־אויגן געבליצט און שימערירט, ווי אַ צויבערלעך שפּיל אין פאַרבן...

דער אַלטער מאַן האָט טויטערהייט געטרוימט, אַז ער שפּילט אויף אַלע זיינע פידלען מיט צענדליקער אָרעמס... אַ קראָ איז גען שטאַנען אויפן פענסטער, די גאָלדענע ברויט־קרישקעס געפּיקט, או־הויך האָט די לבנה דעם אַלטן מאַן מיט שטראַלן געצערטלט און מיט אַ גילדערנער קאַם זיין באָרד צעקעמט...

די בלינדע

א מתנה פאַרן ליבן מיידל ליליען טוירנער

ערגעץ, אויף אַן איינזאַמען אינזל, צווישן געבערג און ווילדע פלאַנצן, האָבן געוווינט צוויי איינזאַמע בלינדע, אַ מאַן און אַ פרוי. זומער-צייט פלעגן זיי זיך דערנערן מיט ווילדע פרוכטן, וואָס זענען געוואַקסן אין ווילדן געבערג, מיט קרייטעכצער און זיסע בלומען. זיי פלעגן אויך אָנגרייטן פון זייער דערנערונג אויפן ווינטער, ווען אַלץ איז טויט און שווייגנדיק אין געבערג, ווען די הויכע, שטורמישע כוואַליעס פון ים שלאָגן זיך אָן אין די שטאַרקע פעלזן פונם אינזל, צעפליוסקען זיך און צעשפּריצן זיך צוריק אינם גרויסן, אומענדלעכן אָקעאַן.

ווינטער-צייט פלעגט זיין זייער טרויעריק דאָרטן. איבערן הימל האָבן שטענדיק, דורך גרויע טעג און אומענדלעכע, פינסטערע נעכט, געצויגן שוואַרצע, טינט-שוואַרצע כמאַרעס, פאַרדעקט דעם בלויען הימל און די זון, וואָס פלעגט אַ גאַנצן ווינטער זיין פאַרהוילן. דער ים האָט אומעטום געררוישט און געיאָמערט, אייביק געשטורעמט און זיך געבייזערט. עס פלעגט זיין זייער אומעטיק די צוויי בלינדע, וואָס האָבן געוווינט אין אַ קליינעם הייזל ביים ברעג ים. צוליב דעם, וואָס זיי האָבן גאָרנישט געזען מיט זייערע טויטע אויגן, האָט זיך קיינמאָל ביי זיי נישט געלויכטן אינם שטענדיק טונקעלן הייזל. אָפטמאָל פלעגט פאַלן אַ ווייסער שניי איבער דעם אינזל, פלעגן אים די קאַלטע כוואַליעס פון ים אָפּלעקן און — ווידער האָבן זיך אַרויסגעזען פון צעריסענעם שניי די גרויע פעלזן, ווי מעכטיקע ריפּן פון אַ ריזיקער חיה...

די צוויי בלינדע — די איינציקע איינוווינער אויפן אינזל — האָבן נישט געדאַרפט קיין ליכט אין די נעכט און קיין זון אין די טעג; אָבער דאָך האָבן זיי מיט די אויגן פון זייערע נשמות געזען די וועלט. יעדע מינדסטע ענדערונג אין דער נאַטור האָט זיי אַריינגעברענגט אין אַ נייער שטימונג, זיי זענען געווען די האַרפן פון אינזל, וועמענס האַרץ-סטרונעס האָבן אומעטיק און טאָנלאָז אָפּגעקלונגען... אין די

קאַלטע טעג און פינסטערע נעכט האָבן זיי באַשיינפּערלעך געפילט די קעלט און די פינסטערניש, ווייל דאַן איז זיי אויך געווען זייער קאַלט אין די נשמות און זייער פינסטער אין זייערע טויטע אויגן. זיי האָבן אַלץ פאַרשטאַנען און געזען, פיל מער געזען, ווי די פיל־זעעוודיקע, וואָס זענען בלינדער ווי זיי...

ווען דער פרילינג איז געקומען און איבערן געבערג און איבער די קאַלטע פעלזן האָט אויפגעלויכטן אַ וואַרעמע זון און אַרויסגערופן מיט אירע פרוכטפערנדיקע שטראַלן פאַנטאַסטישע פלאַנצן, גרינע גראָז און אומענדלעך־שיינע בלומען, פון וווּנדערלעכן רויט, אָראַנזש, גריי, געל און אַ סך צווישן־פאַרבן — האָבן די בלינדע אין לייכטע קליידער שפּאַצירט איבער דעם געבערג, דייטלעך געזען, ווי פלאַנצן שפּראָצן, געהערט, ווי די בלומען עפענען זיך און בליען, באַמערקט, ווי די פעלזן ווערן וואַרעם און לעבעדיק און וואַקסן אין זיך; די צוויי בלינדע האָבן אין פרילינג אויפגעלעבט און זיך געפילט גוט, זיך געפילט, ווי באַוועגלעכע פלאַנצן פון דער געגנט; זיי האָבן זיך גע־באָדן אין די שאַרפע וואַסערן פון אָקעאַן, זיך געוואַרעמט אין דער זון און זיך געגרייט זייער אַ סך פרוכטן און שפּייז אויפן האַרבסט, אויפן לאַנגן, זייער לאַנגן ווינטער.

אַזוי פלעגט די צייט זיך ציען אין דעם באַשיידענעם לעבן פון די בלינדע, ווי אַ לאַנגע כמאַרע אויף אַ דורכזיכטיקן הימל — און די צוויי מענטשן האָבן גליקלעך געלעבט זייער עלנט לעבן.

איינמאָל, ווען די לבנה איז אַרויס אין געבערג איבער די פעלזן און דעם ים מיט אַ קאַלטן, שטאָלענעם גלאַנץ באַלויכטן, — איז געבוירן געוואָרן אַ קינד אינם קליינעם הייזל. דאָס קינד איז געווען אַ מיידעלע און די צוויי בלינדע האָבן עס צערטלעך באַדינט, אין וואַרעם וואַסער געוואַשן, געקושט מיט וואַרעמע ליפּן, איינגעהילט אין 77 שמאַטעס און זיך איינגעהערט און איינגעקוקט דערין, צי עס אָטעמט, צי עס באַוועגט זיך, צי איז עס וואַרעם און צי איז עס הונגעריק.

די בלינדע זענען געווען גליקלעך מיט זייער קליינעם נפשל. זיי האָבן ביידע געאַרבעט פאַר דעם, און ווען דער שרעקלעכער שטורעם האָט גערוישט איבערן אינזל אין די פינסטערע נעכט—זענען צוויי איינזאַמע געשטאַלטן געשטאַנען נעבן דעם קינדס געלעגערל, געוויגט עס און אַזעלכע שיינע לידער געזונגען, אַז דאָס קינד פלעגט באַלד איינשלאָפן און הערן אין שלאָף זייערע זיסע לידער.

איינמאָל, אין אַן אָוונט, זענען מוטער און פאָטער געזעסן נעבן זייער קינד און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין זייערע מאַטע, טויטע אויגן... די צוויי בלינדע האָבן נישט געוווסט, צי זייער קינד איז אויך בלינד — און טראַכטעס, וואָס זיי אַליין זענען שוין געווען אָפּגעוווינט פון זייערע פאַרלוירענע אויגן און האָבן זייער גוט און פּינקטלעך אַלץ געזען — דאָך האָבן זיי געוואָלט, אַז זייער קינד זאָל האָבן אויגן, זאָל קאָנען זען די שיינע פאַרביקע בלומען, די ליכטיקע זון, דעם בלויען ים און דעם גרינעם הימל מיט אַ סך שוואַרצע וואָלקנס... זיי האָבן זייער געוואָלט, אַז זייער קינד זאָל זען... אָבער ווי אַזוי האָבן זיי עס געקאָנט וויסן? מיט ציטערנדיקע הענט האָבן זיי באַרירט דעם קינדס קליינע אייגעלעך... וואָס האָבן זיי געקאָנט וויסן?... זייער קינד האָט נאָך נישט געקאָנט דערציילן און רעדן, עס האָט נאָך נישט געקאָנט פילן די שרעקלעכע טראַגעדיע פון בלינד זיין... עס האָט נאָר געוויינט און געוויינט. אפשר האָט עס טיילמאָל אויך געלאַכט, אָבער דעם קינדס שמייכל האָבן די פאַרשאָלטענע נישט געקאָנט זען.

וואָכן און לאַנגע חדשים זענען געפלאָסן און געגאַנגען, דער ווינטער איז אַוועק און דער פרילינג מיט זיינע שיינע בלומען און גרינע פלאַנצן איז געקומען. אָבער זייער קינד האָט נאָך נישט געקענט רעדן... און די בלינדע האָבן זיך געטרייסט מיט דער האָפענונג, אַז זייער קינד זעט... מיט פאַרשידענע מיטלען האָבן זיי אויסגעפּרוווט, צי דאָס קינד איז זעעוודיק — אָבער אָן רעזולטאַט...

און טיילמאָל זענען זיי געווען איבערצייגט, אַז דאָס קינד זעט נישט. דאַן פלעגן גרויסע טרערן זיך באַווייזן אין זייערע פינס־טערע אויגן.

קיין שיפן האָבן נישט פאַרבייגעזעגלט דעם אינזל. קיין מענטש האָט זיך קיינמאָל נישט באַוויזן. בלויז אַ מין שוואַרצע פייגל מיט גרויסע שנאָבלען האָבן דאָ געלעבט. זיי האָבן זיך פריינטלעך באַצויגן צום בלינדן פּאָרל, זיי פלעגן באַרירן מיט זייערע פליגל דאָס קליינע קינד. אָבער די בלינדע האָבן דורך די פייגל גאָרנישט געקאָנט וויסן, צי זייער קינד זעט... איין האָפנונג האָבן זיי געהאַט: דאָס קינד וועט גרויס ווערן און דאַן וועט עס אַליין דערציילן, צי עס זעט...

און עס איז געוואַקסן, ווילד און שיין, מיט רויטע, לאַנגע און געקרויזלטע האָר און — מיט וווּנדערבאַר־ליכטיקע, קלאָרע און ווייט־זעעוודיקע אויגן און עס האָט געזען, ווי זיינע עלטערן זעען נישט,

און געטרויערט דעריבער... דאָס קינד האָט נישט געוואָלט דערציילן דער מוטער און פאָטער, אַז עס ווייסט, אַז זיי זענען בלינד... דאָס וואָלט זיי אויך ווי געטאָן... זיי וואָלטן זיך געשעמט...

איינמאָל איז דער בלינדער מאַן אַוועק צום וואַסער כאַפּן פיש און — ער איז אַ לאַנגע צייט נישט צוריקגעקומען. דאָס רויט-האָריקע מיידל איז אַוועק צום וואַסער און געזען, ווי די כוואַליעס וואַשן ביים ברעג דעם טויטן קערפּער פון איר פאָטער. זי האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען און אַוועק צו דער מוטער, איר דערציילט, אַז זי האָט געזען, ווי דער פאָטער ליגט אומבאַוועגלעך ביים ברעג פון ים...

די מוטער האָט זיך צעוויינט, אַוועק צום ים און געקושט די בלינדע אויגן פון איר ליבן מאַן. און גלייך האָט איר פּנים זיך צע־שטראַלט: זי האָט איצט פאַרשטאַנען, אַז דאָס קליינע מיידל זעט... זי איז געווען גליקלעך מיט דעם קינדס אויגן און אומגליקלעך מיטן מאַנס טויט — און ווען דער אָוונט איז געקומען האָבן זיי ביידע גע־טראָגן דעם טויטן מאַן אין קליינעם הייזל, כדי אים צו וואַשן, צו קושן און צערטלען און אין אָרעמען הייזל מיט אים די לעצטע נאַכט צו וויינען...

און די קאַלטע לבנה האָט באַלויכטן דאָס קליינע הייזל און מוטער און טאָכטער האָבן מיטן ווינט געוויינט...

■■■■■■■■

דער אַלבום פון אַ דאָן־זשואַן

עס איז געווען אַ האַרבסטיק אומעטיקער טאָג. געלע בלעטער, ווי קליינע פאַרוויאַנעטע הערצער, זענען געלעגן קופּעסווייז אין ווינט און אין רעגן. איך בין געגאַנגען אין דער אַלטער שטאָט בריסעל, וואָס איז באַרגיק און שיין. כ׳האָב זיך געפונען אין אַ קוואַרטאַל פון הערלעכע פּאַלאַצן. די רויטע ביימער מיט די געלאָקטע צווייגן האָבן צוגעגעבן אַן אויסערגעוויינלעכן ראָמאַנטישן אויסזען, די שלעסער, די שויבן פון די פענסטער זענען געווען מאַט און אומעטיק. ווייזט אויס אַז אויסער גרויסע, שוואַרצע שפּינען אין זייער זילבער־שפּינוועבסן, האָט דאָ קיינער נישט געוווינט. זיי זענען געשטאַנען פון אַלטע צייטן לאַנג צוריק און האָבן אינעווייניק געשימלט מיט קראַנקע שימל־בלומען. נאָר טויטע קעניגינס מיט רויטע האָר האָבן אין זיי געוווינט קוקנדיק דורך די פענסטער צו דער רויטער וועלט מיט בלויע ברילן.

איך בין געגאַנגען ווייטער און ביסלעכווייז צוגעקומען צום אַלטן מאַרק. איך בין אַריינגעגאַנגען אין אַ קליינעם קאַפע, ווי יידישע וואַגאַבונדן און עמיגראַנטן האָבן געוויינלעך פאַרקערט.

איך בין געזעסן ביי אַ מאַרמאָרנעם טישל, וואָס איז געווען פאַרקריצט מיט נעמען, הערצער און פיילן, ווי די וואַנט פון אַ היסטאָרישער געביידע, אויף וועלכער יעדער איינער וויל זיך „פאַראייביקן" מיט אַזוי ווייניק אָנשטרענגונגען...

די קאַווע אין דער קליינער קאַפע איז געווען געדיכט און שוואַרץ, דערצו אין אַ ריזיגן פאָרצעלאַנענעם טעפּל. איך בין ווי שכּור געוואָרן. די מענטשן ביי די טישלעך האָבן געליאַרעמט און כּסדר זיך געהנדלט צו דעם דיקן, פלעמישן מיידל. ווען זי וואָלט געווען פון מאַרמאָר, וואָלטן זיי זיך אפשר אויך אויף איר קערפּער געוואָלט פאַראייביקן מיט הערצער און נעמען...

איך בין אַרויס. דער אַלטער מאַרק איז געווען אַ גרויסער,

שטיינערנער הויף, פּירקאַנטיק, פֿון אַלע זייטן האָבן געשטראָמט מענטשן פֿון די דערבייאיקע גאַסן. די האַרבסטיקע בוימער האָבן געטרערט מיט רעגן־טראָפּנס און אַראָפּגעוואָרפֿן די געלע, פֿון טויט־איינגעביסענע בלעטער, פֿאַרדאַרטע און דינע. דער מאַרק איז איצט געווען ווי אַ מוזעאום מיט אַלע אַלטע אַנטיקן. אַפֿילו די פּרוכטן האָבן דאָ אויסגעזען ווי זייער אַלטע, פֿאַרצייטישע, און מיט לאַק לאַקירטע. עס האָט זיך געזען אַלערליי טייערע זאַכן, וואָס זענען מיט דער צייט געוואָרן זייער ביליק, ווי אַ שטייגער: אַלטע קאָפּיעס פֿון רעמבראַנדס מאַלערייען, אַן ענגלישע ליידי פֿון גינגסבאָראָ, אַ סך רעליגיעזע מאַלערייען ווי קריסטוס זעט אויס ווי אַ וואַסער־טרעגער, טראָגנדיק אויף זיך דעם שווערן קרייץ, ווי אַ פּאָר נאָשעס צום טראָגן וואַסער: ס'האָבן זיך געזען אַלערליי געווערן, ווי אַ שטייגער די שווערד פֿון רישאַרד לייבנהאַרץ, ווען ער האָט געפֿאָכטן ביי די טויערן פֿון ירושלים מיטן קעניג סאַלאַדין, אַ גרויסער, אומגעווייניגלעך שווערער, מעשענער רעוואָלווער פֿון די היסטאָרישע מלחמות, מיט אַ לופֿע, ווי אַ שופֿר, שפּיזן מיט צוויי־זייטיקע שאַרפֿן, וואָס האָבן געשמאַק געזשאַווערט און אַ פּיסטאָלעט, וואָס איז שווערער, ווי אַ קאַנאָן; אויסער אַלערליי באַפּוצטע מיט פּערלמוטער און העלפֿאַנטביין געווערן האָבן זיך געזען אַסך שאַרבנס, אויסגעטרוקנטע דורך די יאָרהונדערטער. ביי אַ טייל ביינערנע פּנימער מיט פֿינסטערע אויגן־לעכער האָבן זיך געזען צעטעלעך מיט באַמערקונגען: — כמעט אַלע שאַרבנס האָבן געהערט צו קעניגינס און גרעפֿינס, אויסער איינער, וואָס איז געווען דער זעלבער שאַרבן, וואָס האַמלעט האָט אויפֿגעהויבן אויפֿן קבר פֿון זיין פֿריינט, צוריקקומענדיק אין זיין היימשטאָט...

מיינע בליקן זענען געפֿאַלן אויף אַן אַלטן אַלבום, אַ שווערן, אַ דיקן, מיט מעש געפּאַנצערט, מיט אַ ביינערנער פֿיגור פֿון מאַריאַ מאַגדאַלענאַ, די גאַסן־פֿרוי פֿון ירושלים, וואָס האָט געליבט קריסטוסן און אים געוואַשן דעם שטויב פֿון די פֿיס מיט אירע טרערן...

דער אַלבום איז זיך געלעגן אויף אַ געלן קאַסטן, אויסגעשטעלט צוזאַמען מיט אַנדערע אַנטיקן, ווי אַ טרומייטער פֿון 17־טן יאָרהונדערט און אַ היטל פֿון נאַפּאָלעאָנס גוואַרדיע און נאָך אַנדערע ביזאַרע חפֿצים; איך בין צוגעגאַנגען נענטער, איך וואָלט געשוווירן, אַז דער פֿאַרקויפֿער אַליין איז אויך עפּעס געווען אַן אַנטיקוואַרע באַשעפֿעניש: ער איז געווען בלינד אויפֿן רעכטן אויג, אויפֿן לינקן —

ווי ער האָט זיך באַקלאָגט — זעט ער אויך נישט אויסגעצייכנט און אויפן פּלייצע, אַביסל נידעריקער, ווי געוויינלעך, האָט ער געהאַט אַזאַ מין הערבל, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ גאַנצן באַרג: איך האָב אים חושד געווען, אַז ער טראָגט דאָרט אַ באַהאַלטענעם אוצר מיט גאָלד און בריליאַנטן, אַנגערויבט פון אַלטע קירכן און מוזעאומס.

— הער נאָר, וויפיל ווילסטו פאַרן אַלבום?

ער האָט סקעפּטיש אַ שמייכל געטאָן, ווי איינער רעדט: נישט אַזוי לייכט וועט דיר אָנקומען די מציאה...

איך האָב גענומען דעם אַלבום, געמישט די פּורפּורנע בלעטער מיט שטויב און שפּינוועבס; אָבער אינעווייניק זענען געווען הערלעכע פאָטאָגראַפיעס פון יונגע פרויען, אַזוי יונג, און אַזוי שיין, אַז איך בין פאַרציטערט געוואָרן. ווען דער הענדלער וואָלט זיך אויסשניידן מיין האַרץ פאַר דעם אַלבום, וואָלט איך עס געטאָן, דען די וואונדערשיינע פרויען וואָלטן מיר צוריקגעגעבן אַ צווייט רויט, יונג האַרץ...

איצט ערשט, האָב איך פאַרשטאַנען דעם שמייכל פונם הערבל, וועלכער איז ענלעך געווען צו וויקטאָר הוגאָס דוקוואַזומאַדאַ, דעם האָרב־און־קריפּל פון דער נאָטר־דאַם־קירכע אין פּאַריז. איך האָב ענדלעך באַצאָלט הונדערט פראַנק (אַ גרויסע סומע אין יענער צייט, בפרט פאַר מיר...) פאַרן אַלבום און זיך געלאָזט גיין גלייך אַהיים, אין מיין מאַנסאַרדע אויף די דאַנעמאַרק נומער 38.

איך בין געווען גליקלעך. איך האָב געטראָגן אַן אוצר פון הערלעכע פרויען. אונטער די בילדער איז געווען עפּעס פאַרשריבן מיט זייער קליינע אותיות, שרעקלעך קליינע, דינע און פאַרדרייטע. ס׳איז אוממעגלעך געווען צו לעזן, אויסער מיט אַ גוטן פאַרגרעסער־גלאָז.

דער רעגן האָט מיר געפּאַטשט אין געזיכט. ווי אַ טייערע זאַך האָב איך באַשיצט דעם אַלבום פאַרן רעגן, אים באַהאַלטנדיק אונטער דער פּאָלע פון מיין רעגנמאַנטל פון רויטער גומי. ווען איך בין אַהיימגעקומען אין מיין בוידעם־שטיבל, איז שוין געווען טונקל, אויף די משופּעדיקע ווענט איז געקראָכן די נאַכט, ווי אַן אומגעוויינלעך־ריזיקער שאָטן.

איצט, האָב איך אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. שנעל אויפגעגעסן אַ פּאָר מאַראַנצן מיט ברויט, כדי איך זאָל נישט זיין שטאַרק הונגעריק און—

כ׳האָב זיך געלייגט אין בעט אַריין, אָנהויבנדיק צו בלעטערן מיט אַ מאָדנער נייגיריקייט די בלעטער פון געהיימניספולן אַלבום.

* * *

דאָס געלע ליכט פון לאָמפּ האָט געשיינט אויפן אַלבום. איך האָב אויפגעמישט דאָס ערשטע בלאַט, דאָרטן איז געווען פאָלגענדיקע אויפשריפט: „די בילדער פון די יונגע פרויען זענען אַלע געווען מיינע געליבטע. דאָס ערשטע און דאָס לעצטע בילד פון אַלבום שטעלן פאָר מיך אין מיין יוגנט-צייט און אין מיין עלטער. סיניאָר פיליפּו דאָן דאָמינגאָס, אין יאָר 1673״.

איך האָב אויפגעמישט דאָס ערשטע בילד: עס האָט פאָרגע-שטעלט דעם געהייניספולן שפּאַניער אַליין. זיין פיגור איז געווען אַ העלדישע און שלאַנקע. מאַסיוו און איידל, מיט אַ לאַנגער שווערד אין דער רעכטער זייט. זיין געזיכט איז געווען אַזוי שיין און יונג און ענערגיש, ווי פון אַן אַכצן יעריקן ריטער. בלויע-שאַרפע אָדלער-אויגן, שטאָלץ און ליבלעך. די הויט פון זיין פּנים איז געווען עטוואָס געלבלעך-צאַרט און האָט דאָך געהאַט דעם גלאַנץ פון פאַר-עקשנטן שטאָל. רויטע געקרייזלטע לאָקן האָבן אַריבערגעהאָנגען איבער זיינע אַקסלען. זיין מויל איז געווען פון דינע, בלוט-רויטע ליפּן, שאַרף און דין געשניטן, קליין און פעסט געשלאָסן. אונטערן בילד איז געווען אַן אויפשריפט: „אַזוי זע איך אויס, ווען די פרויען פון מאַדריד האָבן אַלע איינגעוויליקט צו זיין מיינע שקלאַפן״.

איך האָב איבערגעמישט דאָס אַנדערע בלעטל. דער געלער לאָמפּ-שיין האָט אַלץ באַלויכטן מיט אַ האַרבסטיקן קאָליר פון גאָלד. דורך די שויבן האָט אַריינגעקלאַפּט דער רעגן, ווי מיט דינע, ביינערנע פינגער פון אַ סקעלעט. איך האָב געקוקט אויפן זעלטענעם בילד פון אַ יונג מיידל, מיט צעלאָזטע, שוואַרץ-שטאָל-גלאַנציקע האָר, מיט אויגן, ווי קינזשאַלן שאַרפע, מיט אַ לענגלעך געזיכט, אין אַ זיידענעם, רויטן קלייד געקליידעט; אַדאַנק דעם מאַלער פון די בילדער, וואָס האָט ליב געהאַט פאַרבן, זענען אַרויסגעקומען די מינדסטע דעטאַלן אויף די פאַרביקע פּאָרטרעטן. אונטערן בילד איז געווען פאָלגנדיקע אויפ-שריפט: „דאָס איז סיניאָריטאַ דאָנאַ גראַציאַ, די צאַרטע פרינצעסין,

וואָס שטאַמט-אָפּ פון די מאָרישע קעניגן. זי איז געווען מיין ערשטע געליבטע. איך בין געווען אין איר פאַרליבט ביז וואַנזין. אין איר האָב איך צום ערשטן מאָל דערקענט דעם מעכטיקן צויבער פון ווייבלעכן קערפּער און האָב אים באַהערשט. זי האָט מיר געבוירן אַ זון, וועלכן זי האָט געטויט. מען האָט אַנטדעקט איר שוידערלעכן פאַרברעכן, און הגם איך האָב זי אַליין געצוווּנגען אים צו טויטן אין דער ערשטער נאַכט פון זיין געבורט — האָט זי פאַרן הויכן געריכט נישט אויסגעזאָגט דעם נאָמען פון פאָטער און דעם זעלבן נאָמען פון דעם, וואָס האָט געהייסן דערשטיקן איר קינד. זי האָט זיך העלדיש אויפגעפירט, מיך נישט פאַראַטנדיק. זי איז דורך די גאָטספאָרכטיקע ריכטער פאַראורטיילט געוואָרן צו אייביקער געפענגעניש. צוליב דעם אָבער, וואָס זי איז אַ פרינצעסין, האָט מען איר ביים ברעג פונם געלן טייך, נעבן גראַנאַדע, אויסגעבויט אַ קופּאָל-אַרטיקן שלאָס און זי דאָרטן פאַרזעצט אויפן שפּיץ פונם הויכן טורעם, אין אַ קליינעם, געמויערטן צימערל פון קאַלטע שטיינער. דאָרטן האָט מען זי צוגעשמידט מיט שווערע קייטן צום וואַנט, און זי האָט זיך נאָר געקענט באַוועגן צום בעט און פון בעט צום שמאָלן פענסטערל, ווו זי האָט פרילינגס-צייט געקענט זען, ווי די רויטע בלומען בליען און הערבסטצייט — ווי די בלויע בלומען וויאַנען. נאָר איך איינער האָב זי געקענט ראַטעווען, פאַרפלעקנדיק דעם יחוס פון מיינע אַדעליקע עלטערן און נעמענדיק אויף זיך אַ שווערע שטראָף. אָבער נישט זי האָט מיך פאַראַטן און נישט איך האָב איר געוואָלט העלפן. דריסיק יאָר איז זי געווען געשמידט צו דער וואַנט און געזען, ווי די וועלט ווערט יונג — און זי ווערט שיין און אַלט. זי האָט די גאַנצע דרייסיק יאָר געקענט אויסזאָגן דעם סוד, ווער עס איז איר געליבטער און באַפרייט ווערן. זי האָט עס אָבער נישט געטאָן אויס ליבע צו מיר און אויס ליבע צו איר אייגן האַרץ. אין משך פון דער צייט זענען אירע פעך-שוואַרצע האָר ווייס און גרוי געוואָרן ווי שניי, און איר געזיכט איז פול געוואָרן מיט געלע קנייטשן, אין וועלכע ס'איז געווען פאַרצייכנט די געשיכטע פון אירע דרייסיק-יעריקע ליידן. גרויסע, בייזע שפּינען האָבן זיך באַזעצט אין איר טורעם-צימער און זי געפרעסן לעבעדיקערהייט, בשעת זי איז געווען געשמידט און זיך נישט געקענט ווערן. אויפן איינאונדרייסיקסטן יאָר איז זי משוגע געוואָרן פון שמערץ און איינזאַמקייט און זי איז געוואָרן ווידער שוואַרץ ווי אַ

יונג מיידל, דען דער טרוים פון איר יוגנט האָט זי ווידער יונג געמאַכט, און זי איז געוואָרן שיין ווי אַ מלאך אויף אַ געמאָלן בילד...

און ווען זי איז געוואָרן אַזוי שיין און יונג — איז צו איר געקומען דער טויט, וועלכער האָט זיך איר אויסגעוויזן צו זיין איר געליבטער, און זי האָט זיך מיט פרייד געוואָרפן אין זיינע אָרעמס. דאַן האָט דער טויט אַ שטאָך געטאָן איר מיט אַ גאָלדענער, דינער נאָדל אין האַרץ און — זי איז געשטאָרבן אַ פריילעכע. אָבער ווי נאָר זי איז געווען טויט, האָט דער טרוים צוריקגענומען איר יוגנט, און זי פאַרוואַנדלט אין אַן אַלטער, העסלעך-עקלהאַפטער קאַריקאַטור פון שמערץ און טויט. אירע האָר זענען צוריק וויס געוואָרן און איר געזיכט איז געווען אַ נעסט פון קנייטשן און פלעקן, די שפּינען האָבן עס צעפּרעסן, און די וועכטער האָבן געפונען איר וויסן סקעלעט אויפן בעט, וויס ווי דער ווייסעסטער שניי, און די שפּינען זענען געווען דיק, אָנגעפרעסן. ווען איך האָב געהערט וועגן איר טויט, האָב איך צוזאַמענגענומען מיינע יונגען און מיר האָבן אין דער קאַפע „דער גרינער האָן״ געטרונקען אַ סך ווין די גאַנצע נאַכט. אָבער איך בין נישט געווען טרויעריק. דאַן דאָמינגאָס, דער מאַן, וואָס לעבט אינמיטן דער בלום פון זיין שענסטן לעבן״.

* * *

איצט האָט די לבנה אויפגעשיינט אַנטקעגן מיין פענסטער, פודרירט און בלייך. זי האָט אויף מיר אַראָפּגעגאָסן אַ מין ווייסן, פּליסיקן זילבער-קאַלעך, וואָס האָט מיך ווי פאַרגליווערט און פאַרוואַנדלט אין מאַרמאָר. וואָס מער איך האָט געבליקט צו איר, אַלץ מער שקלאַפערישער בין איך געוואָרן צו איר שפּינוועבסטיקן שיין...

אין דער קליינער דערציילונג פון דעם פאַרברעכערישן דאָן-זשואַן, האָב איך באַמערקט מיט שוידער, וואָס פאַר אַ קאַלטע, שרעקלעכע פיגור ער איז. ווי גלייכגילטיק ער האָט באַשריבן איר טויט, ווי איינפאַך ער פאַרטראָגט אַלע אומגליקן אויף דער טראַגישער פרינצעסין, וועלכע ליידט צוליב אים.

איך האָב פאַרזיכטיק איבערגעמישט דאָס בלעטל, אַ ניי בילד פון אַ וואונדערשיין מיידל האָט זיך איצט געוויזן פאַר מיר. זי איז געשטאַנען אין דער גאַנצער פיגור, אין אַ ווייסן, דינעם קלייד; זי

איז געווען אַזוי דין, ווי אַ שלאַנג, נעבן איר איז געשטאַנען אַ גאָל-דענע האַרפע מיט געלע סטרונעס: דאָס מיידל איז געשטאַנען נעבן דער האַרפע — אַ קליינע, אַ דינע, אַ צאַרטע און דאַרע, ווי זי וואָלט זיין שווינדזיכטיק. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די האַרפע נעמט צו איר פלייש פון קערפער. די סטרונעס זענען געווען דיקע, גלאַנצנ-דיק-פעטע און לאַנגע, געשוואָלענע מיט אומעט; דאַקעגן איז דאָס מיידל געווען ווייס און איידל. קענטיק, אַז זי האָט פיל געשפּילט, און איר בלוט און פלייש איז לאַנגזאַם איבערגעגאַנגען אויף דער דעמאָנישער האַרף...

אונטערן אָריגינעלן בילד איז געווען פאָלגנדיקע אויפשריפט:

„אַלע דערקענען דאָך סיניאָריטאַ ראָזיטאַ דאָן אַלוועראָז, דאָס איז די האַרפע-שפּילערין פונם קליינעם טעאַטער „דער שוואַן פון ליבע". דאָרטן האָב איך זי געזען איין אָוונט שפּילן אויף איר גראַנדיעזער האַרפע; זי איז נאָך דאַן געווען שיין, זייער שיין, פיל שענער, ווי דאָ אויפן בילד; זי האָט געהאַט בלוטיק-רויטע לאָקן, ווי באַשמירט מיט רויטער פאַרב; זי איז געווען שלאַנק און מאַסיוו. זיי האָבן איר געצאָלט אַ קליינעם פּרייז פאַרן שפּילן אויף דער האַרף אין די אָוונטן. זי האָט געשפּילט און דאַרער געוואָרן. איך האָב געזען, ווי זי שטאַרבט אָפּ. ווי די טיראַנישע האַרפע פרעסט אויף דאָס לעבן פון דער שיינער ראָזיטאַ, ווי אַלע האָבן זי גערופן. איך האָב זי אין אָנהויב געליבט און איך בין געווען די צווייטע האַרף, וואָס פרעסט אויף איר לעבן. איך האָב זי געליבט מיט אַ פייערדיקער, ברוטאַלער, דעספּאָטישער ליבע.

איך האָב זי געבעטן נישט צו שפּילן. פאַר מיר אַליין נאָר זאָל זי לעבן. איך האָב איר קערפּער איינגעהילט אין זייד. איך האָב אירע אָרעמס און פינגער איינגערעמט אין בראַסלעטן פונם ריינסטן גאָלד און אין רינגען מיט רויטע טאָפּאַזן ווי שטיקער ברענענדיקע ווערעם. זי האָט אָבער נישט געוואָלט אויפהערן צו שפּילן. ס'איז פאַר איר גע-ווען אַ צו גרויסער קרבן. זי איז באַשאַפן געוואָרן צו שטאַרבן אַלס קינסטלערין, אַלס קינד פון דערי משוגענער האַרפע. איך האָב געזען, ווי זי צערט איין, און איך בין געווען אייפערזיכטיק אויף דער האַרפע, וואָס נעמט צו מיין געליבטע. ווען איך קען מיט אַ קרומען קינזשאַל צעשניידן אירע סטרונעס!

איינמאָל אין אַן אָוונט האָבן מיר געטרונקען וויין. איך האָב צו איר געזאָגט אין אַ שיכורן צושטאַנד: — „ראָזיטאַ טייערע! ווען דו וואָלסט

וועלן צעברעכן דיין האַרף — קענען מיר ביידע זיין גליקלעך". זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ ווילד געלעכטער. ווי אַ פייער איז אין מיר אַריין דאָס דאָזיקע געלעכטער. איך האָב באַשלאָסן זי צו טויטן, כדי נקמה צו נעמען אין דער טייוולישׂ-טיראַנישער האַרף.

אין אַן אָוונט האָב איך צו איר געזאָגט אַזוי:

— ווייסט, ראָזיטאָ, איך האָב באַשלאָסן, אַז דו און דיין האַרפע וועלן זיך מער קיינמאָל נישט שיידן. היינט ביינאַכט האָב איך צו-געזאָגט מיינע פריינד אַרויסצוקומען צום גרינעם ברעג פונם וואַסער. דאָרטן וועל איך גוט פאַרברענגען. אויב דו ווילסט, נעם מיט דיין האַרפע, וועסטו זיי אונטערהאַלטן מיט דיינע שיינע און ווילדע לידער. מיר וועלן אַלע דיך הערן מיט פאַרגעניגן.

ראָזיטאָ האָט איינגעשטימט.

אין זעלבן אָוונט זענען מיר צוגעגאַנגען צום וואַסער. נאַטירלעך, עס איז געווען אַ ליגנט, אַז מיינע פריינד וואַרטן אויף מיר. קיינער איז ביים ברעג נישט געווען. איך האָב בלויז אויף אַ רויקן אופן געוואָלט טויטן ראָזיטאָן.

די שטערן האָבן געגלאַנצט מיט אַ פאַלשן, ציניש גלאַנץ. מיר זענען געזעסן נעבן די רויטע פעלזן און זיך צוגעהערט צום גערויש פון די כוואַליעס, און ראָזיטאָ האָט אויסגעהאָרכט די שטילקייט, ציי עס קומען נישט טריט פון מיינע פריינד. קיינער איז נישט געקומען. אין שיין פון דער לבנה האָט די האַרפע געהאַט אַ בייזן אויסזען, ווי זיך שרעקנדיק. דאָס מעדוזע-קעפל אויפן שפיץ פון דער האַרפע האָט מיך מיט אַ פאַרשטיינערדיקן בליק אָנגעקוקט. איך האָב געציטערט.

ווען מיינע פריינד האָבן זיך נישט געוויזן, און עס איז געוואָרן שפעט — איז צו ראָזיטאָס האַרץ צוגעפאַלן דער אומעט און, ווען זי האָט געזען ווי די שטערן קומען נאָענט צו איר—האָט זי אָנגעהויבן שפילן.

איך האָב געוווּסט, וואָס דאָ וועט פאַרקומען. מיין פּלאַן איז גע-ווען אַ שווידערלעכער. איך בין לאַנגזאַם, בשעת זי האָט פאַרטיפט גע-שפילט, אַוועק צו די הויכע, רויטע פעלזן און געהערט פון דער נידער, ווי דאָס געזאַנג פון ראָזיטאָס סטרונעס צעפליסט זיך איבער די קילע כוואַליעס פונם וואַסער. דאָס ליד איז געווען זיס און מעלאַנ-כאָליש, ליידנשאַפטלעך און ווילד...

איצט האָבן די כוואַליעס אָנגעהויבן צוצוקומען נאָענט צום ברעג, צו רוישן, מיט שוימיקע ריזן-ליפּן צו קושן אירע פיס. זי האָט דאָס

נישט באַמערקט, און אַלץ שענער און נאָענדער איז געוואָרן די מעלאָדיע, וואָס איז געשווומען פון אונטער אירע בלאַסע, זילבערנע פינגער. זי האָט נישט באַמערקט, ווי נידעריק קומען אַראָפּ די וואָלקנס אויף דער ערד און פאַרייניקן זיך מיטן נעפּל און מיט די כוואַליעס, און זי האָט נישט געזען, ווי אין נעפּל וויגן זיך צערטלעך און שיכּור־באַרוישטע דעם הימלס שטערן. זי איז געווען פאַרשיכּורט פון איר אייגענעם ליד.

איך בין געשטאַנען אַ רויִקער אויף די פעלזן און געזען ווי פּלוצלונג דערנענטערן זיך צו איר אַ מחנה שלאַנגען מיט גלאַנציק־שימערירנדיקע רוקנס און דערנענטערן זיך ווי אַ מעכטיקע כוואַליע. אָט־אָט, און זיי באַפאַלן זי און צערייסן זי אויף שטיקער; אָבער איר ליד איז געווען אַזוי שיין און אַזוי מאגיש און אַזוי באַצווינגדיק, אַז זי האָט די שלאַנגען געצוואונגען צו בלייבן הענגען אין דער לופטן, ווי אַ בונד מיט שטריק פון גאָלד, און מיט אָפענע מיילער און אויסגעשטרעקטע זשמיע־נאָדלען האָבן זיי זיך צוגעהערט צום אויסערגעוויינלעכן ליד.

דאָס האָט געדוירט אַ מאָמענט. דערויף האָב איך געוואַרט, וויסנ־דיק, אַז די טענער וועלן דערגרייכן די מוזיקאַליש־באַגאַבטע שלאַנגען און זיי אַרויפברענגען אויף דער אויבערפלאַך.

עס האָט געדויערט — ווי געזאָגט — אַ ווײַלע, און דאַן האָבן זיי זיך גענומען דערנענטערן איינציקווייז צו איר. זי האָט דאָס געזען און פילנדיק, אַז זי ווירקט אויף זיי מיט איר מוזיק, האָט זי שטאַרקער, געפלינקער, געריסן די סטרונעס, כּדי זיי אָפּצוהאַלטן פון זייער שרעק־לעכן ווילן. דאָס ליד איז איצט געפלאָסן, ווי אַ גאַנצער אָרקעסטער וואָלט געשאַלט צווישן די וואָלקנס. פאַר שרעק אָבער האָבן אירע פינגער אָנגעהויבן ציטערן און זיך צעבלוטיקן, און איר ליד איז געוואָרן שוואַכער; איצט האָבן די שלאַנגען זי באַלאַגערט און איינציק־ווייז צעשטאָכן מיט די שאַרפע צינגלעך אירע אָרעמס און איר האַרץ. אירע וווּנדערלעך־יונגע ברוסטן האָבן איצט געבלוטיקט, און די שלאַנגען האָבן געטאַנצט אויף איר דעם טאַנץ פון לוסט, בשעת זי האָט פאַר זיי געשפּילט די מעלאָדיע פון טויט...

ענדלעך איז דאָס ליד געוואָרן שוואַכער און אינגאַנצן שטיל. די סטרונעס זענען געווען רויט מיט בלוט. ראָזיטאַ איז אַ טויטע גע־לעגן ביים וואַסער און די כוואַליעס האָבן צערטלעך געקושט אירע

וואנדן, צוריקשטראָמענדיק מיט רויט־פּאַרבלוטיקטע ליפּן. די שלאַנגען— נישט ווערנדיק מער באַצויבערט פון די כּישוף־קלאַנגען, האָבן מידע, שטילע צוריק אַוועקגעפּויזעט.

ווען די לבנה איז צוגעקומען צו ראָזיטאַס קערפּער און זי באַוויינט מיט טרערן, בין איך איבער די משופּעדיקע פעלזן געלאָפן אין שטאָט. ווייזט אויס, אַז די כוואַליעס האָבן ראָזיטאַן און איר האַרפּע אַראָפּגעשלעפּט צום אָפּגרונט און באַהאַלטן ביי זיך, ווייל מען האָט קיינמאָל מער נישט געפונען איר קערפּער. דאָס איז בעסער געווען פאַר מיר, ווען איך האָב זי שנעל פאַרגעסן און געזעטיקט מיין ליידנ־שאַפטלעכע נאַטור מיט אַ נייער ליבע. דאָן דאָמינגאָס, דער כּאַן וואָס שיקט אָפּ צום טויט — זיין פריינד — אַלע זיינע געליבטע, זיי זאָלן טאַנצן און שפּילן אינם האַרעם פון טויט..."

די לבנה האָט אַלץ פאַרגליווערט אויף דער ערד. אויפן דאַך פון מיין מאַנסאַרדע האָט עמעץ געקראַצט מיט אַ ביינערדיקער האַנט. פּילייכט איז עס געווען אַ געוויינלעכער ראָב, פאַרבלאָנדזשעט פון ערגעץ ווייט. עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. מיט שרעק האָב איך אַריינגעקוקט אינם שרעקלעכן לעבן פון דעם מאַן, וואָס האָט אַזוי קאַלטבלוטיק באַשריבן זיינע ליבעס מיט די קרבנות. דער מאַן האָט געוויס קיין האַרץ אין זיין בוזעם נישט געהאַט.

איך האָב אויפגעמישט אַ דריט בלאַט און געפונען אַ בילד פון אַ פרוי, אין די דרייסיקער, לויטן אויסזען — אַן אַריסטאָקראַטישע, מיט סאַמעט־שוואַרצע האָר און שטאָלצע, ליידנשאַפטלעך־גלאַנציקע אויגן. אָט אַזוי די קורצע אונטערשריפט:

„זי איז געטויט געוואָרן בלויז דורכדעם, וואָס איך האָב זי נישט געליבט און... נישט געטויט! זי איז געשטאָרבן מיט אַ געוויינלעך־אידיאָטישן טויט, ווי אַלע פּחדנים. זי האָט אָבער געוואָלט שטאַרבן דורך מיר. זי איז גרייט געווען מיר אַוועקצוגעבן איר פרעכטיקע נשמה... איך האָב בלויז גענומען איר נאָך פרעכטיקן קערפּער. נשמות קענען מיר קיין שום נוצן נישט ברענגען!..."

* * *

דאָס פערטע בילד האָט מיך דערמאָנט אין מיין אייגענער יוגנט-געליבטער, אַ מיידל, וואָס איז ענלעך צו אַ גריכיש, שלאַנק ייגגל מיט אַ קערפּער ווי אַ ברילאַנטענער פיש. אָט אַזוי איז די אונטערשריפט:

„זי האָט געמיינט, אַז איך ליב זי. זי האָט אָנגענומען פאַר ערנסט מיינע קושן און אומאַרמונגען. ווען איך האָב איר געגעבן דעם בעכער מיט וויין, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַזוי פיל גיפט צו טויטן אַ גאַנצע גרופּע פירשטן ביי אַ סעודה — האָט זי עס מיט פרייד אויסגעטרונקען און דאַן מיך אַרומגענומען מיט צערטלעכייען. זי איז געבליבן הענגען אויף מיר אַ טויטע, גלויבנדיק ביזן לעצטן אָטעם-צוג אַז איך ליב זי... ווי נאַיִוו זי איז געווען...“

* * *

אַזוי האָב איך געמישט כסדר דעם אַלבום און געזען הונדערטער בילדער פון הערלעכע פרויען מיט די שרעקלעכע באַמערקונגען וועגן זייער טראַגישן טויט. אַלע באַמערקונגען זענען געווען געשריבן אין דער זעלבער אַרט, קלאָר, גלייכגילטיק און קאַלטבלוטיק, ווי נאָר אַ הענקער קען עס זיין. אונטער איין בילד איז געווען אַן אויספירלעכע באַשרייבונג, ווי ער האָט זי געהאָנגען, פאַרוואַרפנדיק אויף איר האַלז אַ שלייער — אַ שטיק זייד, וועלכעס די זעלבע האָט געקויפט פאַר אים אַ געשאַנק. כמעט אַלע האָט דער דאָזיקער פאַרברעכער אומגעברענגט.

ביים ענדע פון אַלבום האָב איך געזען נאָך צוויי בילדער. עס איז שוין געווען גוט בלוי אין דרויסן, ווען איך האָב זיי די לעצטע באַטראַכט.

דאָס ערשטע בילד פון פאַרן לעצטן איז געווען פון אַ פרוי מיט זייער אַן ענערגישן געזיכט, אַ פיר-קאַנטיקס, ווי פון שטיין. אירע האָר זענען געווען פון אַ געדיכטן, מאַטן-שוואַרץ, וואָס שטאַמט געוויס פון אָריענט. זי האָט געהאַט אַ שטאָלענעם בליק אין די גרויסע, רונדע, שטרענגע אויגן און איר מויל איז געווען געשלאָסן, ציין אויף ציין פאַרהאַקט; אַ מויל פון אַ מעכטיקן אַרמייען-פירער...

אָט איז די נאָטיץ:

„סיניאָראַ גראַציאַ דאָן פומעץ. עס איז מיין לעצטע געליבטע.

אַלע מיינע געליבטע זענען געוויס אויפסניי געבוירן געוואָרן, כדי נקמה צו נעמען אין מיר... זי האָב איך געליבט און איך ליב זי נאָך... זי האַסט מיך. זי האָט פון ערשטן מאָמענט אָן מיך געהאַסט. אַלע האָב איך געטויט און אַראָפּגעצויגן דאָס צירונג פון זייערע נאַקעטע קערפּערס. אַלע האָב איך יונג געמאַכט מיט זייערע פלאַמנדע קושן. זייערע יונגע הייסע מיילער האָבן פון מיר אַראָפּגעקושט די קנייטשן פון אַלטקייט אויפן געזיכט. איך בין געווען שטענדיק יונג. דער טייוול אַליין האָט אַרויסגעשניטן פון איר בוזים ס'האַרץ, כדי זי זאָל מיך נישט האָבן מיט וואָס צו ליבן...

זי האָט מיך געהאַסט. זי האָט מיך נישט געוואָלט קושן. זי איז געוויס שטאַרק מיט דער קראַפט פון מאַגיע און כישוף. זי האָט מיר כסדר דערמאָנט די נעמען פון מיינע דערמאָרדעטע געליבטע. איינמאָל, אין אַ שטורמדיקן אָוונט, ווען אין דרויסן האָט שטאַרק גע־רעגנט און דער האַרבסט־ווינט האָט געריסן די בלעטער פון די געלע בוימער, האָט זי מיך מכבד געווען מיט אַ גלאָז ווייַן... איך האָב עס נישט געוואָלט טרינקען. עס איז געווען רויט ווי בלוט. זי האָט גע־זאָגט: „נאַ, טרינק דאָס בלוט פון דיינע הונדערט געליבטע.. טרינק זייער בלוט...‟ איך האָב עס, אין דראַנג צו פאַרשיכורן זיך אַליין און פאַרשיכורן די ליבע צו איר — אויסגעטרונקען. אין דעם מאָמענט בין איך געוואָרן אַן אַלטער מאַן. אַלע הונדערט פאַרברעכנס זענען גע־וואָרן אָנגעשריבן אויף מיין געזיכט. שנעל האָט זי מיר דערלאַנגט אַ שפּיגל און — איך בין פאַרענדערט געוואָרן. איך האָב אויסגעזען ווי דער געמיינסטער פאַרברעכער. אויס חרפּה בין איך אַרויסגעלאָפן אין דער נאַכט און — איך לויף נאָך ביז איצט אַרום אַן אַלטער, קראַנקער, צעבראָכענער, פון הונדערט יונג־צעבראָכענע לעבנס פאַרפאָלגט און פאַרפייניקט...‟

* * *

דאָס איז געווען די לעצטע באַמערקונג, געשריבן מיט דער האַנט פונם פאַרברעכער. איך האָב אויפגעעפנט דאָס לעצטע בילד — עס איז געווען ער אַליין; אַ גרויזאַם בילד פון אַ פאַרברעכער; דאָס געזיכט איז געווען איינגעשרומפּן, פול מיט טיפע מעסער־שניטן, היע־ראָגליפישע צייכנס און קנייטשן און מיט געלע פלעקן; זיינע אויגן

האָבן געהאַט דעם אויסדרוק פון שוידער און ציניזם, פון שרעק און משוגעת. זיינע האָר זענען געווען צעשויבערט, ערטערווייז איז אין שאַרבן נישט געווען קיין האָר — בלויז ווייסע, נאַקעטע אינזלען-ליסעס; ער איז געווען אָפּשטויסנד און פאַראַכטונגספול. איך האָב פאַר שרעק און עקל צוגעמאַכט דעם אַלבום.

די לבנה איז געווען בלייך, קוים דערקענבאַר אויפן הימל. ווי אַ שפין, האָט זי אַ גאַנצע נאַכט געבונדן אין ווייסן שפּינוועבס די שטערן און זיי אַלע אויפגעפרעסן ביז טאָג, די זון האָט גראַנדיעז אויפגעלויכטן, כדי צו באַלייכטן די שרעקלעכע טראַגעדיע פון די צעפרעסענע שטערן...

נאַפט

די מאַגנאַטן פון די אקלאָהאַמער נאַפט-גרובן לעבן אין ניו-יאָרק, אין פּאַריז, באָדן זיך אין די פרישע וואַסערן פון דער שווייץ און איטאַליע; זייערע פרויען מיט די ווייסע לייבער ברענען זיך אונטער דער קאַליפאָרניער זון; טויזנטער שקלאַפן זענען אָנגעשטעלט צו שרעקלעך קליינע, רעדוצירטע פּרייזן אין די נאַפט-קוואַלן; די ערד געהערט מערסטנטייל צו אינדיאַנער, צו יענע לעצטע שטאַמען, וואָס שטאַרבן אויס אין דעגענעראַציע, טובערקולאָז און סיפיליס.

מען קויפט אויס די ערד ביי די אינדיאַנער פאַר אַ שיבוש, אויב מען געפינט נישט קיין נאַפט — ווערן די פעלדער פאַרלאָזט און פאַראיינזאַמט. טאָמער געפינט מען נאַפט, מוזן די פאַמיליעס אַוועק פון זייער דורות-לאַנגער היים, זוכן ערגעץ-ווי מנוחה. יעדע וואָך קומען זיי אין אַ שטעטל, וווּ זיי באַקומען אָפּגעצאָלט עטלעכע דאָלאַר פאַר זייערע נאַפט-פעלדער, וועמענס בלויער נאַפט פליסט אין די קעשענעס פון די מאַגנאַטן, ווי אַ גאָלדענע פליסיקייט. דער דאָזיקער נאַפט שיכורט אָן די אויטאָס פון לאַנד, מאַכט בגילופין די פאַבריקן פון דער וועלט, טרייבט מיט קוראַזש מעכטיקע לאָקאָמאָטיוון, גיט ליכט אין טויזנטער הייזער און באַלייכט מיליאָנען קינאָס, טעאַטערס און שאַנד - הייזער.

געוויס, פון די נאַפט-פעלדער פליסן טויזנטער דאָלאַרן און גאָלד. די אָרעמע אינדיאַנער האָבן קוים אויף ברויט און שלעכטן טאַבאַק פאַר זייערע הילצערנע לולקעס.

איינמאָל האָט מיך אַ מאַן אַריינגעפירט אין אַזאַ בּיוראָ, ווי אַ רייע פון אינדיאַנער האָט געוואַרט אויף זייער געהאַלט. עס איז געווען אַ טרויעריקע רייע, אַ רייע פון אויסשטאַרבנדיקע מענטשן. ווייבער מיט פאַרביקע קאָצן אויף די פּלייצעס, האָבן געטראָגן אויף די הענט קליינע אינדיאַנישע קינדער, מיט כאַראַקטעריסטיש שוואַרץ-

גלאַנציקע צעפּלעך, טונקל-ליבלעכע אייגלעך און שטילן ערנסט אויף די געזיכטער. די פרויען אָרעמע, אָפּגעריסענע, נאָר אין פאַרבן און אין סטענגעס — האָבן זייערע קינדער (אפשר דעם לעצטן דור) גע-דריקט צו זייערע דיקע ברוסטן, מיט ליבשאַפט זיי געהאַלזט...

אַלטע אינדיאַנער, מיט ברייטע הוטן, מיט שוואַרצע צעפּ אונטער די הוט-ראַנדן פאַרפלאָכטן מיט רויטע און גרינע טאַשמעס, זענען גע-שטאַנען אומעטיקע, געוואַרט ביז דאָס פענסטערל וועט זיך עפענען און אַ בלייכע האַנט וועט טיילן די קליינע סומעס... זיי האָבן געציילט קליינע, רויטלעכע לולקעס, געקייט טאַבאַק און נידעריק געבויגן די קעפּ צו דער ערד...

עס זענען געשטאַנען יונגע אינדיאַנער אין קאָובאָי-הויזן, מיט קאָובאָי-ברייטע הוטן, מיט טונקעלע אויגן; די אינדיאַנישע יוגנט. אָבער ס'איז נישט געווען קיין לעבן אין זיי, קיין יוגנט-ברען. אַלץ האָט דערציילט, אַז די קופּער-ברוינע ראַסע שטאַרבט אויס, דעגענערירט און פאַלט...

איך האָב זיי באַדויערט... עס איז געווען אַזוי פיל טרויעריקע שיינקייט אין זיי! איך האָב געוואָלט האַלזן די קליינע קינדער מיט די גלאַנצנדיקע צעפּלעך... אָבער — זיי האָבן נישט קיין צוטרוי צו קיין ווייסן מענטש... די שענסטע טעכטער האָבן שוין די ווייסע צוגעגנומען און פאַרמישט מיט ווייס בלוט... דער לעצטער דור ציט אין אַ מע-לאַנכאָלישער בעטלער-רייע צו אַ קליינעם פענסטערל פון אַ ווייסן ביוראָ-קראַט...

און פאַרן טויט טוען זיי זיך נאָך אָן אין פאַרבן, ווי שמעטער-לינגען, וואָס פאַרלירן קיינמאָל נישט זייער גלאַנץ, קאָליר און לעבן...

פּונקט אַזוי האָב איך אַמאָל געזען מומיעס אין פּרעכטיק-פאַרביקע קליידער...

ניו־יאָרק — די וויזיע פון אָרעמקייט

ניו־יאָרק איז די שענסטע און גראַנדיעזסטע שטאָט אין דער וועלט; זעענדיק ניו־יאָרק, באַגרייפט מען ערשט, וואָס עס הייסט אַזוינס לעבן. ווי אַזוי די מענטשהייט רייסט זיך מיט אַ ווולקאַנישער קראַפט צו אַלץ נייע פּאָזיציעס, ווי זי שפּרייט זיך אויס אויף דער ערד, אין דער טיפעניש פון דער ערד, ווי זי רייסט זיך אין הימל מיט די געוואַלטיקע מויערן, ווי זי טורמט זיך אויף אין מעכטיקע בבלישע וואָלקן־קראַצערס; זעענדיק די באַוועגונג אין ניו־יאָרק, באַגרייפט מען אין דער גאַנצער קראַפט יענעם אימפּולסיוון קאַמף פאַרן מענטשלעכן קיום.

עס איז אַ געוואַלטיקער דראַנג פאַרן לעבן — אומפאַרגלייכלעך אין דער נאַטור. אין דער פרי ריזלען דורך מענטשן־שטראָמען דורך די אונטערערדישע שטיינערנע געדערים פון די סאָבּ־וויס (אונטער־ערדישע באַן) מיט אַזאַ געאייל... אין די הויכע עלעווייטערס זענען טויזנטער מענטשן געפּאַקט. צוויי מיליאָן מענטשן זענען אין אומאויפהערלעכער באַוועגונג דורכן טאָג; זיבן מיליאָן מענטשן באַשאַפן די באַוועגונג אין אַלע צווייגן פון ניו־יאָרק; יעדע מינוט שטאַרבן מענטשן — און יעדע מינוט ווערן מענטשן געבוירן.

אין קיין שום שטאָט איז נישט אַזוי בולט און שאַרף די איראָניע פון לעבן, די קללה פון קאַפּיטאַליזם. ווו איר ווענדעט אייער בליק אין דער הויך, קענט איר נישט זען קיין הימל; בלויז טורעמס, שלעסער, מויערן און מעכטיקע געביידעס. ביינאַכט איז עס אַ כּישוף־וויזיע פון ווונדערלעכער שיינקייט. די מיליאָנען עלעקטרישע ליכט באַלייכטן מיט אַ קאָסמישן גלאַנץ די שאַפונג פון מענטשלעכע הענט און מוחות. און דאָך — נעבן די דאָזיקע מויערן דרייען זיך אַרום די הונגעריקע, די היימלאָזע, די נידערגעשלאָגענע און קוקן מיט יענער שרעקלעכער שנאה אַרויף צו די שפּיצן פון יענע וואָלקנקראַצערס, אין וועמענס מויערן עס איז פאַרגליווערט זייער בלוט און שוויס;

אין ווּעמענס מויערן עס ליגן זייערע טעג, יאָרן און לעבנס, און איצט דרייען זיי זיך אַרום און וועגעטירן, טרוימען וועגן אַ ברייט אין דער שטאָט פון פּראַכט און לוקסוס...

אין קאַליפאָרניע ווערן פאַרניכטעט מאַסן אָראַנזשן, פיש, און פּרוכטן. אַמעריקע האָט פאַרניכטעט אין יאָר 1933 6.200.000 חזירים. די מילך־פּראָדוקציע איז געפאַלן אין די פאַרייניקטע שטאַטן אויף 15 פּראָצענט. דאָס האָט דערפירט צו דער פאַרניכטונג פון 600.000 קי. אין עגיפּטן — כסדרדיקע פאַרניכטונג פון ביינוואָל. 27 מיליאָן זעק קאַווע זענען אין בראַזיליע דערטרונקען געוואָרן אין ים. פיש ווערן סיסטעמאַטיש פאַרניכטעט. אין אַלאַסקאַ, שפּאַניען, ענגלאַנד און פראַנקרייך, אין ציילאָן — פאַרניכטונג פון 30 טויזנט טאָן טיי. בשעת עס קומט, אַלזאָ, פאָר אַ מאַסנהאַפטע צעשטערונג פון די בעסטע פּרוכטן, דרייען זיך אַרום אויפן ערד־קוגל פון 500 ביז 600 מיליאָן מענטשן און הונגערן טאָג און נאַכט. בשעת דער אָקעאַן טרינקט אויס טויזנטער קאַנען מילך מוזן די ברוסטן פון די אַרבעטער־פרויען געבן בלוט אַנשטאָט מילך פאַר די קינדער זייערע. טויזנטער אַרבעטער טראָגן נישט קיין געהעריקע אונטערוועש בשעת שטאָפן ווערן סיסטעמאַטיש פאַרניכטעט אין קאַמף פאַרן דערהאַלטן דעם פּרייז אויפן וועלט־מאַרק, כדי צו באַרייכערן די געלט־זעק פון די קאַפּיטאַליסטן.

איך קען זייער גוט פּאַריז. נישטאָ אין אייראָפּע קיין צווייטע שטאָט, ווו עס זאָלן זיך מערן אַזוי פיל קראַנקהייטן, ווי אין די אָרעמע הייזער פון בעלוויל, מענילמאַנטאַן און פּער־לאַשעז; שווער צו געפינען אַ צווייטע שטאָט אין אייראָפּע, ווו די אָרעמע באַפעלקערונג איז אַזוי פאַרוואָרלאָזט און אַנטמוטיקט, אַזוי לייזיק און אָפּגעפליקט, הונגעריק און קראַנק.

אָבער אויפן גרויס־אָקעאַנישן קאָנטינענט קיניגט ניו־יאָרק „שטאָלץ" מיט די מאַסן הונגעריקע. אַלע שטאָטישע סקווערן זענען באַלייגט און באַזעצט מיט די אַ־בעטסלאָזע, וואָס ווערן אָן די געדולד, פאַרלירן אַפילו אין משך פון דער צייט זייער קלאַסן־חוש, גלויבן נישט אין קיין שום אָרדענונג און קראַפט, וואָס זאָל זיי דערלייזן. זיי פּלאָנטערן זיך אום איבער די ניו־יאָרקער סקווערן מיט זייער גרויסן עלנט... אויף יוניאָן־סקוועער קענט איר זען אַרבעטער, וואָס זענען שוין אינגאַנצן פאַרניכטעט. דער עלנט האָט זיי פאַרוואַנדלט אין הילפלאָזע און נישט־מער היילבאַרע טרעמפּס און וואַגאַבונדן.

ווען איר קומט אַהיים ביינאַכט, טרעפט איר אויף די טרעפּ פון די הייזער אויסגעצויגענע גופים פון עלנטע. זייערע קערפּערס — סקעלעטן. זיי שטאַרבן אומבאַמערקט, די עלענאַנטע ביוראָ-אָנגע־שטעלטע און קליינבירגער חלומט זיך נישט צו פאַרטראַכטן, ווער ס׳האָט די שולד פון דעם אַלעם. בשעת רוזוועלט רעדט וועגן אַ פאַר־בעסערונג אין דער עקאָנאָמישער לאַגע פון אַמעריקע, הונגערן טויזנ־טער, מיליאָנען.

אַ דאַנטעאישע וויזיע פון אָרעמקייט און שוידער שטעלט מיט זיך פאָר די בויערי, איינע פון די אָרעמסטע קוואַרטאַלן פון ניו־יאָרק און פון דער וועלט. דער מעכטיקסטער רעזשיסער, וואָס הייסט הונגער, האָט דאָ אויף דער בויערי-בינע באַוויזן דאָס געניאַלסטע קונסט-ווערק: די אָרעמקייט פאַרקערפּערט אין געשטאַלט פון הייזער, סקעלעטן, וואָס לעבן נאָך, עלנטע קינדער, אָפּגעריסענע יינגלעך און אויסגעדאַרטע מיידלעך; די בויערי — ווי ווייט איז עס די בראָדוויי און פינפטע עוועניו, די בולוואַרן פון לוקסוס, אויסגעלאַסנקייט, און רייכטום! דאָ הערשט דער הונגער — און ווייטער אַביסל הערשט די נשמה פון גילדערנעם דאָלאַר, פאַרקערפּערט אין דזשאַז-מוזיק, ווייַן און פרויען-פלייש...

אויף יוניאָן-סקוועער שטייען טאָג און נאַכט אַרבעטער און דיס־קוטירן; אַ יינגל פון די פיליפינער-אינזלען דערציילט, ווי מען האַקט קעפּ פון רעוואָלוציאָנערן פון זיין לאַנד; אַ כינעזער רעדט באַגייס־טערט צו די מאַסן און רופט צו אויפשטאַנד; אַ מענטש מער ענלעך צו אַ גיפּס-סטאַטוע, דאַר און געל, רייסט דעם הייזעריקן גאָרגל; אַ יידישער קריפּל וואָרפט זיך און בייזערט זיך; אַמעריקאַנער לערער אַגיטירט צו די וואַלן...

איבער אַלעם ווייזט דער זייגער פון אַנטקעגנאיבערדיקער ריזן־געביידע — די צייט; די מענטשן דיסקוטירן הונגעריקערהייט... אָבער דער ווייזער מאַרשירט! דער זייגער שטעלט זיך נישט אָפּ... די צייט מאַרשירט איר קאָסמישן גאַנג איבער מיליאָנען דערמאָרדעטע קער־פּערס און פון הונגער-געשטאָרבענע... די צייט מאַרשירט — אָן אונטערשיד, צי אַ טייל פון די מענטשן גיסן אין זייערע פעטע בייכער אַריין וויין און שמאַלץ — אָדער אַ טייל פון דער מענטשהייט ווערט דאַרער, בלויער, קאַלטער און אָנמעכטיקער...

נישט געזאָרגט! אין פאַל פון אַ רעוואָלט, אין פאַל פון אויפ־וואַכנדיקן הונגער אין דער פערזאָן פון מיליאָנען שקלאַפן — נעמט דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם אַוועק פון דער טריבונע דעם שמייכעלדיקן, העפלעכן פרעזידענט רוזוועלט און אויף זיין אָרט דערשיינט די שוואַרצע, קאַלטע לופע פון אַ קוילנוואַרפער. —

זיי פאַרשטייען, ווען, ווו און וואָס...

— געדענק אין דעם!...

אַ געזאַנג

עס איז געווען אין אַ ענג הויז, ערגעץ אויף מאַנסאַרטר; אַליין, אין אַ טונקעלן ווערקשטאַט-צימער, אַליין צווישן אָן אַ שיעור שמאַטעס, צווישן ניי-מאַשינען, געאַרבעט, געפוצט די שמאַטעס, וואָס גייען קיין מאַראָקאָ פאַר די שוואַרצע אָרעמע...

אַ פענסטער איז געווען אין צימער, אַ פענסטער מיט אַ גרינעם צווייג נעבן די שויבן; אַ הויכער בוים האָט אויסגעשטרעקט זיינע צווייגן; מיינע גרינע, אומעטיקע אויגן האָבן געבליקט צום בוים, זיך דערפרייט מיט די ווונדערלעכע פרישע און גרויסע בלעטער. עס איז געווען פרילינג, יוגנט האָט דערוואַכט אין מיר. איך בין געווען אין אַ טורמע, צווישן אַלטע אַנצוגן, צווישן גרויע מאַשינען און שמוציקע ווענט... אַלץ אין מיר האָט רעוואָלטירט; יעדער טייל קערפער איז געהאָנגען אויף דער קרומער צווייג, וואָס האָט אַראָפּגענידערט שווער און מיד, געאָטעמט אין דער וואַרעמער זון... איך בין געפלויגן אויף די בלעטער צום הימל — דעם בלויען ים אין דער הויך...

פלוצלונג — אין מיר איז געהאָנגען יענע מינוט אַ גאָלדענע האַרפע; די יוגנט האָט אַ רייך געטון די סטרונעס, אַ זיסע מעלאָדיע האָט אין מיר אָנגעהויבן קלינגען, אירע ריטמען האָבן מיך געטראָגן אויף פליגל צו דער זון. אַ כוואַליע פרייהייטס-דראַנג האָט אַ יאָג געטון אויף מיר, געצוואָגן מיין האַרץ, געקושט די געלע סטרונעס פון דער האַרפע...

אין עקסטאַז האָב איך אָנגעהויבן זינגען, זינגען שטיל און איינגעהאַלטן, דאַן העכער און העכער, שענער און מעלאָדישער. אַ גאַנצער כאָר האָט אין מיר געקלונגען, אַ גאַנצער פרייהייטס-אָרקעסטער האָט אַ ציטער געטון אין מעלאַנכאָלישע ריטמען צו דער זון, צו דער גרינער צווייג פאַרן פענסטער...

און פלוצלונג — איך דערהער אַ געזאַנג, אַזאַ מעכטיק געזאַנג,

וואָס פליט, צעשפּריצט און צעטאַנצט זיך, צעפּליסט און צעקלינגט אַרום און אַרום. דאָס איז געווען אַ געזאַנג פון אַ פרוי, פון אַ דער־בייאיקן פענסטער — אַ געזאַנג פון אַ דינסטמיידל, פון אַ בירגערלעכער פרוי? — ווער ווייסט... די מעלאָדיע איז געווען מיינע, אָן אַלטע, ריטמישע מעלאָדיע, פון יענע מעלאָדיעס, וואָס שניידן דאָס האַרץ ווי מיט שאַרפע קינזשאַלן...

זי האָט געזונגען מיין ליד, מיט די ווערטער אין רוסיש. איך בין געווען פאַרגליווערט און שטאַר, איך בין געווען געפּאַנגען. זי האָט מיר געענטפערט אין טורמע פון ווערקשטאַט אויף מיין ליד מיט אַ פיל, פיל שענערן קול. איר שטימע איז געווען צאַרט, זיס; אָן אָנ־שטרענגונג האָט זי געציטערט מיט דער גאַנצער קראַפט פון איר וועזן, צערטלעך, ווייך. מיין אומעט איז פאַרשוווּנדן. זי האָט געזונגען און אומבאַקאַנטערהייט גערעדט צו מיר אין אַ צויבערלעכער שפּראַך פון לעבן — איך האָב אויפגעשטראַלט, געטאַנצט מיט מיינע שמאַטעס — ווי מיט טויטע פיגורן — אַ ווונדערלעכן טאַנץ, מיינע אָפּצאָסן האָבן הילכיק געקלאַפּט צום ריטם פון ליד. אַלץ האָט געטאַנצט אַרום מיר, איך האָב געהערט פון די אַרומיקע פענסטער געשריין געלעכטער, באַוועגונגען.

די געהיימניספולע פרוי האָט געזונגען, איך האָב מיט מיינע טויטע טונקעלע שמאַטעס געטאַנצט, די גרינע צווייגן זענען געווען באַגאָסן פון דער זונס בליאַסקענדיקן גאָלד, גאָלדענע פונקעלעך האָבן אַרומגעטאַנצט צווישן די בלעטער...

און פלוצלונג — אַלץ איז שטום. דאָס געזאַנג האָט זיך איבער־געהאַקט. איז איר מייסטער, מאַן, צי הערשער פלוצלונג געקומען, איר איבערגעהאַקט די ווונדערלעכע שטימע? האָט מען דאָס ווונדערבאַרע מיידל מיט אַזאַ רייכער שטימע אין קייטן אָנגעטון?...

איך ווייס נישט, איך קען אייך גאָרנישט זאָגן, מיינע טייערע פריינט! איך בין געבליבן פאַרשטאַרט און אייז־קאַלט, אַ פייכטע שלאַנג איז מיר אַריין אין ברוסט־קאַסטן, זיך צעלייגט דאָרט. די זון האָט אָנגעהויבן אונטערצוגיין, ווי נאָך אַ שלאַכט זענען די צעוואָרפענע שמאַטעס געלעגן אויף דר׳ערד... טויטע פיגורן... און איך — ווי אַן אומעטיקע שפּין אין טרויעריקן צימער...

און איך האָב געוואָרט — אפשר וועט דאָס ליבע מיידל, די

געפאַנגענע קעניגין, דאָס וואונדערלעכע קינד ווידער אויפציטערן מיט יענער פּישופדיקער מעלאָדיע... איך האָב געוואַרט... איך וואַרט נאָך איצט...

אפשר וועט דאָס גוטע מיידל אַזוי שיין קלינגען מיט דער פּראַכטפולער שטימע...

— מיין קליין מיידל, ווו דו ביסט ערגעץ, מיין געפאַנגען קינד, זינג מיר, זינג נאָכאַמאָל יענע זיסע מעלאָדיע... איך בין אַזוי אומעטיק...

הונטינגטאָן, יולי, 1935

אין שוואַרצן נעגער־לאַנד

איך האָב שוין געזען בראָדוויי, די גאַס פון טיזשוולישן ליכט און פינקלדיקן שימערירן פון וואָלקנקראַצער־ריזן; איך האָב שוין געזען די גרעסטע איבעראַשונג פון דער דאָזיקער אוניווערסאַלער שטאָט; אָבער אינמיטן פון די דאָזיקע אַלע אומגעוויינלעכע זאַכן האָבן צוויי דערשיינונגען אויף מיר געמאַכט דעם גרויסן איינדרוק.

די ערשטע איז פון אַ גאַנץ אָרדינערן כאַראַקטער; ניו־יאָרק איז אָן חרפּה; דאָס מענטשלעכע לייב און זיינע פונקציעס האָבן פאַרלוירן די שעמעוודיקייט; אַנטקעגנאיבער דער געביידע פון „פאָר־ווערטס” איז פאַראַן אַ קליינער שפּיל־פּלאַץ פאַר קינדער, אין זונען־טעג איז עס אַ שפּאַציר־אָרט פאַר וואַגאַבונדן, אַלטע יידן, בעטלער מיט מאָדנע פּנימער און קליידונג; דאָרט איז פאַראַן אַ וו. ק. אַראָפּ־גייענדיק בין איך געבליבן אַ דערשטוינטער: די קלאָזעטן זענען אָן טירן. מענטשן זיצן אָן אַ שום חרפּה און דערליידיקן זייער קערפּער־לעכע פונקציע. פאַר אַלעמען אָפן. הונדערטער מענטשן גייען אַריין און אַרויס. אַ פעטער וועכטער, קליין און דיק, איז הערשער אין דער דאָזיקער „מלוכה״; אין דער ערשטער מינוט ווערט מען דערנידעריקט און ס׳ווערט עפּעס מאָדנע שלעכט.

די צווייטע איבעראַשונג פון אַן אַנדערן כאַראַקטער, איז געווען האַרלעם, דער נעגער־קוואַרטאַל אין ניו־יאָרק. מיינס אַ פריינט האָט מיך געפירט אין דער דאָזיקר זעלטענער אָפּטיילונג פון דער שטאָט, ווו מען זעט נאָר נעגערס. קיין איין ווייסן מענטש. און דערזעט מען אַ ווייסן, פילט מען זיך פרייער און מען וויל אים דריקן די האַנט...

עס איז, ווי איבערהויפּט ניו־יאָרק, אַ מעכטיקער שטאָט־טייל, מיט געוואַלטיקע הייזער, אין דער גוט־באַקאַנטער ניו־יאָרקער קאַסטן פאָרם; אָן מינדסטער אַרכיטעקטאָנישער שיינקייט; אָן באַפּוצונג

אויף די מויערן, אָן גרינקייט און בלומען, ערטערווייז וואַרפט זיך דורך אַ וואַזאָן.

אין האַרלעם איז מען ווי אין אַ גאַנץ אַנדער קעניגרייך; פון די אָפט נידריקע, איינשטאָקיקע הייזלעך קוקן אַרויס נעגער-פּראָסטי-טוטקעס מיט שרעקלעך אומעטיקע אויגן. די נעגערס ליבן זייער דאָס רויט-טונקעלע, מיסטישע ליכט, ווייסע עלעקטרי באַמערקט מען זעלטן אין זייערע וווינונגען. פון אַלע פענסטער שיינט אַרויס דאָס כאַראַק-טעריסטישע טונקעלע ליכט פון רויטלעכן קאָליר, וואָס מאַכט אַ מעלאַנ-כאָלישן איינדרוק. זיי האָסן דאָס אייראָפּעיִשע ליכט. דאָס מעבל איז ס׳רוב פון טונקעלן קאָליר, האָלץ נישט געפאַרבט און שטאַרק, דיק אין אומגעלומפּערטע פאָרמען, ווי די באַקאַנטע נעגער-סטאַטועז, וואָס זענען באַקאַנט אין אייראָפּע. דאָס רויטלעכע ליכט און די נישט-גע-מאָלטע, רוי-הילצערנע מעבל דערמאָנען אין אַ וואַלד, אין גרויזאַם פינ-סטערע וועלדער, דורך וועמענס צווייגן דאָס מיסטישע לבנה-ליכט דרינגט דורך מיט אַ קאָסמישן גלאַנץ. די ווילדעניש איז נאָך נישט אַוועק פון זייערע געוווינהייטן, אַרט-לעבן, און עס טריומפירט נאָך זיגרייך אין זייערע באַוועגונגען, ליידנשאַפטן און בלוט.

זיי זענען מאָדנע-נאַיִוו, ווי קינדער. אַ ראַסע, וועמען דער גורל פון דער געשיכטע האָט איראָניש באַשערט אַריינצופאָרן מיט זייער גאַנצער גראַנדיעזער פינסטערניש אין דער גרויזאַמער אַמעריקאַנער ציווי-ליזאַציע, אין דער שטאָט פון לעצטן טעכנישן וואָרט. צו שנעל, ווייזט אויס, איז עס פאָרגעקומען. די דאָזיקע נאַיִווע קינדער האָבן נישט געקענט לייכט זיך אַסימילירן. זיי אַסימילירן זיך — אָבער דאַן נעמען זיי איבער דאָס שלעכטע פון דער אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע. זיי נעמען איבער דעם קאַפּיטאַליזם, פאַרשידענע קריסטלעכע סעקטעס. זיי נעמען איבער קליידונג, סיפיליס, פּראָסטיטוציע און קראַנקהייטן. זיי נעמען איבער דעם האַס פון דעם ווייסן באַרבאַריזם.

וואָסאַראַ וועלט-געשיכטע-איראָניע! אינמיטן פון דער גרעסטער וועלט-ציוויליזאַציע — אַן אינזל פון אַ ווילד פאָלק, וואָס ראַנגלט זיך אין טראַגישער שיינקייט מיט דער נייער צייט. זיי זענען אַבערגלוי-בעריש און אין די קליינע קאַבאַרעטן זע איך דורך די פענסטער רויכערן די ווייסע מיליאָנערן פאַרשידענע קרייטעכצער. דאָס פאַרלעג-נערט, לויט זייער גלויבן, דאָס לעבן, דאָס גיט סעקסועלע פּאָטענץ. זיי קומען אין די גרויסע נעכט, די ווייסע, און לאָזן דאָרט איבער

בינטלעך בלויע דאָלאַרן, דערפאַר ליפערט זיי האַרלעם די שענסטע נעגער-טעכטער, די טעכטער זענען ווירקלעך שיין. אין אַלגעמיין זענען די נעגערס אַ מיאוסע ראַסע, זייערע אויגן זענען גרויס-שוואַרץ, אָנגעפולט מיט פעטראָל, ווי פאַרשיכּורט פון אייביקן עקסטאַז. זייערע ליפן זענען דיק, הענגען נאָך, זייערע נעזער — ברייט. אָבער די צאַרטע געגער-מיידלעך, איבערהויפט די מולאַטינס, האָבן שוין באַוויזן צו פאַרייניקן אין זיך די שיינקייט פון דער נעגער-ראַסע און פון די ווייסע. זייערע קערפּערס זענען שלאַנק און די הויט ברוין, זייערע האָר זענען מאָדנע פאַרקעמט, איך קוק אַריין אין די פריזיר-סאַלאָנען און זע אַ טראַגישע סצענע פון האָר-פייניקן, די נעגער-האָר זענען געקרויזלט-האַרט און גלאַנצנדיק, זיצן די נעגער-פרויען ביים פריזיער, לאָזן זיך מאַכן מאָדנע קאָמבינאַציעס, טראָגן דורך מיט דעם שטאַרקסטן געדולד אַלע האָר-אָפּעראַציעס, אום צו זיין שיין. עס איז אַ טראַגישער פאַרלאַנג נאָכצומאַכן פאַריזשער פרויען. זיי ווילן אַנט-לויפן פון זייער אייגנאַרט, פון זייער אָפּשטאַמונג. עס איז אַ קאַמף מיט דער מיאוסקייט. וואָלטן קיין ווייסע נישט געווען, וואָלטן די נע-גערס נישט פאַרשטאַנען זייער מיאוסקייט. פאַר דער נאַטור איז אַלץ שיין.

שמירן זיי זיך אין פודער, קרעם, שמינקע, הילן זיי איין זייערע קערפּערס, ווען זיי זענען רייך, אָדער פאַרנעמען זיך מיט פּראָסטיטוציע — אין פאַרביקן זייד. זיי ליבן זייער, ווי קינדער און ווי אַלע פרימיטיווע פעלקער, די פאַרביקע רייצן. זיי ליבן רויט, אָראַנזש, גאָלדיק און בלוטיק; גרין און בלאָ און פיאָלעט. האָט מען דאָך אַמאָל געקענט קויפן ביי זיי מעכטיקע לענדער, פרוכטבאַרע פעל-דער, טאָלן, בערג און טייכן פאַר אַ שטיקל רויטע זייד, וואָס אַ שפּאַנישער מיליטערמאַן האָט זיי געגעבן — און דאַן אָפּגעפאַרבט דאָס לאַנד מיט זייער אייגענעם רויטן בלוט, מיט דער הילף פון דער גרויזאַמער שווערד.

אָבער עס העלפן נישט די שמינקע, און די זיידענע קליידער. די נאַכט גנבעט זיך אַרויס פון אַלע עפנונגען און פאַראַט זיי...

די נאַכט קושט זיי אייביק. די נאַכט איז זייער אייביקע קעניגין. נאַכט האָט זיי געבוירן, און זיי זענען נאָך ווילד, הפקרדיק און קוויטשעדיק. דאָס טוריזנט-יעריקע לעבן אין די אוראַלטע וועלדער קען זיך פון זיי נישט שיידן. זיי טאַנצן אויף דער גאַס, מאַכן פאַרשי-דענע זשעסטיקולאַציעס און סיגעס, זייער פרייד איז אַ ווילדע, עכטע

און נאַטירלעכע, זיי זענען אונטעדריקט, זיי ווערן געלינטשט און אויפגע־האָנגען טויטערהייט און נאַקערטערהייט אויף בוימער דורך די ווייסע מערדער—אָבער זיי פּאַראַטן נישט זייער פרייד. די פרייד, ווי אין די ערשטע טעג פון בראשית. אמת, אַ געדיכטער. אַ שווערער טרויער און אומעט רייסט זיך פון זייערע אויגן. פון זייער טונקעלער הויט, פון זייערע באַוועגונגען. אַ טיפע טראַגיק ווײנט אַראָפּ אין די נעכט פון זייערע געשטאַלטן. דער עלנט זינגט אויס אויף זייערע פּנימער די טרויעריקסטע מעלאָדיען, אָבער זיי פּאַראַטן נישט זייער פרייד. עס איז אַ קאַמף אָן איבערמענטשלעכער מיט זייער מיזעראַבעלן לעבן. זיי ווערן פאַרניכטעט און באַליידיקט—אָבער אָפטמאָל צינדט זיך אָן אין זיי די אַלטע אור־קראַפט. און ציטערט, ווייסע, ווען זיי שטירצן די מויערן פון זייערע גאַסן און טראָגן זיך אין דער נאַכט מיט שוואַרצע פייער־פאַקלען צו אייערע קוואַרטאַלן! ציטערט בראָדוויי און וואלסטריט, דען זיי וועלן ווידער דערוואַכן. ווי אַ וואַלד מיט זיינע שרעקלעכע חיות און דאַן וועט זיין ווײ צו אייך!..

יעדער נעגער איז אַ וואַלד. יעדער נעגער איז אַ גרויזאַם־פינסטערע נאַכט. ווען אַ ווייסער רעדט און ווייזט אַרויס עפּעס פריינט־לעכקייט צו אים, דאַן ענטפערט ער אויך פריינטלעך און גערן. אין אַלגעמיין אָבער האָבן זיי נישט קיין פאַרטרויען צו די ווייסע, פאַר־וואָס דען? די ווייסע האָבן ביי זיי צו גענומען זייער לאַנד, זייערע ווילדע אור־וועלדער, האָבן זיי פאַרשקלאַפּט און אָנגעטון שווערע קייטן, זיי פאַרוואַנדלט אין קנעכט, זיי באַליידיקט און חוזק געמאַכט, און שפּעטער, ווען דער נעגער איז שוין געווען אַנטאייגנט פון אַלע זיינע דעראָבערונגען און אייגנטומען, האָט ער אים נאָך צוגענומען די שיינע פרוי מיט איר ליידנשאַפט, האָט ער אים געגייט אַריינצוגעבן די קליינע טאָכטער מיט די פינקלדיקע אויגן אין שאַנד־הויז. דער ווייסער האָט צו זיי געבראַכט ביקסן, קאַנאָנען, פּולווער און סיפיליס. האָט זיי אָנגעטון אין שמאַטעס, וואָס די ווייסע מענטשן טראָגן און צערייסן פריער, דאַן ווערן די שמאַטעס געוואַשן אין בענזין און געליפערט צו טייערע פרייזן פאַר זיי. שמאַטעס פון ווייסע אַלקאָהאָליקער, סיפי־ליטיקער, טובערקולאָזע, וואַגאַבונדן און באַנדיטן.

און ווען דער נעגער האָט זיך צעוויינט, און אין אָנפאַל פון געוואַלטיקן טרויער און אין בענקשאַפט צו דער אַמאָליקער פרייהייט, האָט ער אָנגעהויבן צו קוויטשן און צו יאָמערן, ווי מען וואָלט פון

אים דאָס שוואַרצע פלייש געריסן, און פונקט ווי די ווייסע וואָלטן געלאַכט איבער דעם וויק, וואָס פון אַ שוואַרצן קערפּער גייט רויט בלוט, און ווען דער נעגער האָט אין זיינע געזאַנגען געלאָזט רוישן דעם אור־וואַלד מיט טויזנטער שטאַרקע שטימען, און ווען ער האָט געלאָזט הערן זיין ווייטיקלעכן קוויטש פונם האַרץ, וואָס האָט געוואָלט פּלאַצן, און ווען זיינע דיקע פיס האָבן זיך אין היסטערישן ריטם צעטאַנצט, ווי אויף אָנגעגליטע, אייזערנע פּלאַטן — האָבן די ווייסע צוגערויבט ביי זיי די דאָזיקע טענץ. אַ נאָמען געגעבן, אָפּגעשיקט צוזאַמען מיט מאַרינירטע נעגער־פיס פון יונגע יינגלעך און מיידלעך, פּאַרפּאַקטע אין וואַגאָנעס קיין אייראָפּע, קיין פּאַריזש, ווו די פעטע ענגלענדער און דייטשן דערקוויקן זיך מיטן קוויטשעדיקן יאָמער פון אַ שטאַרבנדיקער ראַסע, וואָס זינגט אויס איר לעצט וואַלד־ליד און טאַנצט אויס איר לעצטן היסטערישן טאַנץ מיט צעבלוטיקטע פיס ביי די פלאַמען פון ווייסער עלעקטרי, אָנשטאָט ביי די אורפייערן אינמיטן פון די אומדורכדרינגלעכע וועלדער.

און ווען דאָס איז ווייניק געוועזן — האָבן זיי אַריינגעשיקט זייערע פּאַרדאָרבענע האָמאָסעקסועלע מיסיאָנערן אין זייערע רייען, צוגערויבט ביי זיי די קליינע קינדער און פאַר געלט דערצויגן ביי זיי אַ שיכט פון פּאַרעטער־מיסיאָנערן.

נאַכט. איך גיי אַ מידער און פון טרויער־באַרוישטער איבער האַרלעם. קופּקעלעך נעגערס שטייען און הערן זיך צו צו זייערע נעגער־רעדנער. עס זענען מערסטנטייל באַפּטיסטישע מיסיאָנערן, ליידנ־שאַפטלעך, ווילד, מיט כאַראַקטעריסטישער נעגערישער, משוגענער באַוועגונג רעדן זיי צו די אומוויסנדיקע נעגערס וועגן רעליגיע, איך פאַרשטיי זייער ווייניק, אָבער איך כאַפּ אויף עפּעס. אָט דערציילט איין רעדנער, אַז די נעגערס מוזן זוכן זייער רעטונג ביי די ווייסע. די ווייסע זענען גוטע מענטשן. ווען די פראַנצויזן האָבן געוואָלט האָבן אַ גרויסן פירער, האָבן זיי גענומען ביי איטאַליען דעם גרויסן נאַפּאָ־לעאָן. אַזוי מוזן טון די נעגערס. זיי מוזן זיך באַקערן און אַנערקע־נען קריסטוסן. יאָ, זיי מוזן קושן די שטיוול פון ווייסן אימפּעריאַליזם, וואָס טראָגט אַ קרייץ אויפן רוקן פון אַ מיטראַלעז. זיי מוזן גאָר פאַר־דאָרבן ווערן פון דער ווייסער פּאַרדאָרבנקייט, און איך קוק זיך צו צו די צוהערער, נעגער אָנגעטון אין ווייסע קראַגנס, און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס יענען ווייסע גאַלגנס אויף זייערע שוואַרצע העלזער.

זייערע אויגן קוקן הילפלאָז צום רעדנער און זיי שעפּטשען עפּעס און זענען איינשטימיק. ווי לייכט איז זיי צו באַאיינפלוסן. זיי זענען קינדער, זיי זענען נאַיִוו, אומבאַהאָלפן, שוואַך און אומוויסנד, זיי פילן עפּעס, זיי זאָגן מיט זייער אינטואיציע, אַז די אַמאָליקע שטיינערנע געטער זענען מער נישט גילטיק, אַז זיי האָבן זיי פאַרלאָזן, אַז די געטער האָבן זיי פאַראַטן און איבערגעגעבן צום שמעלץ-אויוון פון דער געשיכטע — און פיליכט צום טויט. זיי פילן, אַז זיי האַסן די ווייסע, זיי האַסן זייערע פרויען זאָגאַר, כאָטש זיי ליבן זייער ווייס לייב, זיי האַסן די לבנה אין האַרלעם, וואָס איז ווייס, זיי האַסן אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו אים, אָבער צו ווייט זענען זיי שוין פאַרגאַנגען, זיי האַסן די וועלדער, די געטער, די פרייע שטרעקן, זייערע גרויסע אומגעלומפּערט זיסע פרוכטן, זייערע אור-קברים — אַלץ האָבן זיי פאַרלאָזן— און איצט איז שוין צו שפּעט צוריקצוגיין דערצו. זיי זענען געבליבן שטיין אינמיטן וועג. דער ווייסער האָט פאַרוואָרפן איבער זייערע העלזער אַ שטריק פון דער אייראָפּעיִשער געמיינער ציוויליזאַציע. זיי ווערן שוואַך אין די שטיינערנע גאַסן. די הייזער זענען ווי טרומנעס פאַר זייערע לעבעדיקע קערפּערס, ווי תכריכים-אַנצוגן, זענען ווי טרומנעס פאַר זייערע נעכט און טעג, רעוואָלטירן זיי — שטעקן זיך אַרויס פון אַלע ווייסע קוואַרטאַלן, וואָס רינגלען זיי אַרום, רערן-מיילער פון קוילנוואַרפּערס, מיטראַלעזן און טאַנקס, האָבן זיי נישט קיין ברירה, מוזן זיי ווערן לאַסט-טרעגערס און טראָגן די לאַסט פון די ווייסע, מוזן זיי זיך באַזעצן אין זייער געטאָ און געניסן די לעצטע נאַכט מיט זייערע אייגענע, וואָס שטאַרבן אויס. מוזן זיי זיך אָנטון דעם ווייסן קראַגן און ווייסע און רויטע בינדע פון די הענט פון דער אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע, וואָס באַדינט זיי העפלעך, ווי אַ הענקער... מוזן זיי זיך אַריינוואַרפן אין די אָרעמס פון דער קריסטלעכער רעליגיע, וואָס זאָגט זיי כאָטש צו נאָכן טויט אַ לעבן, אַ שענער לעבן, ווי דאָ אין האַרלעם. און דאָרטן, מיינען זיי, וועלן זיי זיין פרייער, די קייטן צערייסן, דאָרטן וועלן זיי צוריק זיין, קלערן זיי, אין די וועלדער פון דער גראַנדיעזער גרויזאַם-שיינער אור-צייט...

האָבן זיי אַוועקגעגעבן זייערע קינדער פאַר שקלאַפן, האָבן זיי אַוועקגעגעבן זייער לאַנד פאַר פאַבריקן און לאָקאָמאָטיוון, וואָס שניידן זך אַריין, ווי קינזשאַלן אין די ווילדע שטרעקעס, האָבן זיי אַוועקגעגעבן זייערע מעכטיקע געטער אין די מוזעאומס פון די ווייסע הויפּט-

שטעט, האָבן זיי אָוועקגעגעבן זייערע טעכטער אין די שאַנד־הייזער פאַר די ווייסע באַנדיטן און וואַגאַבונדן און האָבן זיי דעם לעצטן קוויטש און דעם שוידערלעך־פאַרצווייפלטן טאַנץ שוין אויך אָוועקגע־געבן — דאַן מוזן זיי מיט מעלאַנכאָליע אין די אויגן אָננעמען די ווייסע רעליגיע בלויז דערפאַר, ווייל זייערע אַלטע געטער האָבן זיי פאַראַטן און דערפאַר, וואָס די נייע רעליגיע גיט זיי דעם טרוים, די וויזיע, די פאַנטאַזיע פון דער קומענדיקער פרייהייט...

און איך זע, ווי אָרעם זיי זענען, בעטלערס אָדער גלאַט אַלטע לייט, אָנגעטון אין שמוציקע, שוואַרצע קליידער, זעען זיי אויס, ווי פעקלעך סמאָלע אין שמאַטעס און ווערעמדיקער הויט, אַך, די ווייסע אימפּעריאַליסטן־הערן וואָלטן זיס געשמייכלט צו זייערע דאַמען, ווען מען באַגיסט די סמאָלע־קערפּערס מיט בענזין פון זייערע טעקסיס און מ׳צינדט זיי אונטער, די ווייסע ליבן דאָך אַזוי שייטערהויפנס, וואָס פלאַקערן און שימערירן שמאַראַנדיק מיט פלאַמען־צונגען און רויט מענטשלעך פלייש, וואָס ברענט אין פייער, ווי צאַרטע זייד...

אַן אַלטער מאַן זיצט ציטערנדיק מיט אַ דיקן, אין לעדער־געבונדענעם ביכל אויף אַ קליינעם שטול און אַ קליין מיידעלע מיט גרויסע ליפּלעך און וואונדערבאַר־אומעטיקע אויגן זיצט נעבן אים אויף דר׳ערד, צי בין איך אַ גרינער, צי בין איך אַזוי סענטימענטאַל? — ווי עס זאָל נישט זיין, בין איך גרייט צו קושן און אומצוהאַלזן דאָס קליינע קינד מיטן אַלטן מאַן: כ׳בין גרייט צו דעמאָנסטרירן מיין ליבע צו אַ טרויעריקער ראַסע.

איך קוק אויפן אַלטן מאַן און טראַכט, אַז ער איז נישט פיל קלוגער פון קליינעם קינד. די נאַיִוויטעט שטאַרקט זיך נאָך מער מיט דער עלטער, ער זיצט אומבאַוועגלעך, שעפּטשעט עפּעס מיט די ליפּן אַ קריסטלעכע תּפילה, עטלעכע נעגערס באַסעווען צו דעם רעדנער, וואָס פאַרקויפט זיין פאָלק. די הויט פונם אַלטן בלעזלט זיך אין דעם עלעקטרישן שיין. ער שטאַרבט אַזוי פרום מיט אַ פרומער תּפילה אויף די ליפּן. ער איז שוין צעפּוילט, אָבער ער ענדערט זיך נישט אין קאָליר. ער איז שוואַרץ־געל, ווי האַרבסט אין זיין לעצטן פּעריאָד. מיר דאַכט, אַז איך קוק אויף אַ טויטן, צעפּוילטן קערפּער, וואָס איז שוין צעפאַלן. פון ערגעץ הער איך אַ מעלאָדיע און מיר דאַכט, אַז די נעגער־געטער קומען, נעמען צו די שוואַרצע נשמה פונם אַלטן מאַן און טראָגן זי — טראָץ איר פאַראַט — נישט אין קריסטלעכן

גן-עדן, ווו צווישן פּאַלמען זענען פאַראַן באַהאַלטענע מאַשין-געווער— גאָר אין די געדיכטע אור-וועלדער, און מיר דוכט זיך, אַז איך זע אַ ווייזיע פון אַ געוואַלטיקער טויטן-פּראָצעסיע. מיר דאַכט, אַז נעגערס ענדערן זיך נישט טויטערהייט, אפשר ווערן זיי קלענער. זיי ווערן נאָך טראַגישער, קינדערישער, שענער און אומבאַוועגלעך-שטום.

ערגעץ אין די וועלדער פּוילן זייערע געטער, ווי דער זקן דאָ אויפן קליינעם בענקל — אָבער אָט רוישט עס און ליאַרמט עס. האַר-לעם האָט אירע טויזנטער קעגנזאַצן: קאַבאַרעטן מיט דזשעז מוזיק. זייער מוזיק איז אַ ניאַגאַראַ-וואַסערפאַל, רייסנדיקע שטראָמען, פעלזן, וואָס פאַלן פון בערג, פּלאַצנדיקע ווונדן, צעפּלאַצטע בלאָטערן, קווי-טשערייען, געלעכטער, היסטעריע, טויט און סעקסועלע ליידנשאַפט; אין דער רעליגיע, און אין די רעליגיעזע צערעמאָניעס מישן זיי היינט אויך אַריין סעקסועלעס אָרגיעס. איז דאָך באַרימט זייער ליידנשאַפט צו דער ווייסער פרוי, וועמענס לייב ער געניסט אונטער דראָונג פון תליות און שוידערלעכע פּייניקונגען. און מיר דערציילט מיין פריינט, אַז אין האַרלעם אַליין זענען זיי אַ האַלבער מיליאָן, אַז אין אָנהויב איז דאָ געווען אַ ווייסע געגנט — נאָר מיטן אָנקומען פון די נעגערס זענען די ווייסע אַנטלאָפן.

איך הער עס טרויעריק אויס. וואָס שפּילט אַ ראָלע, צי זיי פאַר-מערן זיך — צי נישט, ווען זיי גייען פאַרניכטעט, ווען זייער ראַסע איז פאַראורטיילט צום טויט, ווען זיי וועלן האָבן אַ מיאוסן טויט,— אונטערגאַנג און באַליידיקונג, שפּאָט, חוזק און שרעק פאַרן ווייסן. ווען זיי מערן זיך זאָגאַר, צי זענען זיי שוין נישט לאַנג געשטאָרבן פאַר זיך און פאַר דער נאַטור ?!...

* * *

און אָט וועל איך פאַרענדיקן מיין רעפּאָרטאַזש מיט אַזאַ סצענע. איך גיי דורך אין אַ טונקעלער גאַס און הער אַ געוויין, אַ צאַרטע מעלאָדיע מיט עכט-אָריענטאַלישער בענקשאַפט.

מיין פריינט שלעפּט מיך אַריין. עס איז אַ קירכע, ווו נעגערס פאַרזאַמלען זיך. ס'איז שוין צוויי ביינאַכט. די גאַסן זענען שטיל. ערטערווייז באַווייזט זיך נאָך אַ נעגער, וואָס קוויטשעט אָדער פאַלט שיכור אום. איך גיי אַריין מיט שרעק אין דער קירכע — און אָט אַ

מאָדנע בילד. אויף אַ ברייטער בינע, אין זאַל, שטייט אַ ווייסע, דאַרע, כמעט טובערקולאָזע פרוי פון אַרום פערציק יאָר אַלט. אירע בליקן דערהויבן זיך צום הימל פאַרגלייזטערהייט. זי איז אָנגעטון אין אַ גאַנץ ברייטן, ווייסן כאַלאַט און זעט אויס, ווי אַן אינדיאַנערין. נעבן איר זיצט אַ ווייסער מאַן, ענלעך צו אַ פראַנצויז. ער שעפּטשעט מיט די ליפּן און פּאַטשט צו מיט די הענט אין רעליגיעזן עקסטאַז. צוויי כלי-זמרס זיצן ביי אַ פּויק און אַ טאַץ. אויך זיי זענען שטאַרק עקזאַלטירט און שיכור פון באַגייסטערונג. אַ קליין מיידל, אַ נעגערין, דאַר און קראַנק, מיט אַ בלאַסקייט אויפן שוואַרצן פּנים, זיצט מיט אַ פידל אויף דער האַנט און שפּילט. אַ דיקע נעגערין, בלוי פון שוואַרצן, צעקראָכענעם פלייש, זיצט ביי אַ פּיאַנאָ און קלאַפּט מיט די דיקע פינגער אויף די קלאַווישן. נעבן אַ טישל זיצן צוויי קליינע, אפשר זעקס אָדער זיבן יעריקע נעגערישע מיידלעך מיט שוואַרצע צעפּלעך אויף די קעפּ און זיי האַלטן אין די הענטלעך שפּאַנישע טעלערגלעקלעך און ציטערן צו מיט דאַרע הענטלעך צום טאַקט פון דער מוזיק. די מעלאָדיע איז אַן אויסערגעוויינלעך רירנדיקע, ריטמישע, מעלאָדיש-עקזאַלטירטע און טיף-רעליגיעזע.

דער גאַנצער זאַל איז פול מיט פאַרשידענע טיפּן פון נעגערס. מאָדנע געזיכטער, אויסטערלישע בליקן, משוגענע סיגעס, קרומע מיילער, שרעקלעכע פיגורן. פאַרשידנאַרטיקע פאַנטאַסטישע קריפּלען. די שפּילערס, זינגערס און גבאיטעס זענען אַלע אין לאַנגע, ווייסע קיטלען— דאָס מאַכט אַן איינדרוק, אַז מען איז ערגעץ אין ווייטן אינדיען. בפרט ווען מען הערט די שטילע נאָגנדיקע מוזיק. ריזיקע פרויען, שטיקער פינסטער פלייש אָן געזיכט, בלויז מיט גרויסע אומגעלומפּערטע ביילן אויף די העלזער אויפגעשטעקט, אָנשטאָט פּנימער, ליגן אויף דער ערד אין אַזאַ מין עקזאַלטאַציע, וואָס איז זעלטן זאָגאַר ביי די פּרימיטיווע פעלקער. די דאָזיקע שרעקלעכע פאַרזעענישן, די דאָזיקע מיאוסע קריפּלען — הויבן זיי גאָר אָן צו זינגען, ווערט מען פאַרגליווערט פון יענעם מעלאָדישן צויבער, וואָס מיאוסע מענטשן, קרעאַטורן זענען אימשטאַנד אַרויסצוגעבן. צאַרטע מלאכים מיט הימלישע שטימען זינגען אַרויס פון זייערע עקלהאַפטע גופים. אַלץ איז באַהערשט פון אַ מאָדנעם איבערערדישן געפיל.

די מוזיקאַנטן זיצן ביי זייערע אונסטרומענטן, ווי אויטאָמאַטן, זיי זענען נישט קיין געדונגענע כלי-זמר. עס זענען רעליגיעזע באַפּ-

טיסטישע נעגער-פאַנאַטיקער מיט פאַרגליווערטע געזיכטער פון דער-חויבונג. זיי זינגען איבער דאָס זעלבע ליד. איין מעלאָדיע זינגען זיי אַ גאַנצע נאַכט, אפשר שוין טויזנטער נעכט זינגען זיי די דאָזיקע מעלאָדיע מיט אַ פּאָר ווערטער פון דער ביבל אין טעקסט, באַלד טאַנצן אויף פאַרשידנאַרטיקע פיגורן. אַלטע בעטלער, ווי שרעקלעכע סקעלעטן, פון וועמען די אַלטקייט, די ליידנשאַפט, די עקזאַלטאַציע האָט אָפּגעגעסן יעדעס שטיקל פלייש פון זייערע קערפּערס, וועלכע די שוואַצע הויט האַלט קוים אָפּ, ווי אַ קאַוטשוק, פונם ביינער-צעפאַל — טאַנצן אויף, באַוועגן זיך, ווי שרעקלעכע שאָטנס פון טויט צו די קלאַנגען פון דער שוידערלעכער מעלאָדיע. אָט דאַכט זיך, צע-שיטן זיך זייערע ביינער אין פּראָך. אָט דאַכט זיך, טאַנצן בינטלעך בלוי-טונקעלע פליישן אין שיין פון דעם מיסטישן רויטן ליכט און זיי געבן אַרויס פון זיך מאָדנע העויות. אָט טאַנצן באַלד מיט שיכּורע מיידלעך מיט גלאַנצנדיקע צעפּלעך און אויסערגעוויינלעכן עקזאַלטירטן בליק און די מיט פּעטראָל-אָנגעפּולטע אויגן; זייערע בייכלעך באַוועגן זיך צום ריטם פון דער מוזיק און די קישקעס טאַנצן אין זייער בויך.

רעליגיעז-ליידנשאַפטלעכע מעלאָדיע, ווי עס וואָלטן זיך באַוועגט משוגענע שלאַנגען צום טאַקט פון אַ פּייקל. די מוזיק איז פאַר די פּרימיטיווע פעלקער און באַזונדערס פאַר נעגערס די שטאַרקסטע מעטאָדע פון פּראָפּאַגאַנדע מיט מוזיקאַליש-מעלאַנכאָלישע מעלאָדיעס. שלעפּערט מען זיי איין, שטילט מען איין זייער פּיין און פאַרניכטונג. פאַרוואַנדלט מען זייער טויט אין אַ שמד מאָמענט. אַזוי אַרום נאַרט מען זיי אָפּ, סמט מען זיי און מען פאַרקנעכטעט זיי.

איך באַטראַכט מיט רחמנות און וווּנדער די קליינע קינדער מיט די דאַרע טונקעלע הענטלעך, און אַזוי פיל אומעט-אויסדרוק אין די אויגן, אַזוי פיל טראַגיזם אין זייערע רונדע פּנימלעך, שווייסיק-שוואַרץ און פון זון פאַרברענט...

די מעלאָדיעס באַהערשן מיט אַן אומבאַגרייפלעכן צויבער, און די בעטלערס, די יונגע מיידלעך, טאַנצנדיק, שאַפן איינע פון די וווּנדערלעכסטע וויזיעס; אַ דיקע פרוי נעבן מיר, אָן אויגן, מיט אַ פאַרקלעבט מויל און בלויז שווייס, שטינקנדיק און שוידערלעך אָנצו-קוקן, יאָמערט אַזוי מעלאָדיש, אַז מיר גלוסט זיך וויינען; אָן אויפהער, אָן אָפּרו קלאַפּן זיי צו מיט די פיס און הענט און זינגען צו אַ צוויי טויזנט יעריקן אַלטן ייד זייער ווילדן שמערץ.

איך בין פאַרגליווערט פון כישוף, אַ באַרוישטער גיי איך אַרויס; מיר ווערט עפּעס אַזוי שווער, ווי אַ ריזיקער וואָלקענקראַצער וואָלט מיך איינגעשלאָסן אין זיך, אין זיין מיטן ווי אַ האַרץ; האַרלעם איז שלעפעריק; די קוויטשערייען הערן נישט אויף אַ גאַנצע נאַכט; די נאַכט געהערט דעם נעגער; יעדער נעגער איז אַליין אַן אורנאַכט; רויבט נישט צו ביים נעגער דאָס, וואָס איז אים נאָך געבליבן — די טונקעלע נאַכט, ווען עס שטייען ווידער אויף זיינע געטער און ער טאַנצט מ י ט זיי, דער אָרעמער שוואַרצער מאַן.

איך בין מיד; האַרלעם איז אויך מיד; ווען די נעגערס האָבן זיך דאָ באַזעצט, זענען אַלע ווייסע אַנטלאָפן; איך אַנטלויף שוין אויך... עס שטיקט מיך; אַ ריזיקע תּליה שטרעקט אויס איר פּעטליע צו מיין האַלז... עמעצער לאַכט; איך האָב מורא, אָבער איך ליב אין זיין גיגאַנטישער גרויס דאָס דאָזיקע פינסטערע, טראַגישע פאָלק; איך ליב זייער גרויסע נאַכט, איך ליב זיי אינגאַנצן...

איך אַנטלויף שנעל מיט מיין פריינט; אַ גרויסער, געוואַלטיקער נעגער יאָגט אונז נאָך, ווייל אונז ווערגן — אָבער ניין, ס'איז די נאַכט, ס'איז די קוויטשעדיק-גרויזאַם-שיינע נאַכט פון האַרלעם...

און איך טראַכט: איך וואָלט געוואָלט זען אַ זון-אויפגאַנג דאָ, זען ווי די שטראַלן בראָנזירן די טונקעלע נעגער-פּנימער; זען ווי די זון קושט די קליינע קינדער פונם טראַגישן פאָלק, די קינדער מיט די זעלטענע שמייכלען און טרויעריק-קראַנקע בליקן... ווי גערן וואָלט איך געזען אַ זון-אויפגאַנג אין האַרלעם — און עמעצער זאָל אויספלאַטערן איבערן האַלבן מיליאָן אונטערדריקטע נעגערס אַ רויטע פאָן, אַ ריזיק-רויטע פאָן, ווי אַ פלאַם, ווי אַ געוואַלטיקער פלאַם, וואָס דערהויבט זיך און פאַראייניקט אַלע נאַציאָנען קלאַסן און שיכטן, זיי צעשמעלצנדיק צו יענער אידעאַלער קאָסמישער מענטשהייט, זיי שמידנדיק צו דער אוניווערסאַלער איינהייט...

די דריי רויט־האָריקע פישער

ערגעץ־ווו אויף אַן אינזל, אין קאַלטן צפון־לאַנד, האָבן געוווינט דריי אָרימע פישער, וואָס האָבן געהאַט רויטע האָר ווי פלאַקס, און זייערע פנימער זענען געווען רויט פון זון און פון ווינטן. זיי האָבן איינזאַם געלעבט שוין יאָרנלאַנג אויפן אינזל. אַלע דריי זענען געווען גלייך הויך, מיט ברייטע פלייצעס, שטאַרקע מוסקולן, און דערזעלבער גוטער שמייכל איז געלעגן צעגאָסן אויף זייערע געזיכטער. איבער זייערע שטערנס זענען געווען טיפע קנייטשן, ווי די געפאַרן אויף די שטורמישע ים־כוואַליעס וואָלטן אין אַ סודותפולער שפּראַך אויף זייערע שטערנס געשריבן געהיימניספולע פאָעמען פון שוידער...

נעבן ברעג פון ים, האַרט ווו די כוואַליעס שלאָגן זיך אָן מיט גערויש אין די פעלזן, זענען געשטאַנען איינזאַמע כאַטקעס, ווו די דריי פישער האָבן געוווינט — און ביינאַכט פלעגן די פייערן פון דריי איינזאַמע פענסטער לייכטן ווייט, ווייט איבער דעם ים און זיין אַ צייכן פאַר די שיפן, זיי זאָלן זיך נישט אָנשלאָגן אין די האַרטע פעלזן פון דעם איינזאַמען אינזל.

די דריי רויטהאָריקע פישער האָבן זיך דערנערט מיט די פיש, וואָס זיי פלעגן פאַנגען, מיט די פעטע ים־חיות און ווייסע בערן אויפן ים, וואָס זיי פלעגן נישט אָן געפאַר כאַפּן. ווינטער און האַרבסט־צייט פלעגן שוועבן איבערן הימל שוואַרצע מוראַדיקע וואָלקנס, זיך טראָגן ערגעץ צו ווייטע לענדער, ווי גרויזאַמע מחנות פון אומצופרידענע, פאַרגליווערטע אומגעהויערס. און ס׳פלעגט זייער אומעטיק זיין אויפן אינזל. זומער־צייט, ווען די זון פלעגט מאַט שיינען אויפן בלייערנעם הימל, פלעגן אויף דעם אינזל בליען רויטע ריזן־בלומען, ווי מיט בלוט באַשמירט, און זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ שטאַרקן ריח ווי פון ביטערן וויין. דאָס איז געווען די איינציק־שיינע פלאַנץ אויפן

שטיינערנעם אינזל. אין פריען האַרבסט פלעגן די בלומען אָנהויבן וועלקן, זיך אָנזאַפּן מיט פייכטקייט און פאַרפוילט ווערן געשוואָלענערהייט.

די דריי רויטהאָריקע פישער האָבן איבעריקנס נישט געהאַט קיין נייגונג צו בלומען. ווי די גרויע פעלזן פון אינזל, ווי די קאַלטע כוואַליעס פון ים און ווי די פינסטערע וואָלקנס פון הימל — אַזוי זענען זייערע נשמות גרוי און פינסטער געווען. זייערע הערצער זענען געווען אַרומגעהילט ווי מיט גרויסע, דיקע פעלן פון וואַלפיש, אַזוי אַז קיין צאַרטע געפילן זאָלן זיך נישט דערשלאָגן צו זייערע פאַרגליווערטע, פאַרפרוירענע הערצער.

די איינזאַמע דריי פישער האָבן נישט געהאַט קיין פרויען און נישט קיין קינדער. זיי האָבן אויך נישט געבענקט דערצו. זייערע געפילן זענען פאַרשטיינערט געוואָרן. זיי האָבן טריי געדינט זייער אַרבעט: אויף קליינע זעגל-שיפלעך פלעגן זיי זיך לאָזן אין וויטן, שטורמישן ים, אויף די גרעסטע געפאַרן קעמפן מיט שטאַרקע פיש און בערן, וואָס פאַרבלוטיקנדיק מיט זייער שטראָמענדיק בלוט די כוואַליעס פון ים, פלעגן זיי זיך נאָך פאַרמעסטן קעגן זייערע פאַנגערס, און אָפטמאָל זענען די פישער קוים געראַטעוועט געוואָרן. זיי האָבן גוט געקענט זייער פאַך: זיי האָבן אין די קריטישסטע מאָמענטן נישט פאַרלוירן די קאַלטבלוטיקייט און אָפט מאָל מיט אַ גרויזאַמער געדולד געקוקט דעם טויט אין די אויגן אַריין... זייערע בליקן פלעגן זיין שטאַר און פאַרשטיינערט. קיין גאָט האָבן זיי נישט געהאַט...

אייגנטלעך, זענען זיי אַמאָל געווען פיר, נאָר איינמאָל, אין אַ שטורעם-נאַכט, האָט איין חבר זייערער, פאַנגענדיק מיט זיין האַרפּון אַ וואַלפיש, פאַרלוירן ס'גלייכגעוויכט: נאָכגעבנדיק דעם שטריק צום פאַרוווּנדעטן וואַלפיש, האָט ער נישט באַמערקט, ווי די אומגעהויערע פלייש-מאַסע טוט אים אַ צי פון דער זעגל-שיף און פאַרשלעפּט אים אין טיפעניש פון אָקעאַן. זיי האָבן פון ים נאָך געהערט זיין לעצטן געשריי און געזען אַ האַנט, וואָס האָט געבעטן הילף. אין די טיפעניש פון אָקעאַן איז פאַרשוווּנדן דער וואַלפיש צוזאַמען מיט זיין קרבן...

אין אַ געוויסן אָוונט האָבן די פישער ביי די לייכטנדע איילעמפלעך באַמערקט, אַז אין זייערע רויטע האָר גנבענען זיך אַריין גרויע פעדים: זיי האָבן אויסגעשפּיגן אויף דער ערד און יעדער איינער האָט שטיל ביי זיך אַ קרעכץ געגעבן. באַלד זענען זיי אַוועק צו זיך אין די כאַטעס. זייער לעבן איז געווען גרוי און מאָנאָטאָן. אָבער

גאָרנישט האָט זיי געקענט אַרויסברענגען פון זייער פאַרגליווערטן צו־שטאַנד. קיין קעגנזייטיקע ליבע האָבן זיי נישט אַרויסגעוויזן. אָבער אין מאָמענטן פון געפאַר פלעגן זיי זיך איינער פאַרן צווייטן מקריב זיין...

איינמאָל, אין אַ שיינעם, האַרבסטיקן זון־אונטערגאַנג האָבן די פישער געזען אויפן ים אַ ווייסע זעגל־שיף. געוויינלעך פלעגן קיין פיש־שיפן נישט דורכגיין אין דער דאָזיקער שלעכטער וועטער־צייט. קיין זעגל־שיף פלעגט זיך קיינמאָל נישט באַווייזן, ווייל צו ווייט קען זיך אַזאַ שיף נישט לאָזן. עס איז אַ זיכערער טויט. קיין נאָענטע אינזלען זענען אויך נישט געווען. ביים ברעג זענען די דריי פישער געשטאַנען, געפּיפּקעט די לאַנגע, רויטע ליולקעס און געקוקט צו דער זייט פונם זון־אונטערגאַנג, ווו אַ רויטער זעגל האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט איבערן וואַסער...

נענטער און נענטער איז די זעגל־שיף געשוואומען צום ברעג. ווען זי איז שוין געווען אַזוי נאָענט, אַז מען האָט געקאָנט אונטער־שיידן די געגנשטאַנדן אין דעם שיפל — האָבן זיי דערזען אַ יונגע פרוי, פון אַ יאָר דרייסיק, מיט שטאַרקע, שטאָלענע בליקן און רויטע, געלאָקטע האָר, וואָס האָבן אין שטאַרקן ים־ווינט געפלאַטערט. זי האָט געהאַט אַ קאַלט, ענערגיש פנים, וואָס האָט דערציילט פון אַן אייזערנעם כאַראַקטער און פון אַ קאַלטער נאַטור, וואָס צינדט זיך אָן אין בלויז איינציקע מאָמענטן פון לעבן צו דער העכסטער באַגייסטערונג, צו ליידנשאַפטלעכע טאַטן. דאָס האָט איבעריקנס אויך באַשטעטיקט איר צעריסן העמד, וואָס איז געווען באַפלעקט מיט בלוט: איר קערפּער איז געווען שטאַרק, מענלעך־מאַסיוו און בלוי פון קעלט.

די פרוי האָט געמוזט קומען פון אַ זייער ווייטער שטרעקע, ווו זי איז אוודאי באַגאַנגען אַ בלוטיק פאַרברעכן און אַנטלאָפן; איר רייזע איז געווען אַ העכסט־געפערלעכע, דען נאָר אַלטע, אויסגעפּרוּווטע פישער קענען עס באַווייזן אַליין אין אַ זעגל־שיף צו שניידן די כוואַליעס פון צפון־ים...

זי האָט געשוויגן; איר מויל איז געווען פאַרמאַכט, אירע ציין — פאַרהאַקט און אויך די פישער האָבן געשוויגן. אַ מאָדנער גלאַנץ האָט אויפגעלויכטן אין זייערע גרויע אויגן, און אַ שמייכל האָט זיך צעשפּילט איבער זייערע פּנימער...

די פרוי איז געווען מיד, די קליידער צעפליקט, וווּנדן האָבן געבלוטיקט איבער איר קרעפטיקן קערפּער; אַלע דריי פישער האָבן

איר געברענגט דריי גרויסע פענעצן געבראָטענע פיש-פלייש, וואָס זי האָט שנעל פאַרצערט, דאַן האָבן זיי אַרויסגעברענגט דריי טעפּ מיט רויטער טיי; זי האָט עס אויסגעטרונקען. דאַן האָבן זיי צוגעשלעפּט צום ברעג דאָס צעבראָכענע זעגל-שיפל, אַרויסגענומען פון דאָרט די פרוי...

און דאָ האָט אַ געדיכטער טרויער זיך צעגאָסן איבער די דריי פישער-פּנימער. צו וועמען אין כאַטע זאָל מען זי פירן זיך אויסרוען, זיך דורכשלאָפן און וווינען ווי לאַנג זי וועט וועלן. די פרוי האָט געזען זייערע פאַרזאָרגטע פּנימער, די פונקען פון דערוואַכטער ליידנשאַפט אין זייערע אויגן; זי האָט באַטראַכט די קרעפטיקע ברוסטקאַסטנס זייערע — און פאַר איר זענען אַלע דריי מענער געווען גלייך. זי איז געווען גלייכגילטיק און זיך געלאָזט אויפן בארַאַט פון די מענער.

ענדלעך האָבן זיי אַלע דריי אַריינגעפירט די פרוי אין אַ וואַרימער כאַטע, פאַרמאַכט די טיר, זי געלייגט אין בעט אַריין און אָנגעגרייט איר מענערישע קליידער צום אָנטון זיך. דאַן זענען זיי צוריק אַרויס אין דרויסן. עס איז געווען אַ ליכטיקע נאַכט. ווי וועלף האָבן די כוואַליעס געוואָיעט און הויך, הויך איבערן הימל, צווישן די וואָלקנס, איז אַ קאַלטע לבנה געשוווּמען און באַלויכטן דעם איינזאַמען אינזל.

בלויז אין איין כאַטע האָט געלויכטן אַ ליכט, דען דאָרטן איז טיף פאַרזונקען אין שלאָף געלעגן די ווילד-פרעמדע פרוי, ביי דער טיר פון דער כאַטע זענען אויף אַ הילצערנער באַנק געזעסן די דריי אָרימע פישער, און זייערע רויטע פּנימער זענען געווען טרויעריק און באַלויכטן פון דער קאַלטער לבנה...

שטומערהייט האָבן זיי באַשלאָסן אַלע דריי די נאַכט דורכצוברענגען אין דרויסן, כּדי קיין איינער פון זיי זאָל ניט גענוסן די ווילד-פרעמדע פרוי — און אין דער נאַכט האָבן די פייערן פון זייערע לולקעס געלויכטן ווי שמעטערלינגען, וואָס וואָלטן זיך פלוצלינג באַוויזן אין קאַלטן צפון-לאַנד.

זייערע אויגן זענען געווען פאַרמאַכט. אָבער זיי זענען נישט געשלאָפן. די אייפערזוכט האָט זיך ווי אַ וואָרעם געגראָבן אין זייערע ברוסטן.

אין דערפרי זענען אַלע דריי אַוועק אויף פיש-פאַנג איבערן ים און די גאַנצע צייט האָבן זיי פאַרעקשנט געשוויגן. פאַרנאַכט, ווען זיי האָבן געזעגלט ביים ברעג פונם אינזל, האָבן זיי געזען ווי אַ רויך שלענגלט זיך פון דעם קוימען פון איין כאַטע. די פרעמדע פרוי האָט

געקאָכט אַ היימישע זופּ... צום ערשטן מאָל האָט אַ פרוי ביי זיי געקאָכט... אַלע דריי פישער האָבן אויפגעלויכטן—און באַלד האָט אַ טיפע מעלאַנכאָליע, ווי אַ פינסטערע כמאַרע, פאַרדעקט זייערע געזיכטער.

זיי זענען אַלע דריי אַריין אין דער כאַטע: אַן אָנגענעמע וואַרעמקייט האָט זיי אַרומגענומען, און דריי טעלערס מיט רויטער פיש-זופּ האָבן געוואַרט אויפן טיש און געצויגן די פישער מיט דער וואַרעמער פאַרע. זיי האָבן אויסגעזופּט די זופּ און — געשוויגן. די פרוי האָט געשוויגן. ערשט איצט אין דעם רויטן שיין פונם אייל-לאָמפּ האָבן זיי געזען, ווי שיין זי איז געווען. איר קערפּער האָט צוגעזאָגט טויזנט נעכט פון ווילדן פאַרגעניגן...

דאַן איז די פרוי ווידער איינזאַם געבליבן זיצן. די דריי פישער זענען ווידער אַרויס אויפן אינזל און זיך דורכגעקוקט מיט שווידערלעכע בליקן. זייער קעגנזייטיקע ליבע אין צוגעוווינטשאַפט איז זיי געווען טייער. ווידער זענען זיי אַריין צו דער פרוי, זי אַרויסגעשלעפּט מיט געוואַלט, אַריינגעזעצט אין איר זעגל-שיף מיט די ווייסע זעגלען, און זי געהייסן זעגלען ווייט, ווייט אין דעם שטורמישן ים...

די נאַכט איז געווען מוראדיק. מיט אייל-לעמפּלעך אויף די זעגלען, האָבן די דריי פישער אין זייערע שיפלעך באַגלייט די שווייגנדיקע פרוי אויפן שטורמישן ים. דאַן האָבן זיי זיך צוריקגעקערט, אַריין יעדער איינער צוריק אין זיין כאַטע און ווידער האָבן דריי פינקלדיקע ליכט געלויכטן אין די פענסטער...

מוראדיק האָט געיאָמערט דער ווינט. באַלד האָבן זיי דערהערט אַ טראַסקעריי, ווי אַ שיף וואָלט זיך אָנגעשלאָגן אָן די פעלזן. זיי זענען אַלע דריי, שווייגנדיק, אַרויס און געזען אויף די שפּיצן פון די שטיינער די צעבראָכענע זעגל-שיף פון דער פרוי, אויפן ברעג איז געלעגן דער טויטער קערפּער פון דער פרוי. וואָס דער ווינט און די כוואַליעס דאָבן אַרויסגעוואָרפן.

די שוימענדיקע כוואַליעס האָבן געוואַשן די בלוט-פלעקן פון מאַסיוון קערפּער. אַרום איר האַלז האָבן די זיידענע האָר זיך פאַרוויקלט, ווי אַ בלוטיקער תּלין וואָלט זי געהאַלזט און געקושט...

די דריי פישער זענען צוריק אַריין אין די לייכטנדיקע כאַטעס, אַרויסגעבערענגט דריי ברייטע רידלעס און אין דער זעלבער נאַכט שטיל געגראָבן מיט שווייגנדיקע געזיכטער אַ קבר אויפן אינזל און דאָרטן באַהאַלטן דעם פאַרוווּנדעטן קערפּער.

בורלעסק

ווי אין אַלטן רוים, אין אונטערגאַנגס־פּעריאָד, האָט די סעקסועלע פּערווערזיע און דעגענעראַציע דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פּונקט — אַזוי קומט עס אויך פאָר אַין אַלע אייראָפּעישע הויפּט־שטעט. אַמעריקע שטייט נישט אָפּ אין דער דאָזיקער הינזיכט. עס איז די באַגלייט־דערשיינונג פון בורזשואַזן קלאַס, וואָס טוט צום לעצטן מאָל אַ קרעכץ און אַ לאַך אויס היסטעריש דורך טורמעס, תּליות און פּערווערזיע. ווען די אַלטע קאַפּיטאַליסטישע וועלט איז שוין שיכור פון בלוט, פון סאַדיסטישע פּייניקונגען און געמיינקייט — הייבט זי זיך אָן אויסצוטון, לאָזט אַרונטער פון עקלהאַפטן קערפּער דאָס העמד און שמייכלט פרעך און ציניש אין דער דאָזיקער עקסהיביציאָניסטישער פּאָזע...

* * *

אויף „יוניאָן־סקווער“ איז פאַראַן אַ „בורלעסק־טעאַטער“. איך האָב זיך געטראַכט: פּאַריזש איז די קעניגין פון אַזעלכע זאַכן. ווי־צי וועט אָבער אויך דאָס קאָנסערוואַטיווע ניו־יאָרק זיין אַזוי אָפן?

די בענק אין זאַל זענען צעבראָכן, אויסגעריסן, ווי נאָך אַ נאַכט פון אָרגיע. דאָס ברעכן די פריילעכע ייִנגען דאָס האָלץ אין גרויסן עקסטאַז, אין באַזונדערס הייסע מאָמענטן. עס איז אָנגערויכערט, טונקל, פון די פּאַפּיראָסן הערשט אַ געדיכטער גרוי־בלויער נעפּל אין זאַל, ווי ערגעץ אויף אַ פעלד אין באַגינען. איך קוק זיך איין צום פּובליקום, וואָסערער צונויפקלייב פון פאַנטאַסטישע פּנימער! פון אַלערליי ראַסן. מאָדנע געזיכטער, הויקערס־ האַלב־בלינדע, לאָמע, בלאַסע, פאַרשידענע אומבאַפרידיקטע נאַטורן, סעקסועל־פּערווערזע און פיזיש־צעבראָכענע, קאָמישע, טראַגישע. עס איז, ווי מען וואָלט געוואָלט ווייזן אַן אויסשטעלונג פון פאַרשידענע פאַרקריפּלטע פאַרשוינען,

עס איז, ווי אַ רעזשיסער פון לעבן וואָלט טויזנטער מענטשן בליץ־שנעל גרימירט און אָנגעטון אין שרעקלעכע מאַסקעס. דאָס דאָזיקע פאַנטאַסטישע פובליקום רויכערט נערוועז, לאָזט אַרויס פאַרשידענע העויות, איז פיבערדיק פון דערוואַרטונג און עס בליצט מיט פעטראָל־אָנגעגאָסענע אויגן, ווי הונגעריקע הינט, ווען זיי דערזעען הויך, איבער זיך אָ פלאַטערדיקע האַנט מיט אַ רויט שטיק פלייש, וואָס טריפט מיט פריש בלוט!... זעענדיק דעם דאָזיקן ספעקטאַקל, זיך אַריינקוקנדיק אין די דאָזיקע וועלפיש־גיריקע און דאָך מענטשלעכע אויגן — באַהערשט מיך אַן אויסערגעוויינלעך מיטלייד, וואָס פאַרטרעט דעם פריערדיקן עקל! אַ טיפער רחמנות! איך פיל עפעס אַ גרויס געפיל, ווי איך וואָלט פלוצלינג אין ציטער דערפאַרן, אַז די גרויסע מענטשהייט איז קראַנק... אַז עס מוזן ווידער קומען יאָרהונדערטער, וואָס זאָלן אויסהיילן די ערלעכע, די ריינע און שיינע מענטשלעכע סעקסואַליטעט.

אַ פרוי קומט אַרויס אויף דער סצענע באַלויכטן פון אַ העלן רעפלעקטאָר. זי איז הויך, שלאַנק און שיין. זי איז איינגעהי,ט אין אַ מאַנטל, טראָגט אַ בלוי געפרעסט קלייד, ביזן האַלז פאַרמאַכט, נידעריק ביז צו די פיס. זי שטעלט זיך אַנטקעגן דעם פובליקום, נעבן אָרקעסטער, זאָגט און זינגט אַלעמען אַ ליד. דאַן גרייכט די האַנט צום האַלז, הייבט אָן אויפצוקנעפלען. טויזנטער אויגן פון מיטליידספולע מענטשן בליצן אויף. זי זינגט און עפנט די בלוזקע. אירע ברוסטן זענען אָפן, זי באַרירט זיי מיט די הענט, פאַרשטעלט זיי, עפנט זיי ווידער. יעדער זשעסט און ציטער פון אירע הענט גייט דורך דורך טויזנטער מענטשנס לייבער, ווי אַ זיסער שוידער, ווי אַ גערויש פונם הייסן בלוט, ווי אַ גיגאַנטישע שלאַנג וואָלט געצישעט. זי טוט אויס די בלוזקע, בלייבט שטיין אין נאַקעטן פראָפיל. פאַרשווינדט אונטערן פאָרהאַנג. אַפלאָדיסמענטן, אַנטציקטע רופן, ווי הילפס־געשרייען. די פרוי קומט אַרויס, טאַנצט, לאָזט אַרונטער דאָט קלייד, עטוואָס נאָך פאַרהילט איר געשלעכט. אַלע ברומען, ווי ווילדע חיות. די פרוי, קומט צוריק, וואַרפט אַלץ אַרונטער, וואַרפט אויפן קאָפּ פון אַ וויאָליניסט איר אונטערוועש — אָט איז זי אינגאַנצן נאַקעט, דער רעפלעקטאָר טוט זי אָן אין אַ קלייד פון בליץ־שטראַלן, זי באַוועגט און טאַנצט מיטן הינטן — יעדער באַוועג — אַן אויפברויז פון ליידנשאַפטן. עט דערגרייכט זיין עפּאָגיי אין אַ געפּאַטשעריי מיט די הענט. זי אַנטלויפט, מען רופט זי בסדר צוריק. בכדי פטור צו ווערן פון די

אומענדלעכע איינלאַדונגען, קומען אַרויף מענער-אַקטיאָרן אויף דער סצענע, די פרוי האָט אַ תירוץ: זי „שעמט זיך"...

די פּאַטשערייען פון די הייסע, פאַרשוויצטע הענט קלינגען, ווי אַ גרויזאַמע, היסטערישע מעלאָדיע, פונם באַעוולהטן סעקס. די זשעסטן און די רייד פון די פּאַיאַצן זענען אויסגערעכנט אַריינצוקריכן מיט הייסע גלי-אייזנס אין די ווונדן פון די פאַרקריפּלטע געשטאַלטן. דאָרטן הייבן זיי אָן צו רייצן, וועקן, פאַרבלאָטיקן און אָנאַניזירן דעם סעקס. יעדע באַוועגונג און וויץ איז אויסגערעכנט אויף די נידעריקסטע אינסטינקטן. די מענטשן, אומבאַהאָלפענע אין זייערע קראַנקהייטן, פאַלן לייכט קרבנות פון די דאָזיקע סעקסועלע הענקער, וואָס פאַרוואַנדלען די מענטשן אין אומנאָרמאַלע חיות. דאָס גאַנצע טעאַטער פאַרוואַנדלט זיך ענדלעך אין אַ פינסטער-טראַגישער אָרגיע.

אין זאַל געפינען זיך פרויען, עס קומען פאָר ווירקלעך-שיינע טענץ. מינדעריעריקע מיידלעך נעמען אין זיי אַנטייל. די קערפּערס זענען צוגעקליבענע, שלאַנקע, ווייסע, גראַציעזע און הויכע. געוויינלעך זענען עס ליידנשאַפטלעכע טענץ, וואָס וועקן ווידער דעם סעקס. טייל מיידלעך זענען אָנגעטון אין שמעטערלינג-קליידער און פליגל. דעקאָראַציעס זענען זייער אָרעמע, נישטיקע. די קונסט איז דאָ אַ גאַנץ איבעריקע זאַך. ביי די מערסטע טענץ לאַנגווייליקט זיך דאָס פּובליקום. מען וואַרט אויף די איינצלנע קינסטלערינס, וואָס שפּילן „סאָלאָ"—וואָס ווירקן מיט יעדן זשעסט אויף טויזנטער קערפּערס מיטאַמאָל !...

ווידער אַ פרוי, מיט אַ ליבן שמייכל, שעמעוודיק און נאַיִוו. זי זאָגט עפּעס מיט אַ טאָפּלטער כּוונה... דאַן הייבט זי זיך אָן אויסצוטון. דער ערשטער האַלבער קערפּער וועקט שוין נישט קיין שום אינטערעס. אין משך פון איין האַלבער שעה איז דעם פּובליקום שוין פאַרמיאוסט געוואָרן יענער קערפּער-טאַנץ, וואָס אַמאָל איז ער פאַרן פּובליקום געווען דער וויזיע-חלום פון גאַנצע יאָרן... וואָס-אַ-ראַ ווערט האָבן פרויען-ברוסטן, ווען זיי באַווייזן זיך אַזוי לייכט, ווען די מינדעריעריקע און די עלטערע פרויען שטרעקן זיי אויס צו די פאַרסמטע בליקן? שוין איז עס אַ נאַטירלעכע זאַך. מען פאָדערט שוין מיט זיכערקייט און חוצפּה אירע אַנדערע טיילן. כּדי מער צו רייצן דעם עולם, גיבן זיי זיך נישט לייכט אונטער, זיי פאַרשווינדן, קומען צוריק, לאָזן ענדלעך אַראָפּ דאָס לייכטע קלייד, בלייבן שטיין אין זייער נאַטירלעכן צושטאַנד. מאַכן עקלהאַפטע זשעסטן. ווייזן אויף

דער שרעקלעכער געשריי־פּאָדערונג פון פּובליקום זייערע געשלעכטער, טוען אַ פּרעכן לאַך צום עולם און פאַרשווינדן. וויקלען זיך איין אין סאַמעטענע פאָרהאַנגען — כּדי ווידער אין היסטערישן געשריי און מאַסן־קרעכץ זיך אויפצוּוויקלען און צו שליידערן דעם בליאַסק פון זייערע קערפּערס אויף די טע/ערס פון דער סעקסואַליטעט.

די מענטשן זענען נישט באַפרידיקט. קיינמאָל וועלן זיי זיך נישט באַפרידיקן. די נאַקעטקייט און די טענץ, וואָס אילוסטרירן דעם סעקסועלן פאַרקער, זענען, ווי פייערדיקע קנויטן, וואָס צינדן אָן די פּענער פון זייער פּערווערזיע און אין העכסטן, אין ליידנשאַפטלעכסטן, אין ווילדסטן צושטאַנד, אין וועלכע די מענטשן זענען ענלעך צו יענע ריזיקע אָקסן פאַרן שיין פון די רויטע טיכלעך, מיט שווערדן אין די בלוטנדיקע רוקנס — אין יענע האַרטע באַגער־מאָמענטן פאַרשווינדן די פּרויען־פיגורן, און די מענטשן קוקן זיך אָן איינע די אַנדערע, דערזעען ערשט, אַז אייגנטלעך געפינען זיי זיך נישט אַליין, אַז אין עקסטאַז האָבן זיי זיך פאַרגעסן...

די דאָזיקע סצענעס חזרן זיך כּסדר איבער. אויסערדעם זענען די וויצן און די אַטראַקציעס פון האָמאָסעקסועלן, אַנאַניסטישן און געמיינסטן כאַראַקטער־אַנדייט. די באַציִונג פון די פּאַיאַצן־אַקטיאָרן צום פּובליקום איז אַ באַליידיקנדיקע, אַ דערנידערנדיקע. דאָס פּובליקום פילט זיך אָבער נישט באַליידיקט — דאָס איז די טראַגעדיע פון געפאַלנקייט. אַלע ספּעקטאַקלען ענדיקן זיך מיטן אויסטון פון די פרויען... אויך מענער באַווייזן מיאוסע פּאָזעס און רייצן דאָס געפיל. עס איז נישטאָ קיין מאָס, קיין מיטלייד צום מענטש. מיטן אַרונטער־וואַרפן דאָס קלייד פון זיך — טוט די בורלעסק־דאַמע זיך אָן — און נאַקעט בלייבט דאָס גאַנצע פּובליקום. מיט איר אויסגעטוענעם העמד אַנטפּלעקט זי זייערע טויזנטער נאַקעטע קערפּערס, זי טוט אויס די העמדער פון זייערע נשמות...

עס איז, ווי די מענטשהייט וואָלט עפּנטלעך געשענדעט געוואָרן. אָבער דאָס פייערט די אַלטע וועלט אירע געמיינע אָרגיעס. דאָס טוט זי זיך אויס נאַקעט — און לאַכט, קרעכצט און ספּאַזמירט אין זיסן פאַרגעניגן. די נייע מענטשהייט הענגט אויף דער תּליה און רייבט מיטן גאָרגל די שטריק, וואָס זי וועט ענדלעך איבעררייסן — און די אַלטע וועלט טוט אויס צום לעצטן מאָל איר העמד אויף דער אָרענע פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט...

אַ ספּעקטאַקל

פלאַנדערן ליבט די נעכט פון קאַרנאַוואַל. אין איינער אַזאַ נאַכט בין איך געגאַנגען איבער די באַלויכטענע אַלייען, ווו אַלערליי מאָדנע זאַכן זענען געווען אויסגעשטעלט: אַ מוזעאום פון סיפיליס, אַ דיקע פרוי פון 200 קילאָ, דער העכסטער מאַן אין אייראָפּע, אַ פרוי אָן אַ בויך, אַ פרוי מיט שלאַנגען אין וואַסער, געהיימזיניקע שפּיגלען, וואָס מאַכן חוזק און — אַ גרויסער, אייזערנער באַלאָן, אין וועלכן אַ מאַן וועט אויף אַ מאָטאָציקל פאָרן רונד אַרום אין אַלע זייטן בלויז פאַר איין בעלגישן פראַנק...

איך בין געווען נייגיריק: ווי איז עס מעגלעך? דער באַלאָן איז אַזוי קליין, ווי קען אַ מאַן פאָרן אויפן פולאָפּ? ווי וואַגט זיך עס אַ מענטש? איך האָב געקוקט אויפן העלד — אַ ייִנגל פון אַ יאָר 18, אין אַ לעדערנער מאַרינאַרקע, מיט גרינע רעקין-אויגן, שמייכלענדיק צום פובליקום... מיינע צוויי פריינדינס, יונגע מיידלעך מיט בלאָנדע האָר, האָבן געקוקט אויפן מאַן, ווי אויף אַ גאָט...

אין שכנות האָבן צוויי שוועסטער געטאַנצט אויף אַ פלאַטפאָרם, צוויי שוועסטער אין בלויע קליידלעך, ווינקנדיק מיט די אויגעלעך, די קניען אָפּגעדעקט... אָבער מיך און די פריינדינס האָט געצויגן צום געהיימניספולן מאָטאָציקליסט...

דריי פראַנק באַצאָלט. די פאָרהאַנגען אַרונטערגעלאָזט. דאָס פובליקום — צאָלרייך. אַ רעדע פון אַ פרוי וועגן דעם ספּעקטאַקל. דער מאַן גייט אַריין אינעווייניק, פאַרהאַקט די טיר פון באַלאָן, טוט זיך אָן אַ לעדערנעם הוט, זעצט זיך אויפן מאָטאָציקל. אַלעמענס הערצער קלאַפּן, בליצנדע אויגן, רויך פון מאָטאָציקל, פריער לאַנגזאַם, לאַנגזאַם און דאַן שנעלער, ער פליט אַרום, אַרום, אויף די ראַנדן, דאַן העכער, העכער. דאַן — גלייך אויפן פולאָפּ. דער אימפּעט טראָגט אים ווילד, זיין געזיכט איז רויט, מען קען נישט כאַפּן זיין בליק,

ער רייט, ער רייט — אַלע אַפּלאָדירן, וווּנדערן זיך באַגייסטערט — — —
אָבער פּלוצלינג: אַ מוראדיקער קראַך, עפּעס געפּלאַצט אין מאָטאָציקל,
דער מאַן ליגט אין דער נידער פאַרבלוטיקט, צעקאַרבעטשעט — — —
די מענטשן זענען אויפגערעגט, ווילד, דערשראָקן. דער מאָטאָציקל
אויפן מאַן, רוישט און קלאַפּט. נישטאָ קיינער, וואָס זאָל העלפן דעם
קרבן. ענדלעך עפנט מען די אייזערנע טיר, מען שלעפּט אַרויס דעם
צעמזיקטן, טויט — — — און ווייטער האָבן די מיידלעך געטאַנצט,
געדראַנג, פרייד, שיכּרות, פלירט, און די נאַרישע לבנה אויבן—אַ צי-
נישע מאַסקע, און גאַסן-פרויען פאָטאָגראַפירן זיך אונטער קאָמישע טאָוולען.

שפּעט ביינאַכט, איך גיי אַהיים מיט די צוויי מיידלעך, זיי
האָבן שוין באַלד פאַרגעסן... און די לבנה גייט נאָך און שמייכלט
ציניש, און אָט — בלוט-פלעקן זע איך אויף דער לבנה... בלוט-פלעקן...
טויט... די ניקלנע פראַנקן... די פרוי האַלט אַ רעדע וועגן קוראַזש...
די צוויי שוועסטער וואָס טאַנצן... דער מאָטאָציקל הוסט הייזעריק,
נקמה גענומען אינם רייטער...

אַך, ווי אומעטיק איז שפּעט ביינאַכט צווישן טונקעלע לאַמטער-
נעס, טראַכטנדיק וועגן דעם יונגן מענטשן...

א געווינלעכע געשיכטע

דאָס איז געווען אין אַ טעקסטיל-פאַבריק אין איקעל, הינטער בריסעל.

הינטער די גרויסע מויערן פון דער לאַנגער פאַבריקס-געביידע זענען געלעגן ליידיקע פעלצער, ליימיקע און שמוציקע, מיט גרינעם גראָז און קרומע פלאַנצן פאַרוואָקסענע; אַהין פלעגט מען אויסשיטן מיסט, דאָרט זענען געלעגן שטיקלעך אייזן, בליי און בלעך. ווען עס פלעגט טרעפן, אַז עס האָט אויפגעבליט גלאַט אַזוי צוליב אַ טעות אַ בלום, פול מיט פאַרבן, ווי אַלע בלומען — איז זי באַלד פאַרוואנדעט געוואָרן פון שאַרפן מעטאַל-אָפּפאַל, פון שלעכטן גערוך פלעגט זי וויאַנען און דאָך האָט אַלץ געבליט און געוואַקסן; אויב נישט בלומען — איז אַלערליי דערנער און גראָזן. עס איז געווען אַ סימפאָניע פון אַרויסגעגאָסענע פאַרבן פון דער פאַבריק, וועלכע די נאַטור האָט דאָ אין דער פּרוכטלאָזער געגנט נישט געהאַט. ווערים פלעגן זיך נעסטיקן, קריכנדיק צווישן דעם קלעפּעדיקן און פאַרגליווערטן רויטן און בלויען קאָ-ליר-פעטס, האָבן זיי באַקומען אַנדערע פאַרבן און אויסגעזען פאַנטאַסטיש.

איינמאָל האָט דער אויפזעער מיך באַשטימט צוזאַמען מיטן אַלטן זשאַן, צוזאַמענצונעמען די פעסער מיט אַלטע פאַרב; די גוטע — אַריינפירן אין פאַבריק צום באַנוצן; די שלעכטע — אויסגיסן. מיר פלעגן אָפּדעקן די פעסער, אַ שרעקלעכער געשטאַנק האָט אַ פלייץ געטון; פון אויבן פלעגט עס אויסזען, ווי אַ גרין געבעקס, פאַרטרוקנט און מיט שפּינוועבס פאַרצויגן, דערביי פלעגט די פאַרב אַריינקריכן אין אונזערע לעכערדיקע שיך, פלעגט פעט מאַכן אונזערע קליידער.

זשאַנס עלטערן און אורעלטערן האָבן שוין דאָ געאַרבעט און איצט — אַרבעט ער און זיין זון... 60 יאָר קומט ער שוין דאָ אָפּ נעבן די פאַרבן, ביים דרוקן שטאָפן. ער איז שוין געבראָכן און אָן כוח...

און אָט, זיך פאָרנדיק ביי די פעסער, טוט זשאַן אַ געשריי. איך האָב זיך אומגעקוקט, צוגעלאָפן און — אַ שרעקלעך בילד: אויף דער ליימיקער ערד ליגט אַ קליין קינד, באַגאָסן מיט פאַרב. דאָס

האָט זשאַן עס אויסגעגאָסן פונם פּאַס רויטער פאַרב. עס איז געוואָרן אַ צוזאַמענלויף. דאָס קינד איז געלעגן אויפן ליים. מיטן פּנימל אין דער הויך, אין אַ רויטן-פאַרבן-מאַנטל; די פיסלעך און די הענטלעך צונויפגעקאָרטשעט. ווייזט אויס, אַז די יונגע אַרבעטערין-מוטער האָט עס באַלד אַריינגעוואָרפן אין פּאַס, ווי נאָר זי האָט עס געבוירן. די אייגעלעך זענען געווען געשלאָסן, עס איז בכלל שווער געווען צו זען באַזונדערע שטריכן, דען ס'איז געווען פול מיטן קלעפּיקן וואַקס-פאַרב, אַ קליין בערגל פלייש, רויט און טויט...

שפּעטער האָט מען מיר אָנגעוויזן אויף אַ מיידל, וועלכע ווערט באַשולדיקט אין באַגיין דעם פאַרברעכן. אַזוי ווי אָבער עס זענען נישט געווען קיין פאַקטישע באַווייזן, האָט מען זי געלאָזט פריי...

מערקווירדיק, זי איז אַליין נאָך געווען אַ קינד, פון אַ יאָר 17, אָבער זייער צאַרט, בלייך, מיט אַ רונד קליין פּנימל. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס דאָזיקע פּנימל האָב איך געזען אינם קינדס געזיכט... איך האָב זי געפּאָרשט מיט די בליקן, געזוכט צו דערגיין פון איר עפּעס, געשמייכלט. איך קאָן אָבער ביז איצט נישט פאַרשטיין, צי האָט זי אַזוי געלונגען געשפּילט אַ נאַיִווע ראָל — אָדער זי איז ווירקלעך געווען אַ קינד, אַן אומפאַרשטענדלעך קינד, וואָס איז אומפאַרשטענדלעך, צו נאָך אַ קינד, איר אייגנס... זי איז געווען טרויעריק און נידער-געשלאָגן... אפשר האָט זי אַלץ פאַרשטאַנען און באַדויערט... אפשר וואָלט מען איר דאַן אָפּגעזאָגט פון פּאַסן, מען וואָלט זי אין דער היים געשלאָגן און—דער פאָטער וואָלט זיין קינד פאַרלייקנט?... ווער ווייסט...

זי האָט ווייטער געאַרבעט אין פאַבריק.

— לוסיל — האָב איך איר איינמאָל געזאָגט — פּורקואַ ע טי טריסט? פורקואַ? (פאַרוואָס ביסטו טרויעריק, פאַרוואָס?)

— נע דעמאַנדעי פּאַ, זשע טע פּרי! — (פרעג נישט, איך בעט דיך) — האָט זי אַראָפּלאָזנדיק די אויגן, מיר געענטפערט.

— מעי די מואַ, לוסיל! — (אָבער זאָג מיר דאָך, לוסיל!) — האָב איך זיך ביי איר געבעטן, מיט דער האַנט אָוועקנעמענדיק די פרעכטיקע האָר פון איר שטערן.

— סע ריען, זשע רעגרעט, זשע מאַל! — (ס'איז גאָרנישט. איך באַדויער, איך לייד!)

און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע קלאָר-גרינע אויגן. זי איז אַליין נאָך געווען אַ קליין קינד... האָט זי דען דאָס קינד נישט געליבט?...

דער פּאַרק פֿון די אָרעמע

אײַגמיטן דער רווישיקער שטאָט — אַ גרינער אָאַזיס.

אַ קלײנער פּאַרק, זײער קלײן, צווישן רווישיקע גאַסן און רויך און ליאַרעם. אָבער וואָסאַראַ שײנער פּאַרק! אין פֿרילינג ווערט ער שאַטנדיק גרין, טונקל און געהײמניספֿול. ער איז באַרגיק און מיט זײער פֿיל קלײנע אַלײען. די אַלײען ציען זיך ווי געהײמע לאַבירינטן צום צענטראַלן פּלאַץ, ווו איבערן גרינעם וואַסער הענגט אַן אײַזערנע בריק. אַז מען שטײט אויף דער בריק, זעט מען פֿון אײן זײַט, ווײַט-ווײַט, אין דער בלויקײט אַ טונקעלן קלויסטער, וואָס פֿליט אין הימל אַ דאַנק זײַן גאָטישן שפּיץ, וואָס שנײַדט זיך אין דער הויך; אין דער אַנט-קעגנאיבערדיקער זײַט זעט מען די שטאָט און ווידער דעם שפּיץ פֿון אַ געלן קלויסטער מיט אַ גלאַנצנדן קרײַץ.

אין פּאַרק איז זײער גוט אָט די זון. אין פֿרילינג אָדער זומער קומען אין זײער באַשטימטער שאָטנדיקער אַלײע די זקנים. דאָס זענען מײסטנטײלס שאָפֿערן מיט די נאָך גלאַנצנדיקע דאַשקעס אויף די שאָפֿער-היטלעך. קלײן און אײַנגעהויקערט און מיט דינע גאָמבקעלעך זיצן זײ, און ווען די זון וואַרפֿט אַרויף דורך די צווײַגן אַ שטראַל אויף זײערע געזיכטער — זעען זײ אויס ווי פּאַרפֿישופּטע גרויסע, ווײַסע פֿײגל פֿון ערגעץ אַ ווײַטן אינזל. די זקנים זענען רײַנע און שײן, נעבן די מענער זיצן זײערע פֿרויען, שטריקן זאָקן — אָדער זיצן גאָרנישט טוענדיק, דערצײלן זיך מעשׂיות פֿון דער יוגנט, ווען זײ האָבן זיך דאָ געשפּילט אַלס קלײנע מײדלעך. דאַן שלאָפֿן זײ טײל-ווײַז מידע אײַן, וועקן זיך דערשראָקן איבער, ווישן זיך די צעריבענע נעז און פֿון זײערע רויטע אויגן קוקט אַרויס דאָס האַרץ...

רויִק שווימען איבערן וואַסער צוויי ווײַסע מאַיעסטעטישע שוואַנען מיט לאַנגע העלזער; אָט שטײען זײ, רוען זיך אָפּ, שווימען און טראָגן זיך ווי אַ גילדערנער חלום פֿון דער יוגנט. און די זקנים קוקן נאָך

די ווייסע שוואַנען. אפשר וואָלטן זיי אַליין געוואָלט ווערן אַזעלכע ווייסע שיינע, רויקע שוואַנען, און שווימען אין גילדערנעם טייך פון גן־עדן.

אין דער צווייטער אַלייע, נעבן גרינעם וואַסער, שפּאַצירן די דינסטמיידלעך. די קינדער זענען מערסטנס יידישע; די מיידלעך זענען דייטשע און פּוילישע, זיי קומען פון באַרינאַזש, פון דער בעלגיש־דייטשער גרענעץ און פון לוקסעמבורג. זייערע עלטערן זענען קוילנ־גרעבער — און דאָך זענען די מיידלעך זייער לוסטיק; ווי רוישנדע קינדער לאַכן זיי און טאַנצן און שפּרינגען און שפּילן זיך. פלינק כאַפּן זיי די קינדער אין דער הויך און טראָגן זיך מיט זיי אין דער לופטן; זייערע פּנימער זענען רונד און שיין און לעבעדיק. זייערע שמייכלען לייכטן, און ווען מען פרעגט זיי וועגן טאַטן, וועגן ברודער, ווערן זיי טרויעריק, ווערן זיי צוריק אַרבעטער־קינדער. איינמאָל אין יאָר, אויף פּסח, פאָרן זיי אַהיים. ברענגען מיט זאָקן אָדער היטלען פאַר זייערע שוועסטערלעך און די מאַמעס וויינען און קושן זיי. אין פּאַרק אָבער זענען זיי פריילעך, ווי וואַסער־נימפן; דאָ זינגט די יוגנט קעגן דער אַלטקייט.

און אין פּאַרק קומען נישט בלויז די אָרעמע. אינדערפרי, ווען די זון שיינט איבער די אַלייען, איז זייער וואַרעם. דאַן קומען פון די הויכעביימער אַראָפּ די זייער קליינע פייגל, וווּנדערלעך שיין, איידל און מיט דער קליינקייט — זענען זיי באַטעמט. אין וואַרעמען זאַמד לייגן זיי זיך אַנידער און באָדן זיך, וואַרעמען זיך, טוליען זיך, ווי קליינע קינדער, צעפּלאָשן די פליגעלעך, טוליען זיך און די אָרעמע זענען זיי מקנא. און אַט שטייט נעבן אַ בוים אַ קליינע מערלע, שוואַרץ, מיט בייזע אייגעלעך און אַ שאַרפן שנאָבל — און זי צופּט אַ לאַנג שלענגל, וואָס וואַרפט זיך און וויל זיך ראַטעווען. באַלד איז דאָס שלענגל אויף שטיקלעך צעטיילט און אויך זיי וואַרפן זיך — ביז זי פרעסט אַלע אויף און די זון וואַרעמט ווידער. די מענטשן ליבן זייער די פייגל, די רויקע שיינע באַשעפענישן. אַמאָל איז דאָ געווען אַ שפּאַנישער קראַנקער דיכטער, האָט ער די פייגל געברענגט פולע קעשענעס מיט ברויט־קרישקעס. ער האָט געטראָגן אַלטע קליידער, זענען די קעשענעס געווען לעכערדיק—האָט ער געזייעט מיט ברויט. זיי האָבן זיך געשטעלט אויף זיינע הענט, אויף זיין קאָפּ און אויערן און האַלז. זייער פּאָעט האָבן זיי ליב געהאַט. און אפשר איז ער גע־

ווען אַ פּאָעט, וואָס האָט נאָר געלעבט דערפאַר צו שפּייזן די פייגל, און אפשר האָט ער זיינע קעשענעס ספּעציעל לעכערדיק געמאַכט...

און אינדערפרי, גאַנץ פרי, גייען דורך דעם פּאַרק מידע גאַסן-מיידלעך. מיד פון זייערע קליענטן, נאָך האָבנדיק ווייט צו גיין, זעצן זיי זיך אַוועק און שלאָפן איין, און די פייגל זינגען באַלד אינדערפרי און וועקן זיי אויף מיט זיסע געזאַנגען.

טרוימעריש טראָגן זיך די שיפלעך איבערן גרינעם טייך, ווי קליינע גאָנדאָלעס. אין זיי זיצן מערסטנטיילס פאַרליבטע פּאָרלעך און קוועלן אָן. אַמאָל איז געווען אַ פּאָעט, האָט ער ליב געהאַט שטענדיק צו שווימען אויף דער זון איבערן וואַסער, און זיינע שיינע פּאָעמען האָט ער אַזוי געשריבן, אין דער זון. ער האָט זייער ליב געהאַט דעם ים און זיינע שטילע, בלויע פּאַליעס. דער פּאָעט איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער, אַן אַטעאיסט. פאַריאָגט פון זיין היימלאַנד און ווייט, ווייט, אויף די וואַסערן פון איטאַליע. איינמאָל שווימענדיק, איז אַ שטורם געקומען און באַהאַלטן דעם פּאָעט אין דער טיפעניש פון די וואַסערן. זייט דאַן יאָמערט עס פון דער טיפעניש, און איך גלויב, אַז די כוואַליעס זינגען מיט טרויעריקע מעלאָדיעס דעם פּאָעטס צאַרטע, זוניקע פּאָעמען. דער שיינער דיכטער איז געווען זייער יונג, ווען די ים-געטין האָט אים צוגענומען. ער האָט געהייסן שעלי.

אָבער איצט איז שטיל. שיפלעך, שוואַנען און בלויע פּאַליעס און שיינע נאַכט. יאָ, עס ווערט שוין טונקל. די זון פאַרשווינדט, און די בענק ווערן פול מיט פּאָרלעך זיך האַלזנדיקע, און די ליבע טריאומפירט.

אָבער אַז מען דערציילט פון ווייסע שוואַנען און בלויע פּאַליעס און שיינע פייגל און פּאָרלעך, וועל איך דערציילן פון נאָך אַנדערע מענטשן אויך.

אַ גאַנצן טאָג דרייען זיך אום אין פּאַרק אַרבעטסלאָזע, הונגעריקע אַרבעטער. זיי האָבן אוודאי נישט ווו צו זיין, ווו צו שלאָפן און וואָס צו עסן. די אַרבעטסלאָזע גייען אַרום טרויעריקע, מידע, אין צעריסענע קליידער און מיט אויפגעשטעלטע קעלנער. און זיי האָבן אויך זייער ליב די פייגל און דעם טייך און דעם פּאַרק, נאָר פאַר אַלעם זענען זיי הונגעריק און זיי דאַרפן עסן. אין דער זון וואַרעמען זיי זיך ווי די פייגל. נאָר פאַר די פייגל ברענגט דער שפּאַניער צו עסן גילדערנע קרישקעס, און די פייגל כאַפּן שוואַכע שלאַנגען... פאַר אַנדערע שטאַרקע

מענטשן זענען די אַרבעטסלאָזע — שלאַנגען, װעמען זײ צעבײסן ביסלעכװײז מיט די שנאָבלען...

אַז עס דרײען זיך אַרום אַרבעטסלאָזע, הונגעריקע אַרבעטער, דרײען זיך אַרום זײער פיל פּאָליצײ־לײט און געהײם־אַגענטן. װײל אַזאַ אַרבעטסלאָזער קען אַמאָל זײן אַן אױסלענדער, אָן אַ פּאַס, אָן געלט און זײער שמוציק אָנגעטון — טאָר ער דאָך נישט געניסן די זון אין דעם זומער. אװדאי פרעגט מען די פײגל נישט אױף פּאַספּאָרטן, אָבער די אַרבעטער אַרעסטירט מען פאַר נישט האָבן אַזאַ זאַך. ס׳איז זײער שײן, די נאַטור, נאָר אָן פּאָליצײ־לײט, מײן איך... און טאָמער װיל אַזאַ מין הײמלאָזער נעכטיקן אױף אַ באַנק בײנאַכט, לאָזט מען אים נישט. עס איז נישט שײן...

האָט מען פּאַראַיאָרן געפײערט אַ גרױסן רעגירונגס־יובילײ. דער פּאַרק איז געװאָרן פול מיט בריליאַנטענע אילומינאַציעס. עלעקטרישע פּאָנטאַנען האָבן באַלױכטן דעם צעגלאַנצטן טײך. די פּאַליעס האָבן שעמערירט אין טױזנטער פאַרבן. גרין און רױט זענען געװען די הערשער אין גאָרטן. װי אַן אָרגיע פון פאַרבן האָט עס אױסגעזען. נאַקעטע פרױען פון עלעקטרישע לעמפּלעך קאָמבינירט האָבן גערײצט און ליכטיק געמאַכט מיט זײער שטראַלנדיק לײב. קינדער עלעקטרישע האָבן געשריגן מיט גרינע פלאַמען און די שיפלעך האָבן געלױכטן װי צויבערנדע שװאַנען, אװדאי איז דאָס דאָזיקע פּאַרכישופטע שמאַראַגדענע שפּיל פון ליכט געװען אױסערגעװײנלעך שײן. נאָר איר מוזט װיסן, אַז זײער גאַנץ לעבן זענען די בעטלערס און די אָרעמע װאַגאַבונדן געװוינט געװען צו דער זײער זיסער מעלאַנכאָליע, צו דער טונקלהײט; און דאָ אַזאַ שרעקלעכע, אומגעװײנלעכע ענדערונג. אַלע זענען זײ אַװעק צוריק אין זײערע פאַרשלאָסענע הײלן. װאַגאַבונדן און בעטלער זענען באַהאַלטענע קעניגן פון דער פינסטערניש. אָבער אַזאַ שפע פון שמאַראַגדיקן ליכט! װעמענס אױגן קענען עס פאַרטראָגן?

דערפאַר האָבן זיך די קינדער און דאָס פאָלק געװײלט. די פלעמער זענען געקומען אין די טױזנטער און באַהערשט דעם פאַרק. מיט דער צײט איז אָבער, װי יעדעס ליפּט, אױך די פאַרביקע אילומינאַציע פאַרלאָשן געװאָרן. װידער איז געװען פינסטער, און װידער האָבן זיך שאָטנדיק באַװיגן אין די אַלײען די טרױעריקע, צעבראָכענע געשטאַלטן.

דער האַרבסט איז אױך נישט קײן אָנגענומענע דערשײנונג פאַר

די אָרעמע. איר מוזט דאָך וויסן, אַז די טובערקולאָזע זענען זייער עמפּינדלעך אויף וועטער-ענדערונג. האַרבסט-צייט צעגיסן זיך די רעגנס, ווערט עס טרויעריק אין פּאַרק. מיט גילדערנע בלעטער ווערן פול די אַלייען, נאַקעט, ווי שפּינען, ווערן דיביימער; אין אַזאַ צייט, ווען עס רעגנט נאָר נישט, זיצן נאָך אַלץ, איינגעטוליעטע, די אַלטע לייט און די וואַגאַבונדן אין זייערע שמאַטענע קליידער און טרוימען, טרוימען שוין אָגהויב האַרבסט, וועגן דעם-קומענדיקן פרילינג. גע-ווייגלעך אין פרילינג קומען נייע וואַגאַבונדן, דען איבערן ווינטער שטאַרבן די אַלטע אויס.

איך ווייס נישט פאַרוואָס זיי גייען נישט צוזאַמען, די וואַגאַבונדן. ס'וואָלט דאָך זיי פרייליכער געווען... אָפּגעזונדערטערהייט, ווי פאַר-האַסט איינער פון צווייטן, באַוועגן זיי זיך אין האַרבסט. אין זומער, אונטער דער זון, ווען זיי זיצן צוזאַמען, וואַרפן זיי זיך נאָך ווערטער אָפּגעריסענע. אין האַרבסט ווערט טיפער דער טרויער, גרעסער דער עלנט, און די פאַרצווייפלונג וואַקסט... ווערט מען אומהיימלעכער, מוראדיקער...

זייער טרויעריק איז אין האַרבסט. מען ווערט זייער עלנט. אַן אַלטער מאַן זיצט איינגעטוליעט אויף אַ באַנק, נעבן אַ בוים, און טרוימט און גייט איין מיטן רעגן. אַ פרוי זיצט מיט איר הונט, אַ זייער גרויסן, און ווי אירע האָר רויט; רויט ווי דער האַרבסט, ווי די נאַטור וואָס בלוטיקט... און די רויטע ביימער זעען אויס ווי גוואַלטיק גרויסע, רויטע פעכערס פון ריזן-קעניגינס...

און דער ווינט יאָמערט אין אַזעלכע נעכט, ווי די לאַנג-פאַר-געסענע ריזן-געטער וואָלטן זיצן צווישן די גרויע פעלזן ביים וואַסער און יאָמערן. אַך, ווי זיי יאָמערן דאָס אַזאַ טרויעריקע מאַרטירער מע-לאָדיע. די געטער גייען שטאַרבן. עס איז האַרבסט. דער גרויסער שוידערלעכער האַרבסט איז געקומען פון דעם ווייטן גרויזאַמען צפון צו די קינדער, די אָרעמע און שרעקט און וואַרפט אָן אַן אימה...

גרויסע געטער יאָמערן צווישן די פעלזן, און אַ לבנה אַ רויטע, ווי דער גילדערנער, רויט-געלאָקטער קאָפּ פון דער געקעפּטער קעניגין מאַריאַ-אַנטואַנעט, הענגט צווישן די וואָלקנס.

* * *

אָבער איצט איז נאָך פרילינג. זאָלן זיי זיצן, די אַלטע און ל
קינדער מיט זייערע דינסטמיידלעך און די יונגע, ערשט געוואָרענע מוטערס מיט זייערע ערשטלינג-קינדער, זאָלן זיי זיצן אונטער דער זון און זיך וואַרעמען...

איך זאָג אייך:

— ס'איז זייער שיין די נאַטור, נאָר אָן פּאָליציי-לייט אָן צַרעמקייט, אָן פּעסער, אָן דעם גרויסן, אומענדלעכן מענטשן-עלנט...

אַ קליינע טראַגעדיע

ניו-יאָרק איז גראַנדיעז, וועלכע דעמאָנען האָבן אויפגעטורעמט יענע מעכטיקע וואָלקנקראַצערס, וואָס זענען גרויע מאָנומענטן פון אַן אייזערנער ציוויליזאַציע. ווי ווערם שטייען אונטן אונטער די גראַנ-דיעזיטעטן, די מענטשן אין שמאַטעס און זוכן בייַנאַכט אַ נאַכטלעגער פאַר זייערע לייזיקע קערפערס. טויזנט-שימערנדיקער גלאַנץ און פראַכט.

אָבער דאָס לעבן איז אַנדערש. איך בין אין אַ קליין שטיבעלע. אַן אַלטע פרוי, מיין מוטער, זיצט נעבן מיר. אין דרויסן כלאַיפּעט אַ רעגן אָן אויפהער. איך זיץ אַ טרויעריקער אין מעלאַנכאָליע.

ניין יאָר צייט האָט אַ קליינע, פרומע פרוי געחלומט וועגן איר קינד. דאָס קינד איז אַ סענטימאַלער יונגערמאַן, וואָס איז צוגעוווינט צו פרעמדע מענטשן און צו איינזאַמקייט. איך זיץ אין קליינעם שטיבל. אויף די ווענט הענגען בילדער, וועלכע איך געדענק נאָך פון מיין פּוילישער היים.

דער טאַטע קומט אַריין. אַ ייד מיט אַ פּאַטריאַרכאַלישער באָרד.ביידע זיצן ביים טיש. מען וואַרט, מען וויל פון מיר עפּעס הערן. איך רעד נישט. איך וויל איצט זיין אין דעם לאַנד, ווו כ'בין ניין יאָר געווען. דאָרט האָב איך געקרענקט און זיך געפרייט מיט דער קאַרגער פרייד, ווי אַן אָרעמע פרוי מיט שטיקלעך זייד...

דער רעגן קאַפּעט. מען מאַכט צו דאָס פענסטער. קלאַפּט דער רעגן אין די ווענט. ס'איז שוין האַרבסט. אויך אין ניו-יאָרק איז דאָ אַ האַרבסט, ווען נישט אַזוי גאָלדיק-שיין — אָבער אַ האַרבסט אין די מענטשלעכע הערצער, אין די בוזעמס, וואָס קרענקען אויף שווינדזוכט, אין די קליינע שוואַכע קינדער. און דער האַרבסט איז אין קליינעם צימער, די עלעקטרי ברענט. אָבער איך געדענק דאָס מאָגערע ליכט פון אַ דרייער-לעמפל ערגעץ אין אַ פּוילישער כאַטע. מיר איז שלעכט דאָ. איך האָב געמיינט, איך קום צו די עלטערן אין אַ קליין דערפל...

די מאַמע וואָרט, איך זאָל רעדן עפּעס. מײַן מויל איז צוגעשלאָסן, ווי מיט שלעסער. דער טאַטע לייענט די „פּייפּערס" און לייענט דער מאַמען אַ מעשה וועגן אַ „האָל-דאַפּ". דאַן וויל ער רעדן מיט מיר וועגן פּאָליטיק. ער געדענקט דאָך, ווי איך פלעג אַלס קליין ייִנגל פיל פּאָליטיקירן. איך שווייג, איך האַס די פּאָליטיק. איך קאָן נישט מער נאָכפאָלגן דער פאַלשער דיפּלאָמאַטיע.

נו, בעט די מאַמע איך זאָל טרינקען טיי. גיסט זי אָן אַ גלעזל בלאָנדע טיי, גיסט אַריין טונקל-רויטן ווישניאַק, וואָס זי מאַכט אַליין. זי מישט עס אויס — און איך טרינק. מיר שווייגן... זי קוקט מיר אין מויל. איך אַכט די איידעלע פרוי, אָבער עס איז אַן אַנדערע וועלט. דאַן הויבן זיי ביידע אָן צו רעדן פון אַן אַלטער וועלט. איך הער נעמען פון פּערזאָנען, וואָס ליגן שוין פופציק און זעכציק יאָר אין דר'ערד. איך הער דעם טאַטנס אַלטע אַנעקדאָטן. ווי אַמאָל פאַרלאַנגט ער אויך היינט, איך זאָל שמייכלען נאָך זיינע וויצן. איך שווייג. וועלכער שמידט וואָלט געקענט אויסשמידן אויף מײַן פּנים אַ שמייכל.

איך קוק אויף די אַלטע לייט. די 140 יאָר, 70 און 70, האָבן טיפע קנייטשן אויסגעקלאַפּט אויף זייערע בלעכענע געזיכטער. דין זענען דער מאַמעס פיסלעך, ווי בלומען-שטענגלעך צאַרטע אָדער ווי די דינע פיס פון אַ בלויער כינעזישער פּרינצעסין אויף אַן אַלט טעלערל פון פּאָרצעלאַן. איר פּנים איז קליין, איר פיגור — געהויקערט און נעבעכדיק. אירע אויגן ריִנען אויס מיט טרערן. זי טראָגט ברילן און, ווען זי דערזעט נישט, טוט זי אָן נאָך אַ פּאָר ברילן. איר קלייד איז רויט און מיר דאַכט: זי איז אַ קליינער זון-אונטערגאַנג אויף אַ רויטן זאַמדברעג ביי אַ בלויען ים...

איך רעד נישט צו איר. איך בין אַ פאַרברעכער. זי האָט דאָך מיך אַזוי ליב. זי גיסט אָן אַ גלעזל טיי. זי האָט דאָך געוואַרט אויף מיר פיל יאָרן. איך האָב זיך אין איר פאַנטאַזיע נישט געעלטערט. איך בין ביי איר געבליבן דאָס קליינע ייִנגל מיט די גאָלדענע לאָקן. אָבער איך בין געווען אין דער פרעמד, כ'האָב געוויינט, געליטן, געשיכורט, געשריבן סענטימענטאַלע לידער, געקושט צאַרטע מיידלעך און געטרויִמט נאָך מער צערטלעכע. איך בין היינט קראַנק און מיד ביי 24 יאָר. אַ פאַרברעכער-קינד מיט צאַרטע נייגונגען, מיט זינד אין בוזעם אָנשטאָט לונגען. זיידענע פעדים, וואָס רייסן זיך ביים מינדסטן

שמערץ. און איך וואָלט איצט וועלן זיין אַ פויגל און פליען צוריק צו אַ ליבן מענטשן ערגעץ ווייט, ווייט...

נאָך אַ גלעזל טיי. דער רעגן קאַפּעט, הערט נישט אויף, אין דער טונקלקייט און אין פליסיקייט, דאַכט מיר, צעפליען די וואָלקנ-קראַצערס. איך קוק אַרויס דורכן פענסטערל: אַלע ליכט פאַרלאָשן. איך האָב מורא. די בראָנקס שלאָפט, ניו-יאָרק איז טויט, און די וואָלקנס לויפן איבער ניו-יאָרק, ווי פינסטערע ווייבער אָנגעטון אין שוואַרצע לאַ-כעס. זיי שטרעקן אויס די הענט מיט ערדענע קרוגן און גיסן וואַסער. פינסטער איז. איך כאַפּ צוריק מיין קאָפּ פון פענסטער ווי פון אַ תליה.

— ניין, איך וויל נישט מער קיין טיי. גיי שלאָפן מאַמע, גיי שלאָפן. לייגט איר זיך דען תמיד אַזוי שפּעט?

אירע אויגן, פאַרדאַרטע, קליינע, וויינען דורך די טאָפּלעברילן. דאָס שייטל, ווי דער פאַרוק פון אַ פראַנצויזישן אַריסטאָקראַט, ליגט נאַכלעסיק אויף איר קעפּל. אין קליינע שיכלעך דרעפּטשעט זי אַרום אויף דער פּאָדלאָגע, אַ פאַרכישופטע קעניגין פון אַ כאַטע-שלאָס...

זי רוקט דאָס בעטל איבערן שטיבל. שטעלט עס אויף, לייגט אַרויף צוויי גרויסע קישנס. גיט מיר ווידער אַ טיי. זייער שטאַרק געצוקערט מיט רויטן ווישניאַק. איך קוק אַריין אין טיר און זע משוגענע פיגורן פון פרויען טאַנצן אין פאַרבלוטיקטע קליידער. איך זע דאָרט רויטע אַכרידייען בליען און פאַרוויאַנען, און די זון גייט אונטער פאַרשמירט אין בלוט, ווי אַ פאַיאַציש פּנים, און רויטע קאָלירן שימע-רירן אין מיין רויט-טונקעלן גלעזל טיי...

זי בעט דאָס בעט. שוין יאָרן-לאַנג האָט מען מיר נישט אויפ-געבעט קיין בעט. איך וויל נישט קיין צערטלעכקייטן, איך בין אָפּ-געוווינט פון אמתער פריינטשאַפט. דאָס לעבן אין דער פרעמד איז פרייער, בעסער. אָבער די מענטשן זענען דאָך נישט אַזוי געטריי. דו ווערסט קראַנק, וועט דאָך דאָס געליבטסטע מיידל אַנטלויפן פון דיר, דען יענער איז געזונטער.

פּלוצלינג ווער איך איבעראַשט. אַ זייגער אויף דער מיט וואַנט, מיט אַ חשוב אויסזען, הויבט אָן צו קלינגען אַ הייזעריק-רויִקן, מעלאָ-דישן קלאַנג. מיר דאַכט: דאָס שלאָגט די אַלטע צייט אויס איר טויט-שעה. צוועלף אַ זייגער. איך האָב דעם זייגער נאָך אין דער היים געהערט. אַ טרויעריקער זייגער... ווי שווער, סאַפּנדיק און מעלאַנ-

כאַליש ער קלינגט: האָט ער דען אָטעמע? ליידט ער אויף די לונגען? קלינגען אין אים אויס אַלע זיינע פאַרגאַנגענע יאָרן זייער אומעט?...

איך שרעק זיך פאַרן זייגער. עפּעס אַ מאָדנע געפיל באַהערשט מיך. עס איז נישט שיין, אָבער איך וואָלט אַזוי גערן איצט אַוועק־געלאָפן ערגעץ ווייט, ווייט, צו זיין זייער ווייט פון מיינע גוטע עלטערן. איך האָב פאַר זיי מורא. אמת, איך בין אויך קראַנק. איך וועל אויך באַלד שטאַרבן. אָבער ווי איך ציטער פאַר זיי. וואָס ווילן זיי פון מיר, מיט די צערטלערייען דערשטיקן זיי מיך. זיי טוען מיך אָן אין רויטן זייד — און דער זייד פאַרבלוטיקט מיין קערפּער, טרינקט אויס מיין בלוט, די פעדים רייצן און פייניקן מיך...

אַלע דריי זיצן מיר, ווי צום טויט־פאַרמשפּטע.

איך וויל זיך באַהערשן. עס איז נישט שיין פון מיר, פאַרוואָס נויטיז איך אַזוי אָפן מיינע עלטערן, אַז איך בין אין אַ פרעמדער וועלט צו ישן זיי? פאַרוואָס בין איך נישט דאָס אויסגעטרוימטע קינד זייערס? פאַרוואָס האָב איך מיינע ניין יאָר ליידן און קראַנקהייט נישט איבערגעלאָזט אויפן גרונט פון ים, פאַרנדיק אַהער — און צו זיי געקו־מען אַ יינגל מיט צאַרטע, גאָלדענע לאָקן?...

ניין, איך קען נישט מער מיט זיי רעדן. זיי רעדן תמיד פון פאַרשווונדענע מענטשן, פון שאָטנס. בין איך שיכור פון טיי, צי האָט די מעלאַנכאָליע מיך אַרומגענומען מיט נאַסע, קאַלטע לאַפּעס. עמעצער קריכט מיר אין האַרץ אַריין מיט אַן אייזיקער נאָדל, פאַר־וואָס בין איך נישט פריינטלעך, פאַרוואָס, ווען די מאַמע קושט מיך, פיל איך זיך נישט גוט, און מיר דאַכט, אַז איך בין טויט, אַז איך ליג אין אַ פינסטערן קבר און אַ שטיק ערד איז אויף מיר אַרויפ־געפאַלן און דעקט צו מיינע ביינער...

נישט שיין פון מיר, דערציייל עס נישט, טענענבוים, נישט שיין, איך וועל זיין גוט. איך קוש איר האַנט, די דאַרע און האַלב־קילע האַנט, איך קוש איר געזיכט. איך וויל גוט זיין. זי איז דאָך ווערט מיין דאַנקבאַרקייט. זי בעט דאָס בעט. זי ליבט מיך אַזוי. פאַר איר בין איך די יונגע רויז, וואָס שפּראָצט אויף אין בלאַסע פאַרבן נעבן דעם צאַרטן שטענגל פון דער רייפער אָרכידייע, ווען די זון קושט און האַלזט...

נאַכט. דער רעגן קלאַפּט שטאַרקער אין די שויבן, ווי אַ סקע-לעט וואָלט אויסקלאַפּן אַ בלעכענעם מאַרש מיט ביינערדיקע פינגער. אויך אין מיר רעגנט עס. די מרה־שחורה הילט מיך אַרום אין אַ קאַלטע, פייכטע דערע. איך קוק אויף די בילדער: זיי לויפן אַרויס פאַר מיר, ווי וויזיעס פאַר אַ פאַרגאַנגענער צייט...

צווישן די בילדער הענגען די פּאָרטרעטן פון זיידן און פון דער באָבען. מיר דאַכט זיך: זיי לעבן און קוקן אויף מיר. אויפן זינדיקן אייניקל. אָבער איך שרייב דאָך נאָך אין זייער שפּראַך, די זעלבע אותיות, און איך פיל זיך לייכטער. באַלד טראָגט מיך אַ קאַלטער ווינט צו זייערע גרויע קברים. נאַכט. איך באַריר זייערע מצבות. דער זיידע און די באָבע ליגן אין איין קבר — און איך אַ שיכּורער, אַ צעבראָכענער, אַן איינזאַמער און פינסטערער פאַרברעכער שטעל זיך אַוועק צו-קאָפּנס פון זיי וויינען, און איך בין ערגעץ אין אַ טיפער נאַכט זייערס אַ מצבה.

דער זייגער קלאַפּט. געלע קיכלעך ליגן אויפן טיש. דער מאַמעס געלע הענט האָבן זיי געקנעטן. איך זע דער מאַמעס הענט אין די געלע קיכלעך. איך וויל זיי נישט עסן. איך האָב זיי ליב. וויינטרויבן ליגן אויפן טיש שוין פאַרדאַרט און גערינצלט. דער מאַמעס גרינע, טרויעריקע אויגן.

ענדלעך געזעגנט זיך די מאַמע מיט מיר. זי גלעט מיך, ווי אַ צערטלעך קינד, זי גלעט מיינע האָר, וואָס קריכן שוין אויס, איר האַנט, די שוואַכע האַנט ציטערט זייער, און איך האָב רחמנות אויף איר. ווי גערן וואָלט איך איצט גערעדט מיט איר. פאַרוואָס באַהאַנדל איך זי אַזוי שלעכט. זי איז דאָך ווערט מיין ליבע. איך האָב זי ליב, אָבער איך בין פון אַן אַנדער וועלט.

זיי גייען שלאָפן, די ביידע ערלעכע זקנים. מיט זיי גייט שלאָפן די אַלטע וועלט. די פאַרגאַנגענהייט. דער זיידע און די באַבע זענען אויך זייער שלעפעריק אויף די גילדענע פּאָרטרעטן, זאָלן זיי זיך אָנ-לעגען אָן די הילצערנע, גרויסע רעמען. זאָלן זיי אויך שלאָפן.

איך וועל אַוועק. איך וועל אַוועק. איך האָב זייער ליב די אַלטע מוטער. איך האָב ליב דעם פאָטער, וואָס דערציילט לאַנג-פאַר-גאַנגענע געשיכטן, וואָס איך האָב אַלס קינד געהערט, אָבער היינט בין איך נישט מער דאָס יונגע קינד.

זאָלן זיי זיך דאָ רויִק וווינען, זיי זענען ווערט אַ רויִק, שטיל לעבן. און דו, אַלטער, הייזעריקער זייגער, דערציייל, ווי שפּעט עס איז. קלינג פאַר זיי, אַלטער פריינט. אויך דיך מוז איך אַרומנעמען און האַלזן. בלייב דאָ מיט מיין טאַטן, מיט מיין מאַמען, איר דריי קענט זיך לעבן בשלום.

בלויז איין מענטש

אָפט באַגעגענען מיר אין לעבן ערגעץ ווו אין דער וועלט אַ מאַן; מיר זעען אין אים נישט אויסערגעוויינלעכעס; אַלץ איז דאַכט זיך נאַטירלעך; גאָרנישט ציט נישט די אויפמערקזאַמקייט אויף אים; אָבער ערשט אין יאָרן שפּעטער, ווען איר הערט, אַז דער מאַן איז טויט, דערמאָנט איר זיך עפּעס וועגן אים, איר זאָגט צו זיך אַליין: דער דאָזיקער מאַן איז געווען איבערלעך־שיין, איידל און גוט...

ווייניק גוטע מענטשן לעבן אויף דער ערד; די גוטע שטאַרבן זייער פרי; די גוטע באַהאַלטן זיך אין די ווינקעלעך פון לעבן, ווייזן זיך נישט אַרויס; דעקלאַמירן נישט אין געשפּרעך. ערשט שפּעטער זעט מען, ווען ער איז שוין טויט, אַז אַ גוטער מאַן האָט געלעבט אויף דער ערד...

די דאָזיקע געדאַנקען פאַלן מיר איצט איין, ווען איך זיץ אין קילן אָוונט אויפן גאַניק פון אַ פאַרמער־הויז אין מערב־אַמעריקע; איך לייען אַ בריוו פון אַ פּוילישן חבר מײַנעם, אַ יונגער שרייבער, ער שרייבט מיר וועגן דער לאַגע אין פּוילן, וועגן זײַנע פּריוואַטע אינטערעסן און וועגן ליטעראַטור, פאַרשטייט זיך; צום ענדע פון בריוו ענטפערט מיר מײַן פריינד אויף מײַנס אַ פראַגע אין אַ פרי־ערדיקן בריוו: „אַ, דער היכער זעצער, אים גוט געקענט, ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק געשטאָרבן"...

איבער דעם הימל ציִען בלייערנע וואָלקנס, ציִען שווער און אומעטיק איבער דעם רעמבראַנדטישן הימל, ווי גרויסע זקנים, וואָס טראָגן זייערע קברים אויף די נאַקנס; אומעטיק ציִען זיי, עס ווערט מיר שווער: „יענער, דער און דער — ער איז ערשט געשטאָרבן" — און ווייטער גייען די וואָלקנס צו דער אייביקייט...

וואָסער ראָלע שפּילט איין מענטש, בלויז איין מענטש אין דעם אייביקייט־פּראָצעס — אָדער אַפילו אין דער דינאַמישער באַוועגונג

נישט פון איין יאָרהונדערט, נאָר פון איין יאָר אין אַ גרויסער שטאָט...
דער מאַן האָט „געלעבט, געליטן און געשטאָרבן" — ווי עס ווערט דער-
ציילט אין אַ מעשהלע פון אַ פּראָנצויזישן קלוגן מייסטער...

אָבער צופעליק האָב איך דעם מאַן געקענט, נישט זייער גוט,
און איבער דער לאַנגער צייט, בערך 10 יאָר, איז מיר זיין געשטאַלט
אָפּגעבלאַקעוועט געוואָרן; איך זע נאָר דאָס רונדע פּנים אויפן גע-
זונטן האַלז, וואָס שטעקט ווי אַ קלאָץ אין מעכטיקן נאַקן; ער איז
געווען הויך און פעסט געבויט, אָבער נישט אַזוי שטאַרק געזונט, זיין
קערפּער איז געווען גרויס, און די זעצערס, מיט וועמען ער פלעגט
אַרבעטן אין אַ קליין שטעטל פון פוילן, פלעגן זיך וויצלען און זאָגן:
„ל. גייט אַהיים צו מיטאָג אין זיין שטעטל ק-וו און קומט באַלד
צוריק". דאָס איז געווען אַן אָנצוהערעניש אויף זיינע לאַנגע פיס,
וואָס פלעגן מאַרשירן דורך ווייטע שטרעקעס. ווען איך האָב קליינערהייט
געשריבן לידער, האָט ער זיי געלייענט, מיר געוויזן די פעלערן,
וואָס ער האָט געזען און נאָך פיל פעלערן פאַרזען; ער איז געווען
גוט, נישט גאַנץ פריילעך, האָט געהאַט פשוטע, גוטע, האַלב-קעלבערנע
אויגן און איז געווען ווי אַלע מענטשן פון עטוואָס אָדער פיל גייסט—
אומגעלומפּערט, גרויס, אומבאַהאָלפן און גוט, אומענדלעך גוט צו
יעדן איינעם...

ווען איך פלעג שטיין אויף דער גאַס פון שטעטל, פלעגט ער
דיך פאַרבייטראָגן ווי אַ וויכער און ציען מיט הכנעה דעם הוט; איך
האָב געהאַט אַ יאָר פערצן, ער — אוודאי שוין אַ יאָר 26; דאָס האָט
מיך געקרענקט, יעדעס מאָל פלעג איך אים אָפּשטעלן און איבערבעטן,
פאַרוואָס איך גריס זיך נישט דער ערשטער, און ער פלעגט זיך אַזוי
גוטמוטיק צעשמייכלען...

איינמאָל האָב איך צו אים געבּרענגט אַ פּאָעמע וועגן ליבע;
ווי אַלע יונגע אָנפאַנגער, איז זי געווען נאַיוו, אומגעלומפּערט, טעכניש
אומבאַהאָלפן און קינדעריש; האָבנדיק געלייענט טאַגאָרען, האָב איך
נאָכגעמאַכט זיין רויִקן סטיל, די עקזאָטישע פאַרגלייכונגען, די פשטות
און נאַטור-שילדערונג; ל. איז געווען קראַנק, פאַרקילט; איך באַווונ-
דער ערשט היינט זיין געדולד דורכצולעזן דעם גאַנצן העפט. און
צוקומענדיק צו דער שטעלע ווו איך זאָג: „איך לייב שמעקט" —
האָט ער עס געפונען נישט פאַר פּאַסיק און „וויסנשאַפטלעך", מיר

„באַגרינדעט”, אַז פרויען־לייב איז גלייך צו מענער־לייב, און ביידע שמעקן נישט, אויסער ווען זיי זענען מיט פּאַרפום באַשמירט...

דאַן האָט מיך אַ צווייטער שרייבער ש. ש—ג געפירט אין אַ פּאַרנאַכט צום וואַלד צו; מיר זענען געקומען אויף אַן אומענדלעך־שיינער לאַנדשאַפט; די נאַכט איז צוגעפאַלן, דער נעפל האָט בלוי געמאַכט דעם טרויער, וואָס איז געהאָנגען ווי פליושענע פאַרהאַנגען איבערן האָריזאָנט; פון וואַלד האָט געלויכטן אַן אומעטיק פייערל; מיר זענען צוגעגאַנגען צו אַן איינזאַמער כאַטע, געעפנט אין דער טונקלהייט אַ טירל; אָבער מיין פריינט איז צוריק אָפּגעטרעטן — און מיר זענען צו צום פענסטער...

דורכן פענסטער האָבן מיר געזען ליגן אויפן בעט אַ שיינע פרוי, פון אַ יאָר פינפאונדרייסיק, די האָר צעפלאָשעט און די אויגן גע־שלאָסן אין שלאָף; נעבן איר, אין מאַנטל, איז געלעגן דער אָרעמער, הויכער ל. מיטן היטל אויף די קוטשמעס האָר, זיין האַנט איז געלעגן אויף איר האַנט, לייכט זי באַרירנדיק; צווישן זיי, ביי זייערע פוס, איז אַ קינד מיט אַן אָפן מויל געלעגן, געזויגן אין דער לופט מיט די רויטע ליפעלעך און געשמייכלט אין גילדערנעם חלום...

אַרום דעם הייזל האָבן ווי איצט, די זעלבע גרויע, אומעטיקע וואָלקנס געצויגן, געצויגן כמאַרעסווייז, מחנותווייז, ווי געפאַנגענע אַרמייען דורך די שניי־פעלדער, ווי האַלב־טויטע העלדן צו די תליות; אַ קליין לעמפל האָט אויף דער קאַפּע פון קליינעם צימערל באַלויכטן זייערע פנימער. אויפן אויוון האָט דער טשייניק געזונגען אַן אומעטיקע מעלאָדיע, און די פּאַרע האָט באַוועגט דאָס בלויע שטערצל; זיי זענען אַלע דריי געשלאָפן מיט אַ זיסן שלאָף...

דאַן זענען מיר אַוועקגעגאַנגען, נישט געוואָלט זיי איבערוועקן; ש. האָט צו מיר גערעדט וועגן ליבע, וועגן דעם, אַז דער דאָזיקער ל. האָט זי אַמאָל געליבט אין קליינעם שטעטל, האָט זי חתונה גע־האָט מיט אַן אַנדערן; איצט — זיך געגט; זי איז אַלט און קראַנק; ער איז יינגער און קראַנקער; די ליבע האָט אויפגעלעבט, ער ליבט אַפילו איר קינד, וואָס איז דעם מאַנס; און ש. האָט צו מיר געזאָגט: „שרייבט אַן אַ פּאָעמע דעריבער”...

אין זעלבן אָוונט האָב איך געשריבן אַ שלעכטע פּאָעמע; דער געדאַנק איז געווען שיין; די פאָרם — אומבאַהאָלפן, ווי ביי אָנפאַנגער; יאָרן זענען אַדורך, איך האָב מער נישט געזען דעם ליבן מאַן...

איינמאָל, נאָך פּאַרדעס, האָט ער מיר אין אַ זוניקן פרימאָרגן דערציילט, אַז ער שרייבט אַ ראָמאַן; די זון האָט גלאַנצנדיק געמאַכט דעם טוי אויף די גראָזן; צווישן די אַלייען-ביימער זענען מיר געזעסן, איך בין געווען קליין, קינדיש, נאַיִוו און פאַרבענקט...

די וועלט האָט זיך מיר אויסגעוויזן פּונקט אַזוי קליין ווי איך בין; ליידן האָב איך געקענט פון ביכער, פונם לעבן פון גרויסע מענטשן, וואָס איך האָב גערן געלעזן; מיט האַלב-פאַרטרערטע אויגן, פון דער זון פייכט-געמאַכטע, בין איך געזעסן נעבן בוים, אויף דער קליינער באַנק, און מיינע האָר זענען געווען פּאָעטיש-געקרויזט, דער ווינט האָט זיי געקעמט מיט אַ גרויען קאַם, און מיין קליין האַרץ האָט געקלאַפּט און געקלונגען אין מיר מיט ליבע און בענקשאַפט... אומעטיק האָט ל. געלייענט זיינע ערשטע ראָמאַן-קאַפּיטלעך; איך האָב גאָר-נישט געהערט, בלויז ערטערווייז האָב איך אויפגעכאַפּט, אַז ער רעדט עפּעס וועגן אַ בלאָנד מיידל; איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער ליבט זי, אַז דאָס איז נישט קיין ליטעראַטור — נאָר סוביעקטיווע קרעכצעריי, פיילייכט גראַפאָמאַניע, ליריק...

גראַפאָמאַנען ווערן געהאַסט; אָבער גראַפאָמאַנען זענען אָפט-מאָל טראַגישע מענטשן, מענטשן, וואָס האָבן פיל צו זאָגן; האָבן נישט די פאָרם, די טעכניק; זיי שטאַמלען; אין זיי איז פּאַקטיש דאָ שיי-נעס... אויסערדעם ליבן זיי אַלע די גרויסע דיכטער; זיי לעזן פיל; ווי די לבנה, וואָס ווערט באַלויכטן פון אַ געוואַלטיקער זון—אַזוי לייכטן זיי מיט אַ שיין ליכט, נישט מיט קיין אייגן ליכט, אָבער דאָך מיט פלאַמען פונם גרויסן מאַן, וועלכן זיי שפּיגלען צוריק אָפּ אין שלעכטע, אומגעלונגענע פערזן...

מער האָב איך אים נישט געזען; איצט זיץ איך אונטערן גרויסן הימל ווי אין אַן אומגעהייערער קירכע; אַ נאַטור-כאָר פון ווינטן און וואָלקנס זינגט און רוישט; מיר איז אומעטיק... „ער איז פאַר עטלעכע חדשים צוריק געשטאָרבן״... מער נישט! פאַרוואָס איז ער געשטאָרבן(?)... ער האָט דאָך געקענט לעבן נאָך אַ פּאָר יאָר(?)... ער האָט דאָך אַזוי פיל געליבט(?)... ניין, ס'איז נישט ריכטיק; ער האָט נאָך געקענט לעבן; ער האָט דאָך ליב געהאַט דאָס פרעמדע קינד פון זיין געליבטער פרוי... פאַרוואָס... פאַרוואָס...

די וואָלקנס ציען נידעריקער, נידעריקער; דאָס קליינע קעצל גלעט זיך נעבן מיינע פיס, גייט אַהין און צוריק און צערטלט זיך

אַליין, אומעטיק איז אויפן רעמבראַנדטישן הימל; איך רו אַ קליינע ווײַלע, באַלד וועל איך נעמען דאָס געלע זעקל און ציען, ציען ווײַטער און אומעטיקער איבער די שטעט, אַהין, אַהין, קיין מעקסיקע אפשר, ווו מיידלעך טונקל-הויטיקע זינגען שפּאַנישע לידער אין די פרייליכע קאַבאַרעטן... קיין מעקסיקע, קיין מעקסיקע; און די וואָלקנס ציען אומעטיק, און די ביימער וויגן די מידע צווייגן...

אין יענער איינזאַמער מענטש איז טויט און קיינמאָל מער וועט ער נישט שטאַרבן, קיינמאָל מער... דאָס איז אויך טרויעריק... דאָס לעבן איז דאָך נאָך שיין... זינגט דען נישט דער קראַנקער פויגל ערגעץ-ווו איצט אויף אַ בוים וועגן לעבן, וועגן דעם אומעטיקן לעבן...

פאַרוואָס איז ער געשטאָרבן... ער האָט דאָך נאָך געקענט לעבן... איך וועל פרעגן מיין פריינט אין אַ בריוו, וועט ער מיר דערציילן, פאַרוואָס ער איז געשטאָרבן. דאַן וועל איך מער נישט פרעגן... איך וועל נעמען דאָס געלע זעקל מיט רויטן ברויט, דאָס קליינע בילדל פון מיין געליבטער מיט די גוטע אויגן, וואָס איז אַ דיכטערין פון קינדער-לידער, און איך וועל זיך נעמען דאָרטן דעם לאַנגן, דעם רויטן וועג, וואָס ציט זיך ווייט, ווייט קיין מעקסיקע, צו די אונקאַ-שלעסער פון רויטן שטיין... צו די אונקאַ-שלעסער פון רויטן אומעט...

אין מערב־אַמעריקע

אַלטלעכע קילאָמעטער פון נאָרמאַן, ווו איך וווין, ליגט דאָס קליינע שטעטעלע „נאָבל״ מיט 400 איינוווינער. מיין פריינט, דער פּראָפעסאָר באַטקין, פירט מיך אין זיין אויטאָ צום דאָזיקן וווּנדערלעכן אָרט. אינם נאָמען־וואָרט „נאָבל״ ליגט דער גאַנצער זין פון דאָזיקן צויבערלאַנד, אין וועלכן כ׳האָב פילייכט צום ערשטן מאָל עמפונדן די אוניווערסאַלע נאַטור.

איך קען זייער גוט די שפּאַציר־פּלעצער פון די אייראָפּעיִשע הויפּט־שטעט. אין דער שווייץ האָב איך געטרונקען וואַסער פון די זילבערנע קאַסקאַדן און אין דרום־פראַנקרייך האָב איך צום ערשטן מאָל זיך געבראָטן אונטער דער הייסער דרום־זון, עמפּפינדנדיק די אייביקייט אין יעדן שטראַל. אָבער קיין פאַרגלייך איז עס נישט צו „נאָבל״, ווו די נאַטור איז טויזנפאַרמיק און ווו מען קען דערקענען די גראַנדיעזע שאַפונג אין איר עמבריאָן־צושטאַנד און אין צושטאַנד פון טויט אָדער אין איר איבערגיסן זיך אין אַן אַנדער פאָרם.

דאָס קליינע שטעטעלע באַשטייט פון בלויז פאַרמערס. עס איז דאָ אַ ווייסע קירכע, מיט קאַלך געקאַלכט, אַן איינשטאָקיקע געביידע, אַן אַרכיטעקטור, געבויט אין סטיל פון די ערשטע אַמעריקאַנער הייזער, ווען די קאָלאָניסטן האָבן פון ברעטער ספּאָנטאַן געבילדעט זייערע היימען.

עס איז דאָ אַן אַפּטייק, אַ רויט־געמויערטע הויז־שול, אַ באַנק מיט אַ גילדערנעם שילד און עטלעכע סטאָרס. די איינוווינער זיצן אויף דער ערד פאַר די הייזער, פּיפּקען רויט־הילצערנע פּייקעס, ווי די פישער פון האָלאַנד, און די קליינע מיידלעך מיט די רויט־געלאָקטע קעפּלעך קוקן אונדז פאַרוווּנדערט אָן, ווי מיר וואָלטן געווען הירשן.

ווי אָרעם זענען די מענטשן אַנטקעגן דער רייכער נאַטור. מען דאַרף קומען פון ערגעץ ווייט אום צו זען די נאַטור־שיינקייטן פון

אַמעריקע. שײנקײט פֿאָדערט צו זײן אויסער איר, און זי צו באַטראַכטן אויף אַ דיסטאַנץ. דאָס שטעטל נאָבל, די רויִקע אײנוואוינער מיט די קלײנע מײדלעך זענען אַלײן אַ שטיק נאַטור. ווי קענען זײ באַוווּנדערן זיך. נישט אַלע געראָטן אינם גריכישן ייִנגל נאַרציז, וואָס האָט אין שפּיגל פֿון טײַך דערזען זײַן שײנקײט און זיך ליב באַקומען. נאָבל מיט אירע אָרעמע הײַזלעך איז אַ קלײנער דעטײל אין דער פּרעכטיקער לאַנדשאַפֿט-דעקאָראַציע פֿון דער וויסטעניש.

אַביסל ווײַטער פֿון נאָבל ליגט אַ מין סאַהאַראַ. עס איז אַ געלער טישטוך, אויסגעשפּרײט ווײַט, ווײַט איבער די אומענדלעכע שטרעקעס. איבער דעם דאָזיקן געלן טישטוך פֿליסן וואַסער-ריטשקעלעך. דער טײַך דאָ קומט פֿון נײַ-מעקסיקע. זײַנע אומצײליקע שטראָמען פֿרעסן אויס ראָווין אין דעם געלן זאַמד, ער אַנערקענט נישט קײן באַשטימטע ריכטונג. ברײט צעגיסט ער זיך אין פֿרילינג און אין האַרבסט פֿאַרבלײַבן אין אים זילבערנע טײלן אין אַלע זײַטן, ערגעץ-ווו קומען זיך צוזאַמען די קלײנע טײַכן און פֿאַרײניקן זיך מיטן גרויסן ים.

גײענדיק איבערן געלן זאַמד, עמפּפֿינד איך עפּעס אַ מין געפֿיל, ווי איך וואָלט זײַן אינםווירקלעכן סאַהאַראַ, ווי אונטער דעם אויסערלעך-רויִקן זאַמד ליגן באַגראָבן אָריענטאַלישע שטעט און שלעסער פֿון רויטע און גרינע קאָלירן. אויבערפֿלעכלעך איז דאָס געלע זאַמד טרוקן, פֿאַרברענט פֿון דער זון, אָבער ווי נאָר מען שטעקט אַרײַן אַ שטעקן, זאַמלט זיך וואַסער און שפּראָצט אַרויס, ווי געל גאָלד פֿון ערד. מיטן פֿוס דערפֿילט מען, ווי דאָס גאַנצע פֿאַרהאַרטעוועטע זאַמד הײבט אָן צו ציטערן און מיר דאַכט, אַז איך גײ אויף אַן אומגעהײַערן ווײַכן קערפּער פֿון אַ באַשעפֿעניש, וואָס אַ גאָט האָט אין דער נאַכט אַראָפּגעוואָרפֿן אויפֿן אָקעאַן.

אינם זאַמד דערקענט מען די טריט פֿונם ווינט, אין כוואַליעאַרטיקע פֿאָרמען, ווי ער וואָלט שנעל דורכגעגאַנגען דעם מדבר און זיך געאײַלט; איך טרעט, ווי אויף רויטע טעפּיכער אין שטילע מאָשעען פֿון אַראַבעסקן. דער ווינט מאַכט רײן דאָס זאַמד און גלעט עס מיט זײַן לײַכטער צונג און פֿאַרוואַנדלט עס אין אַ מין ווײכן, וואַרעמען פּליוש. איך געפֿין אינם געלן זאַמד פֿלאַנצן. ווי מאָדנע שלאַנגען, אײַנגעגראָבן אין זיך און פֿאַרטרוקנט פֿון דער זון און פֿון ווינט. איך פֿרײ זיך מיט יעדער פֿלאַנץ און וואָרצל און איך דערקען אינם

אָפּענעם ווערקשטאַט פון דער נאַטור די דירעקטע אַרבעט פון יענעם אומשטערבלעכן מייסטער, וואָס שאַפט און פאַרניכטעט.

איבער דער פלאַך פונם זאַמד ליגן אויסגעצויגן ביימער־שטאַמען, נאַקעקעטערהייט, דען די צייט, דער ווינט, און דאָס וואַסער, האָבן ווי אַ מחנה היענעס אָפּגעגעסן די הויט פון זייערע קערפּערס און ווי נאַקעטע, ווייסע מענטשן ליגן זיי און פוילן און טרוימען דעם טרוים פון זייער אומענדלעכן טויט. אין דער נאַטור פאַרגעסט מען פון גרעניעצן, קלאַסיפיקאַציעס און אַרטן. איך עמפינד דאָס גאַנצע, גרויסע און גראַנדיעזע, ווי איין אומענדלעכע פאָעמע פון אַן אומגעהייערן מייסטער. איך באַפריי מיך פון אַלע מענטשלעכע אימאַגינאַציעס, כדי אויפצונעמען אין זיך דאָס אמתע, דאָס נאַטירלעכע — און נישט דאָס מענטשלעכע. איך לייקן סענעקאַס וואָרט, אַז מען נעמט אומעטום מיט זיך אַליין. מען דאַרף זיך איבערלאָזן אין דער היים צוזאַמען מיטן מאַנטל און גיין צו דער נאַטור, ווי אירס אַ קינד. דער מענטש ווערט קליין אינם גרויסן, אוניווערסאַלן זיין פון אַזאַ נאַטור־וועזן, אין וועלכן איך אַנערקען נישט און איך געפין נישט קיין שום סימן פון לעבן און טויט — נאָר פון אַ מין גלייכגילטיק זיין. פון אַ בלויז איבערגיין פון איין פאָרם אין אַן אַנדערער, אָן אינהאַלט איבערהויפּט. דערפאַר פאַרשטיי איך איצט דעם דראַנג פון דער קונסט פאַר דער פאָרם. די פאָרם אין דער קונסט איז די טיפסטע דערנענטערונג צו דער נאַטור, אָבער ווי אָרעם איז די קונסט איבערהויפּט קעגן דער נאַטור...

איך קריג ליב די גאַנצע וועלט. מיין פריינט איז אַנטציקט, ווי איך, פון דעם געוואַלטיקן. ווידער קומט צוריק די רויִקייט אין מיין נשמה. אין טויזנטער וואָלקן־טעפּיכער וויקל איך מיין האַרץ און איך שיק עס אין אוניווערס, רוסאָ, שפּינאָזאַ, קאַנט, ניטשע און געטע פאַרשטיי איך נאָר אין דער נאַטור. עס זענען דאָ ביי בעטהאָווענען און ביי געטען יענע קינסטלערישע שאַפונגען, וואָס אָטעמען מיט אַ מין עלעמענטאַרער נאַטור־סטיכיע. און וואַגנערס מוזיקאַלישע שאַפונגען כוואַליעט און זינגט דער ריין. די נאַטור העלפט אונז זיך אַנטפּערזענלעכן און ווערן אַ טייל פון איר, פונם גאַנצן גרויסן, אומענדלעכן קאָסמאָס. אין בייראָנס „טשיילד האַראָלד" ווערט פאַרקערפּערט יענער געוואַלטיקער דראַנג צו דער נאַטור, דאָס זיך צוזאַמענגיסן מיט איר און ווערן אַ טייל פונם אַלגעמיינעם. שעלי בעט דעם מערב־ווינט,

ער זאָל אים אויפנעמען אַלס זיין פּלייט, וואָס זינגט וועגן פרייהייט איבער דעם אוניווערס. יעדע גרויסע קונסט טראָגט דעם אָטעם נישט פון דער צייט, אין וועלכער זי איז געשאַפן געוואָרן — נאָר פון דער גאַנצער אייביקייט.

איך זע מאָדנע בוים-וואָרצלען, ווי אומגעהויערע שפּינען און ים-מאָנסטערס, וואָס וועלן באַלד אָנהויבן רירן מיט די לאַנגע פיס און הענט. איך זע פּאָעמען אין היעראָגליפישער שריפט אויף דעם גרונט פון די טייכן, וואָס די שטערן שרייבן אין די נעכט מיט דער טינט פון לבנה-שטראַלן. איך זע אומענדלעכע פּלאַנצן מיט אַזאַ שטאַרקן רויט-קאָליר, אַז מיר דאַכט: איך צינד זיך אַליין אָן און איך ווער אַ גילדערנער פליגל פאַר זייערע נשמה-ווזנס. פּלאַנצן, וואָס וועלן באַלד זיך פאַרוואַנדלען אין טויזנט מעטאַמאָרפאָזן און איבערשטייגן אין דער רעאַליטעט די פאַנטאַזיעס פון די משונהדיקסטע פּאָעטן. פּלאַנצן, וואָס פאַרקערפּערן אין זיך גאַנצע אוניווערסן. און איך וווּנדער זיך אַליין, ווי אַזוי אינם גלאַנץ פון די רויטע וואַסערן, וואָס שפּיגלען אָפּ די ציגלאַרטיקע רויטקייט פון די אויפגעפּרעסענע ווענט-זאַמד-בענק, וואַשן רויטע דעמאָנען מיט בריליאַנטענע הענט מיין האַרץ, און די ליבע און ליידן און טויט, וואַשן זיי אַראָפּ, ווי שמוציקן שטויב, און איך בין פריי פון אַלע מענטשלעכע באַגריפן און ליידן.

כ'זע טויטע שלאַנגען מיט הויטן פוןביימערישער קאָר־ע, וואָס שלאָפן זייער טויזנט-יאָריקן שלאָף, און איך טרעט מיט מיינע פיס אין די שטעגן, וואָס כוואַליעס האָבן אויסגעפּרעסן מיט זייערע גריזשנדיקע מיילער, און מיר דאַכט, אַז איך בין אַ רויטער אינדיאַנער און מיין פריינט, דער פּראָפעסאָר באַטקין, איז מיין אינדיאַנער-הויפּטמאַן מיט אויגן פון אַן אָדלער און וואָס טראָגט זיינע אַרץ, ווי אַ פלאַמענדיקן פאַקל, כדי אונטערצוצינדן דעם ראַנד פונם הימל מיט זיינע רויטע קאָלירן. אַזוי פלעגן אַמאָל די אינדיאַנער גיין דורך די גאָלדענע וויסטענישן, זיך צוהערן מיט די האָזיקע אויערן צום פלאַך פון דער ערד, כדי צו הערן דעם שונא און טראָגן פייער צו די ווייסע דערפלעך-קאָלאָניעס.

סינדער פֿון מאַנסאַרדעס

איך וועל דערציילן וועגן יענע צערטלעכע מענטשן, וואָס לויפֿן אום איבער די אייראָפּעיִשע שטעט אין קליינע גרופּן, טראָגן מיט מיט זיך פֿאַרשידנאַרטיקע מוזיק-אינסטרומענטן און לעבן פֿון דעם, וואָס אַליין אומגליקלעכע, דאַרע און נערוועזע, ווילן זיי דעם עולם פֿון די גרויסע שטעט; שפּילן אויף רוישיקע בולוואַרן, אויף גרויסע הייף און שטאַרבן ערגעץ ווו אין מאַנסאַרדעס פֿון מאַלער-וואַגאַבונדן.

אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע ווערט דערציילט וועגן דעם ייִנגל אַמפֿיאַן, וואָס האָט אַזוי שיין געזונגען, אַז ער פֿלעגט באַוועגן שטיינער פֿון די בערג, און מיט דער קראַפֿט פֿון זיין שטימע האָט מען אויפֿגעבויט די אַלטע מאַיעסטעטישע שטאָט טעבען, באַוועגנדיק די מאַרמאָרנע בלאָקן און שטיינער צום ריטם פֿון זיין כּשופֿדיקן געזאַנג...

דאָס וווּנדערבאַרסטע בילד געדענק איך אין „לילא ווענעדא“, דאָס שיינע ראָמאַנטישע ווערק פֿונם צאַרטן פּוילישן דיכטער סלאָוואַצקי. דאָרט איז פֿאַראַן אַ סצענע, ווו לילא ווענעדא, אַ יונגע פּרינצעסין, זיצט געפֿאַנגען און שפּילט אויף דער האַרפֿע. עס איז נאַכט, זי שפּילט און ציט אויס פֿון די ציטערנדיקע סטרונעס די צויבערנדיקסטע לידער, און פֿלוצלינג שטייגט אויף אַ מחנה שלאַנגען, וועלנדיק בייסן די פּרינצעסין. פֿלוצלינג בלייבן זיי שטיין אין דער הויך, ווי אַ פֿאַרגליווערטע כוואַליע, דען דאָס ליד פֿון דער שפּילערין האָט ווי מיט שטריק זיי געבונדן און באַגייסטערט. דאָך שפּילט זי ווייטער און צוזאַמען מיטן ליד, וואָס עס שפּילן אויס אויף די האַרפֿישע סטרונעס די ציטערדיקע פֿינגער פֿון דער פּרינצעסין און וואָס גייט אויס און ווערט אַלץ שטילער — גייט אויך אויס איר לעבן, לאַנגזאַם באַהערשט און פֿאַרפֿייניקט פֿון די מוזיקאַליש-דעמאָנישע שלאַנגען...

דער גרויסער דייטשער דיכטער, היינע, האָט פיל מאָל געהערט דעם געטלעכן וויאָליניסט פּאַגאַניני שפּילן אין פּאַריז. היינע האָט געשריבן וועגן אים רעצענזיעס און, בשעת ער האָט געהערט פּאַגאַנינין שפּילן, האָט ער געזען וווּנדערלעכע וויזיעס פון געוואַלטיקער קראַפט... לויט די טענער פון דער צאַרטער מוזיק פונם שפּילער, האָט ער געזען וווּנדערלעכע סצענעס און געהערט רוישן, שטורמען און בריזן מעכטיקע ים-כוואַליעס, וואָס הויבן זיך אין דער לופטן, ווי וווּנדערלעכע פּאַלאַצן... פּאַגאַניני אַליין האָט אָפט געענדערט זיין געשטאַלט: אָט איז ער געווען אַ צויבערער מיט שוואַרצע, שוידערלעך-ווילדע פּאַרוואַקסענע הענט, וואָס ציען אַרויס פון די געהיימע צעלן פון די סטרונעס שוידערלעכע קלאַנגען פון טרויער, מעלאַנכאָליע, היסטעריע און מאָרד — און אָט איז ער פּלוצלינג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יונגן קאַוואַליר, וואָס פלירטעוועט, מאַכט קאָמפּלימענטן און איז העכסט עלעגאַנט. אָט איז ער געווען אַ שקלאַף, אַ קעניג, אַ הענקער — און אָט אַ פּרינץ, אַ מאַטראָז אויפן ים, אַ קינד און אַ טרוימער. היינע האָט אים גערופן די גרויסע, ריזיקע נאַכטיגאַל. און מען דערציילט, אַז יעדע נאַכט גייט פּאַגאַניני אַרויס פון זיין קבר און שפּילט אין וואַלד פאַר די פייגל און רופט צונויפן אַלע טויטע און פאַרשיכּורט די נאַטור...

אָט בין איך אַלס קליין יינגל אין פּאַריז. איך זע אַ טרופּע אויפן בולוואַר שפּילן. איינער שפּילט פידל, דער צווייטער פּלייט, דער דריטער באַס, דער פערטער קלאַפּט אויפן טאַץ און דער פינפטער פּויקט... די זעקסטע טראָגט אַרום פּראָגראַמען, טאַנצט און זינגט...

— הער נאָר, אַלטער פּויקער, נעם מיך צו אין דיין טרופּע, איך שפּיל גוט גיטאַרע — האָב איך זיך געווענדעט צום הויפּט פון דער טרופּע.

— נו שפּיל, — איז געווען זיין באַס-גראָבער ענטפער.

און איך האָב געשפּילט אויף גיטאַרע פאַר די, וואָס זענען געשטאַנען אַרום. איך בין געווען הונגעריק, ס'איז מיר געווען קאַלט, און דער שלאָף האָט מיך געטריבן צו אַן אָפּרו-אָרט...

איך שפּיל גיטאַרע. די מעגטשן אַרום בייטן זיך, עס קומען צו פאַרשידענע טיפּן, פעטע ווייבער פאַרגיסן טרערן און קליינע מיידלעך ווערן סענטימענטאַל, ווישן מיט די טיכלעך די אויגן, עלטערע אַרבעטער הערן צו און שאָקלען צו מיט די קעפּ, ווי הערנדיק אַ

רעדנפר. קינדער לויפן אום און קוקן אריין נייגעריקע אין די פראָגראַמען. צוויי איטאַליענער שטייען אויף, זינגען דעם האַרצרייסנדיקן ראָמאַנס, וואָס איך האָב ווען געהערט, די קליינע סולעימא זינגט מיט אַ דין־צערטלעכער שטימע, לאַכט־צו, שמייכלט, טאַנצט, פאַרקויפט פּראָגראַמען...

אַזוי ציען זיך די טעג. פון טובערקולאָז איז איין איטאַליענער, אַ גוטער יונג, אַ שיינער, הויכער מאַן, געשטאָרבן, פון טובערקולאָז איז אַ צווייטער, אַ דריטער איטאַליענער געשטאָרבן, פון נויט זענען צוגעקומען צו דער טרופע דריי איטאַליענער—און די טרופע איז ווידער געווען פול און גוט... די צייטן זענען געגאַנגען. איך וואָלט לאַנג נישט געווען ביי דער טרופע, ווען נישט אַ צופאַל, וואָס האָט געהאַט אַ טיפן איינדרוק אויף מיר.

צווישן די דריי איטאַליענער איז איינער געווען דער געליבטער פון דער יונגער איטאַליענערין מיטן אַראַבישן נאָמען סולעימא. זי איז געווען רייצנד, איינע פון יענע העלדינס, וואָס מען באַגעגנט אויף בילדער ביי באָטשיטעלי אָדער ראַפאַעל. האָט זי געטאַנצט אויף די פּאַריזשער גאַסן אָדער אין די געסלעך פון די פּראַנצויזישע פּראָווינץ־שטעט, איז מען זיך צוזאַמענגעקומען זי זען פון די הויפן. זי איז געווען נערוועז און אומבאַרעכנט. אַן אַוואַנטוריסטקע און מענלעכע נאַטור. איר רייץ איז געווען אין איר יינגלערישן קערפּער און פאַרשווירענע האָר „אַלאַ גאַרסאָן"; זי האָט די גאַנצע טרופע באַאיינפלוסט, און ס'איז שווער געווען זיך פון איר אָוועקצודרייען. זי איז געווען אַ דעמאָנישע נאַטור, וואָס וואַרפט זיך מיט מענער און בינדט זיי צו צו זיך, די דריי איטאַליענער זענען קראַנק געוואָרן דורך עלנט און נויט. זיי האָבן אָבער געהאַט אַנדערע מעגלעכקייטן דורכצולעבן. עס איז שווער געווען פון איר אָוועק, און ווען איר הויפּט־ליבהאָבער איז געשטאָרבן, איינמאָל אינמיטן שפּילן, פון אַ האַרץ־אַטאַק — איז פרייער געוואָרן איר דעמאָנישע פּערזאָן.

איך בין שטאַרק פאַרליבט געווען אין איר: וואָלט זי מיך מיט אַ קינדזשאַל דערשטאָכן — וואָלט מיך נישט געאַרט. אין די שנייען פון אַ שווערן ווינטער האָבן מיר געשפּילט. זייענדיק געצייצט דורך איר פּערזאָן, האָב איך כמעט שטענדיק געשפּילט מיט באַגייסטערונג, און דער עולם איז געווען צופרידן. אין דער גאַס האָט מען גאָרנישט באַמערקט אונזערע טראַגעדיעס. ווי נאָר מען איז אַהיגגעקו־

מען אין דער גרויסער מאַנסאַרד, ווו ס׳האָט אַריינגערעגנט, האָבן זיך אָנגעהויבן די קליינלעכע חלוקי-דעות, די הויפּט-העלדין פון די דאָזיקע אַלע רייסערייען איז געווען סולפּימאַ. זי פלעגט אָנצינדן דאָס פייער פון קריג — און האָט געהאַט די מאַכט און די קראַפט עס צו פאַרלעשן. ביז אין דער שפּעטער נאַכט האָט מען גערעדט און זיך געקריגט. מען האָט כסדר געהוסט. די מענטשן זענען געווען פאַרשידענע, פון פאַרשידענע שטעט — האָט מען נישט געקאָנט דורכקומען צווישן זיך. אָט איז אַ יונגער יונג פון ביינצן יאָר. ער קומט פון נעאַפּאָל און איז פאַרטרוימט. ער איז שיין און איידל, רעדט קיינמאָל נישט. אין דער דאָזיקער גרופּע איז ער דער איינציקער, וואָס איז איידל. די איבריקע זענען קראַנקע אַוואַנטוריסטן, געוועזענע פּרויעןמעקלערס, זיך פאַרנומען מיט גנבות און שאַנטאַזשן.

צו אַלע צרות זענען עס העפטיקע אַנאַרכיסטן פון דער נאַטור, וואָס רעגן זיך אויף איבער יעדער קלייניקייט. אַלע באַגינען צעפאַלט די טרופּע — און אין אָוונט זינגען און שפּילן מיר שוין ווידער אויף די הויפן און אין די רוישיקע בולוואַרן, די מענטשן באַוווּנדערן אונזער אַחדות און טראַכטן זיך: ווי ליב די מענטשן האָבן זיך. אונזערע לידער זענען פאָלקסטימלעך און סענטימענטאַל, אונזערע אינסטרומענטן שטימען צווישן זיך—אָט פאַרוואָס זאָלן אונזערע הערצער נישט שטימען?...

די אָרעמקייט שאַפט שנאה צווישן די אָרעמע. סאָלידאַריטעט איז נאָר אין קאַמף, אָבער נישט אין לעבן. האָבן אונז נאָר נישט פאַרפאָלגט די אויגן פון אָרעמען פּובליקום, האָבן באַלד זיך צעפלאַקערט די קריגערייען. זאָגאַר די הוסטערייען און די געמיינזאַמע טובערקולאָז-קרענק האָט אונז נישט פאַרייניקט. עס האָט זיך נישט געגלוסט אַהיימצוגיין מיט זיי, דאַקעגן איז אַנגענעם געווען מיט זיי זיך צו שלעפן איבער די געסלעך. ערשט היינט באַגרייף איך די שיינקייט דערפון.

סולפּימאַ איז געווען די קעניגין אין אַ רויבער-באַנדע, וואָס רויבט זיך אַליין די לונגען און דאָס לעבן. אין נאָך אַ זאַך זענען מיר אַלע געווען אייניק: אין דער ליבע צו סולפּימאַן. זי איז געווען אַ יתומה, אירע עלטערן זענען יונג געשטאָרבן פון אַ מגפה אין קריג. זי האָט געטאַנצט אין אַ קאַבאַרעט און האָט אָרגאַניזירט די טרופּע. זי איז געווען די הויפּט-דירעקטאָרין פון אונזער באַנדע.

איך האָב נישט געקאָנט אַוועק פון איר. אָנגרייפן זי האָב איך אויך נישט געקאָנט צוליב די אַנדערע קאָנקורענטן. איינער האָט דעם

צווייטן געהיט. זי ליבנדיק, האָט מען נישט געדענקט אין די אייגענע צרות. האָט מען אויפגעשפילט, איז געווען טיילמאָל פריילעך, ווייל אין אַלגעמיין שפּילט מען אויטאָמאַטיש. אָבער אויך ביי די אויטאָמאַטן-שפּילער זענען דאָ באַגייסטערטע מאָמענטן. דאָס פאָלק פילט עס דאַן. קומט מען אַהיים—וואַרפט מען אַוועק די אינסטרומענטן. שפּעטער זע-נען די אויטאָמאַטן אינגאַנצן געפאַלן, אָנגעהויבן טרינקען זייער פיל און זיך געסטראַשעט מיט מעסערס. ווען סוֹלעימאַ האָט זיך צו מיר פריינטלעכער באַצויגן אויס רחמנות, האָבן זיי מיך געוואָלט שטעכן.

* * *

דער פרילינג איז געקומען; דער ערשטער זוניקער פרילינגס-טאָג האָט מיך איינמאָל באַגעגנט ביי דער סען, איך האָב געקוקט אויף די כוואַליעס פון דער סען, וואָס ווייס אַזויפיל שיינע מאַסן-סצענעס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. די זון איז פאַרגאַנגען נידעריק, און ביים ענדע פון טאָג, אין בין-השמשות, האָב איך זיך פלוצלינג דער-זען אַליין אַן עלנטן, אַ קראַנקן און צעבראָכענעם. איך בין געווען אַ שקלאַף פון אַ דעמאָראַליזירטער טרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון מענטשן, וואָס אָט צעזינגען זיי זיך און קושן זיך פאַר פרייד — און שפּעטער שטעכט מען זיך פאַר קלייניקייטן. סוֹלעימאַ האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן פאַרשווונדן צו ווערן אויף גאַנצע נעכט מיט אָפיצירן. אַליין אין דער מאַנסאַרדע האָבן מיר שוין מער נישט גערעדט, נישט גע-קריגט זיך — נאָר שטום אויסגעהערט דאָס קלאַפּן פון רעגן אויפן דאַך, וואָס איז געלעגן איבער אונזערע קעפּ. די שלאָפלאָזע נעכט האָבן זיך לאַנג געצויגן, און ערשט באַגינען איז אונזער פאַטראָנעסע צוריקגע-קומען אַ שיכּורע און פריילעכע, לאַכנדיק ווי אַ פּראָסטיטוטקע, די קליידער צעריסן — און אַלץ לאַכנדיק ביז היסטעריע.

אַלע זענען געוואָרן אייפערזיכטיק; אַלע זענען גרייט געווען צו שטעכן די אָפיצירן; איז זי אָבער דערשינען — איז געוואָרן שטיל, קיינער האָט נישט געוואַגט אין איר אָנוועזנהייט צו רעדן.

פרילינג! די זון לאָזט צעגיין דאָס אייז אויפן האַרץ. מען זעט זיך אַרום, ווו מען איז ערגעץ. איינמאָל אין אַזאַ וואַרעמען פרילינג-פאַרנאַכט האָבן מיר געשפּילט, האָבנדיק עטלעכע טעג זיך געקריגט און נישט געשפּילט. מיר זענען אַלע געווען הונגעריק. פלוצלינג זע

איך, ווי אַ הונט לויפט שנעל און טראָגט אין פּיסק אַ ריזיקן שווייצער-קעז. איך האָב געלאָזט שטיין די טרופּע, איבערגעלאָזט די גיטאַרע און נאָכגעלאָפן דעם הונט.

אַזוי לויפנדיק האָב איך פאַרבלאָנדזשעט. דער הונט מיטן לאָקנדיקן שווייצער-קעז איז פאַרשווונדן געוואָרן. איבער דער פאָרשטאָט פון פּאַריזש איז אויפגעגאַנגען די לבנה, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז דעם הונטס שווייצער-קעז...

מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, נישט צוריקצוקערן זיך צו דער טרופּע. איך האָב זיי, מכּלומרשט, כּדי פאַר מיר אַליין צו זיין צופרידן, שוין מער נישט געפונען... לאַנגזאַם, לאַנגזאַם און שמערצפול האָב איך פאַרגעסן אין דער שלאַנקער סולעימאַ, — אין די פריינט איטאַליענער טובערקולאָזע, צו וועלכע איך בין שוין געווען צוגעוווינט, זאָגאר צו זייערע קריגערייען...

דער פרילינג האָט מיך צום ערשטן מאָל גערופן צו זיך, געהייסן זיך באַפרייען — און איך האָב געפאָלגט און אויפסניי זיך פאַרשקלאַפט צו נייע צרות...

* * *

בלויז איין מאָל האָב איך אין אַן אייראָפּעישער הויפּט-שטאָט געזען אַ דאַר פּנים פון אַ פרוי אַרויסקוקן דורך די פאָרהענגלעך פון אַ קאַבאַרעט. איך האָב געוואָלט אויסשרייען:

— סולעימאַ!

זי האָט שנעל באַהאַלטן איר קאָפּ אונטערן פאָרהענגל — און דערמיט איז אַלץ געווען געענדיקט...

די אויסזאַמע פון „ברעכט״*)

ליבע און זעלבסטמאָרד

איך בין שוין דאָ 9 מאָנאַט. און אַט איז אַפּריל, מאַי און יוני. אין די אַלייען פון „ברעכט״ צעבליען זיך פלאַמען-רויט און הימל-בלוי די ראָזן און אַנדערע בלומען, אַזוי שיין און צאָלרייך — ג ז דער גאַנצער גאָרטן זעט אויס ווי אַ שימערירנד שפּיל פון פאַרבן און ווייזיע.

— זענען די דאָזיקע בלומען די לונגען פון יענע טויטע, וואָס זענען דאָ באַגראָבן נעבן קלויסטער און וועלכע ווילן כאָטש אין בלומען זיין מיט אונז, ווייל די קראַנקהייט דערנענטערט שטאַרק די מענטשן צווישן זיך, אָדער איז דאָס שימערירן פון פאַרבן די ווייזיע פון פיבער אין אונז?...

אין אַזעלכע מאָנאַטן שטייגט די סעקסועלע ליידנשאַפט. מענטשן, ביים אָפּגרונט פון טויט, ווערן מיטאַמאָל הייס און פיבערדיק, זייערע לייבער ברענען, כאָטש דאָס עסן איז נישט שטאַרק פעט, און דער געזונט-צושטאַנד פאַרבעסערט זיך נישט.

דזשאָן איז אַ הויכער יונג מיט מעלאַנכאָלישע אויגן, וואָס ברענען פון פיבער און ליידנשאַפט. ווען מיר ליגן אויף דער „קור״ פון 2 ביז 4, ליגט דזשאָן נעבן מיר. די שוועסטער, וואָס גיט אַכטונג אויף אונז, זיצט נעבן אונז, שטריקט און לאַנגווייליקט זיך. דזשאָן וואַרפט צו איר ברענענדיקע בליקן און קאָמפּלימענטן.

די שוועסטער איז אַ טונקעלע פלעמערין. אַלע האָבן זי ליב. ביינאַכט טרוימען וועגן איר און זעען זי אין פאַרשידענע פּאָזעס 200 קראַנקע און ליידנשאַפטלעכע פלעמער. דאָס צאַרטע מיידל „ליגט״ ביינאַכט אין 300 בעטן — און האָט בלויז איין זיסן, צאַרט-מעלאַנ-כאָלישן שמייכל...

נאָר צו דזשאָנען שמייכלט זי באַזונדערס ליבלעך. די קראַנקע

*) אַ סאַנאַטאָריע פאַר שווינדזיכטיקע נעבן אַנטווערפּן.

דערציילן, אַז מיט אַ וואָך צוריק האָט מען ביי איר אין קליינעם שטיבל געטראָפן דזשאָנען. ס'איז געווען שפּעט ביינאַכט. ווען די וועכטער האָבן אים דערזען — איז ער אַנטלאָפן...

דער דאָקטאָר האָט אים באַשטימט אַלס שטראָף צו פאַרלאָזן די סאַנאַטאָריע דעם 1-טן יולי.

דזשאָן איז שוין געווען אין פיל סאַנאַטאָריעס. ער האָט האַלז-טובערקולאָז. וואָס וועט ער איצט טון?... די שטאָט איז פאַר אים סם. און זיין ליבע צו לעאָנאָראַן איז נישט בלויז קיין סעקסועלער דראַנג. ער דערציילט מיר, אַז אויך זי ליבט אים. איצט איז אויך איר קאַריערע צעבראָכן, זי פאַרט קיין קאָנגאָ אַרבעטן צווישן די שוואַרצע, וואָס שטאַרבן מאַסנווייז אין די בעלגישע פּלאַנטאַציעס.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן איז נעבן מיר דזשאָן געלעגן מיט אַ צעבלוטיקטן האַלז. זיין ראַזיר-מעסער איז געלעגן איינגעשניטן אין גאָרגל. און ערשט איצט האָב איך זיך דערמאָנט, אַז ביינאַכט האָט ער שטאַרק געקרעכצט. ער האָט נישט איבערגעלאָזט קיין בריוו און נישט קיין זאַכן און קיין ביטע. נעבן זיין בעט זענען געלעגן די סאַמעטענע הויזן פון סאַנאַטאָריע, אַ בלום — אָפּגעריסן אין גאָרטן — האָט געשמעקט אין אַ קריגל מיט וואַסער, און אין בעט איז געלעגן, אַ באַפרייטער פון די ערדישעליידן, דזשאָנס קערפּער, רויק, שטום און — טויט...

ס'האָט אים קיינער נישט געקושט און געהאַלזט. פון אונז איז צוועק אַ ליבער חבר. צו די טויטע פון קליינעם בית-עולם איז צו-געקומען אַ פּרעכטיקער פריינט...

דער שטומער קנעכט

דאָ, ווו יעדן פרימאָרגן און אָוונט ווערט געזאָגט די אָוונט- און נאַכט-תּפילה — איז פאַראַן די בייזע כּוונה אין דער עראָטישער אומנאַר-מאַלקייט. די שוועסטער, וואָס האָט נעכטן געזאָגט מיטן קראַנקן די תּפילה — ציט אַראָפּ פון היינט-געשטאָרבענעם קראַנקן זיין העמד, און אירע גיריקע אויגן פרעסן דאָס קאַלטע פאַרגליווערטע לייב פון נאַקעטן ייִנגל, ביי וועמענס בעט זי האָט געקניט, ווען ער האָט זיך גע-ראַנגלט מיטן טויט.

דאָ איז פאַראַן אַ שטומער קנעכט. זיין נאָמען געדענק איך

נישט. ער איז ברייט און מאַסיוו, שוין 16 יאָר געפינט ער זיך דאָ, אַן אַמאָליקער פּאַציענט.

ער האָט אַ קליין צימערל אויפן הויף, איז זייער פריינטלעך, און אין זיין שטומער צופרידנקייט ברענט נאָר די ליידנשאַפט צו אַ פרוי.

נאָר — נישט די שוועסטערן ווילן מיט אים רעדן, נישט ער איז יונג און שיין (50 יאָר אַלט) און נישט ער קען רעדן — בלויז שמייכלען, און שמייכלען שרעקנדיק, ווי אַ טייוול... בליקט דער שטומער אויף יונגע יינגלעך און שמייכלט, לאַכט מיט הנאה און גיריקייט.

נישט לאַנג צוריק האָט מיר דערציילט אַ יידיש יינגל, אַז דער קנעכט האָט זיך אויסערגעוויינלעך צערטלעך באַצויגן צו אים, און ווען דער פּאַציענט איז אַוועק — האָט דער קנעכט אים אויפגעזוכט אין דער שטאָט און אים געלט געגעבן... איינמאָל דערהאַלט דער פּאַציענט פון דעם קנעכט אַ בריוו, פול מיט די צערטלעכסטע אויס־דרוקן און ליבע-ווערטער צוזאַמען מיט 100 פראַנק.

אַזוי גייען יאָרן, ביינאַכט, ווען מיר ליגן אין די בעטן, 30 מאַן אין אַ זאַל, הערן מיר אין דער פינסטערניש דאָס שווערע כראָפּן פון אַ געזונטן שטומען באַשעפעניש, וואָס האָט פריער מיט שווערע טריט אַריינגעשפּאַנט אין זיין צימערל, ווו קיינער האָט נישט געוואָרט אויף אים... קיינער, אַ חוץ אַ דייטשער, נאַקעט-קולטור-זשורנאַל, וועלכן דער שטומער בלעטערט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל...

אויפערזוכט און צערטלעכקייט

וויפל אינטערעסן ס'האָבן דאָ די קראַנקע! וויפל געשפּרעכן עס ווערן דאָ געפירט! קיין פּאָליטישע געשפּרעכן הערט מען דאָ נישט, בלויז וועגן פרויען ווערט גערעדט און מער געטרוימט און געקרענקט...

אין צייט פון באַזוך, זונטאָג — באַקומען די מענטשן פיבער, אין זייערע אויגן שפּיגלען זיך ליידנשאַפטלעך די רויזן און אַרכידייען פון די אַלייען, ווערענדיק נאָך רויטער. זיי שפּאַצירן מיט זייערע פרויען און ווילן אויסזען שטאַרקער און געזונטער, כדי אין די אויגן פון די געזונטע פרויען נישט צו פאַרלירן די מענערישע קראַפט און רעכט, קעגן די שטאַטישע קאָנקורענטן.

דאָך, דער ווילן העלפט דאָ ווייניק. באַלד פון אינדערפרי' אָן

הויבן זיי זיך אָן צו קליידן און שיין מאַכן, ראַזירן זיך, פוצן זיך און אין זייערע באַקן ברענען רויטע פלעמלעך...

כמעט די מערסטע דאָ האָבן קרענקונג און זענען אייפערזיכטיק אויף זייערע פרויען. אָט איז דער מוזיקער, אַ פלעמער, וואָס שפילט אויף פיאַנאָ אויף אַלע קאָנצערטן, וואָס עס אָרדנט איין דאָס פערסאָנאַל פון דער סאַנאַטאָריע. זיין פרוי, זאָגט מען, לעבט מיט אַן אַנדערן מאַן. ליגט ער שוין אין בעט — און באַקומט נישט קיין באַזוך. און אָט איז אַ יונג יידיש יינגל, וועמענס קוזינקע — אַ ריזן-דיקע פרוי פון אַ יאָר 40, קומט יעדן זונטאָג און זיצט נעבן בעט ביי אים, און צווישן צייטונגען און פרוכטן ברענגט זי אים אַ רויטע פלאַש קאָניאַק.

ביים אַוועקגיין קושט זי אים דאָס פלאַמענדיקע פנים, כאָטש ס'איז פאַרבאָטן דאָ צו קושן זיך...

און אָט איז אַ ווייס-גוואַרדייער, וועמענס פרוי, אַן אָפּערע-טענצערין, מיט רויט-געלאָקטע האָר אין אַ ליידנשאַפטלעך-ווענקנדיק קאַרמאַזין-רויט קלייד — קומט צו אים יעדן זונטאָג, און נאָך איר אַוועקגיין — קלאָגט ער זיך פאַר מיר אין אַ שלעכטן פויליש, אַז זיין פרוי פאַרראַט אים און באַלד שרייבט ער איר נאָך אַ בריוו, אַז ער וועט זי דערשיסן...

ער זינגט רוסישע לידער, פאַטריאָטיש-צאַריסטישע, און ווען איך פרעג אים וועגן ראַטן-רוסלאַנד — שיט ער אַ גאַנצן מבול מיט זידל-ווערטער און פאַרכליניעט זיך אין אַ הוסטן און צאָרן, ביז ער הויבט אָן היסטעריש וויינען... און פאַרזינקט דאַן ווידער אין טראַגישער מעלאַנכאָליע.

שוועסטער, בלומען און יינגלעך

די וועלט פון פרויען איז דאָ באַגרענעצט אויף די עלטלעכע שוועסטערן, וואָס טוישן זיך יעדן מאָנאַט, כדי זיי זאָלן נישט ווערן צו היימיש מיט די קראַנקע, וועלכע באַקענען זיך שנעל מיט זיי.

קומט אַ סימפּאַטישע שוועסטער, וואָס גיט זיך אָפּ מיט די קראַנקע — זענען די פּאַציענטן צופרידן און זוכן איר באַקאַנטשאַפט.

זונטאָג טוען זיך די שוועסטערן אָן אין בלאַנקענדיק ווייסע קליידער — און באַשיינען די אַלייען, ווי ווייסע ליליען וואַלטן זיך באַוועגט. עס בילדעט אַ קאָלאָסאַלן קאָנטראַסט צו די שפּאַצירנדיקע קראַנקע, וועלכע גייען אַרום אין שוואַרצע „קאַבאַנס" (מאַנטלען).

אָבער נישט אַלע שוועסטערן זענען סימפּאַטיש. אָט איז אונזער אַלטע הויפּט-שוועסטער פון אַ יאָר פופציק, אַ בייזע פרוי, זייער נער-ווען און שטרענג צו אונז. זי האָט אָבער ליב בלומען. אירע וואַזאָנען — אַ גאַנצער גאָרטן — זענען איר זייער טייער, און טאָג און נאַכט מוזן די קראַנקע פלעגן די בלומען.

אָבער נישט צו אַלע פּאַציענטן איז זי שטרענג. איין יינגל, טאָני, באַהאַנדלט זי זייער גוט, — הייסט אים אָפט אַרבעטן ביי די בלומען און מען שמועסט, אַז זיי זענען אין נאָענטע באַציִונגען.

טאָני איז זייער פעִיק, ער צייכנט, זינגט, מאַכט פערזן, שפּילט אויסגעצייכנט שאַך און דאַמקע, איז זייער שיין און גוט אַנטוויקלט. שוין אַכצן מאָנאַטן געפינט ער זיך דאָ. זיין חבר איז טעאָר אַ קליין סימפּאַטיש יינגל, וועמענס עלטערן זענען אין קאָנגאָ. מען שמועסט, אַזביידע „ליבן" זיך. כ'זע זיי זיך אַרומפירן גאַנצע טעג אין פּאַרק.

דער טויט האָט זיי אָבער ביידע נאָך ליבער געהאַט און זיי צוגענומען צו זיך. טאָני, פון דיקקייט און פעטקייט, האָט באַקומען זונטאָג אַ בלוט-שטורץ — און ווען זיין פאָטער, אַ רייכער באַאַמטער, איז געקומען זען זיין זון, איז ער שוין געווען טויִט.

אין טויטן שטיבל איז ער געלעגן. דאָס טויטן-שטיבל שטייט באַזונדער, אין אַ זייט פון הויף, און פאַרבייגייענדיק ווערט יעדן פּאַציענט אומעטיק... מיר ווייסן נישט ווי אינעווייניק זעט אויס, מיר זעען בלויז אַריינטראָגן פאַרוויקלטע קערפּערס — און דאָס איז גענוג...

אויך טעאָר, דער קליינער זיבצן-יאָריקער, איז געשטאָרבן. אויסער זיין טובערקולאָז קרענק האָט ער איינמאָל פון אורלויב אין שטאָט צוריקגעברענגט אַ ווענערישע קרענק.

ווי איך האָב געהערט, איז דאָס שיינע יינגל מיט די ווייסע האָר געשטאָרבן אין אַ פּאַריזער שפּיטאָל.

ער האָט טייער באַצאָלט פאַר זיין ליבע-פאַרהעלטעניש צו יענער פרעמדער פרוי...

שפּעטער האָט מיך די הויפּט-שוועסטער געבעטן, אַז ווען איך וועל זיין אין שטאָט, זאָל איך פאַר איר באַשטעלן ביי אַ פאָטאָגראַפיסט אַ גרויסע רעפּראָדוקציע פון אַ קליין בילדל פון טאָני, וואָס זי האָט מיר געגעבן — און דאָרט, אין איינזאַמען שטיבל פון דער דאָזיקער פרוי, וועט ער הענגען איצט אויף דער וואַנט — און ער אַליין, אין אַ קליינעם קבר, וועט טרוימען וועגן פּאַריז און אירע פרויען...

* * *

איך קען טורמעס, נאַכט-אַזילן און קנייפּעס. איך קען שפּיטעלער און וואַנדערנדע וואַגאַבונדן, דיכטער און פילאָזאָפן, נאָר אין ערגעץ זענען נישט די מענטשן אַזוי טראַגיש, ווי דאָ.

אָט איז אַ ריזן-פלעמער, וואָס אין שטאָט וואָלט מען אים געהאַלטן פאַר אַ שטאַרקן אַטלעט — ער איז הויך און קרעפטיק. נאָר פאָרט ער אין שטאָט אויף איין וואָך, קומט ער צוריק מיט דרייצן קילאָ ווייניקער... דאָס פלייש און דאָס פעטס פאַלט פון אים מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט...

אַזוי שטאַרבן זיי אַלע, אין טרוימערישע ווייזיעס נועגן אַ לוסטיק לעבן. דער פיבער, ווי א זון-אונטערגאַנג אויף אַן אייזיק פעלד, באַשיינט זייערע לעבנס און צינדט זיי אָן מיט באַגייסטערונג און שטורם. דער פיבער באַשיינט זיי מיטן לעצטן אָפּשיין פון פאַנטאַזיעס און אילוזאָרישער שטאַרקייט — ביז זיי טוען אַ שטראָם מיט בלוט קוואַלעניווייז. אָדער שטאַרבן אָן אַ בלוט-שטורץ אין בעט און ווערן באַלד שטאַר ווי מאַרמאָר.

אַלעקס, אַ דרייסיק-יאָריקער קראַנקער, האָט מיר אַ שעה פאַרן טויט דערציילט אַ סעקסועלע געשיכטע און מיר געוויזן דאָס בילד פון דער העלדין, זיין אַ מינדעריאָריקע קוזינקע.

אָבער באַלד איז ער רויִק געלעגן אַ טויטער אין זיין בעט. זיין שטערן איז געווען נאַס פון שוויס און אַ שמייכל האָט באַדעקט זיין געזיכט, ווי אַן אויסערגעוויינלעכע צופרידנקייט אָדער אַנטשפּאַנונג.

זינגט שאָפּענעט און מאָלט פּרויען...

נעבן מיר אין דריטן בעט, ליגט מאַקס דול. דאָס איז אַ פלעמער, אַ מאָלער. זיין געזיכט איז אומגעלומפּערט מיאוס, אַ פּאָר טויטע קאַלטע אויגן, אַ ריזיקע פיגור, אומגעלומפּערט אין האַלטונג, מיט גאַנץ לאַנגע הענט. מאַקס דול איז שוין אַכט יאָר אין סאַנאַטאָריום. ער איז אַסטמע-ליידנד. האָט אַ פרוי אין שטאָט, וועלכע קומט נישט צו אים. זי האָט אַן אַנדערן מאַן, אַ רוסישן עמיגראַנט.

מיט דולן שפּאַציר איך אָפט אין די אַלייען. ער רעדט דייטש גוט. האָט געלעזן פיל. אין די איינזאַמע פאַרנאַכטן ווען פון דער

אַנדערע‫ר זייט פלויט דערטראָגן זיך די פרייל‏עכע געשרייען פון די דאָרפס־קינדער, רעד איך מיט אים איבער פילאָזאָפיע. ער האָט ליב שפּינאָזאָן, איז רעליגיעז געשטימט און מעלאַנכאָליש.

דולס אָפיציעלע מיסיע אין „ברעכט‟ איז צו געבן עסן די „ראַטן‟, וועלכע דער דאָקטאָר האָדעוועט אויף מעדיציניש־עקספּערימענטאַלע צוועקן. איינמאָל פירט ער מיך צו אָן אַ זייט פון דער ריזיקער געביידע. איך דערזע אין אַ שטייג ווייסע און שוואַרצע שטשורעס. שנייט אָפּ מיט אַ ברייטווע גראָז פון פעלד, דערלאַנגט זיי דורכן טירעלע און שמייכלט... זייט די פרוי איז אַוועק פון אים, באַשעפטיקט ער זיך זייער אויפמערקזאַם מיט שטשורעס... ער האָט זיי ליב...

אין אַ הייסן־זוניקן טאָג זיצט ער אין דער אַלייע און מאָלט. דאָס בילד שטעלט פאָר אַ וווּנדערבאַרן זון־אונטערגאַנג ערגעץ צווישן די בערג. אויף איין אָרט רוט אַ מחנה שאָף מיט זייער פּאַסטוך, וועלכער שניצט אַ פלייטל — און ווייט, ווייט צווישן די גוואַלטיקע בערג פאַרגייט די זון אין אַ קאַלוזשע בלוט. ס׳איז אומעטיק און טרויעריק.

מאַקס זעט מיך נישט. ער מאָלט אויפמערקזאַם. איך פרעג אים, וואָס ס׳וועט זיין, ווען ער ענדיקט דאָס מאָלן. ער שמייכלט. צי האָט ער אין זין דעם טויט — צי נישט ?... ווער ווייסט... דאָס לעבן איז אים גלייכגילטיק. געזונט וועט ער שוין מער נישט זיין, כאָטש ער היילט זיך מיט רייפערן־בלעטער, וועלכע שטינקן שרעקלעך.

שפּינאָזאַן האָט ער ליב פאַרן קוקן אויפן לעבן ווי אויף אַ געוואַלטיק זיין און ווערן פון אַ ים, וועמענס כוואַליעס זענען נאָר מאָדוסן פונם אַלגעמיינעם ים־וועזן. אויך מאַקס דול קוקט אַזוי אויפן לעבן. איינער איז אַ טיראַן אַ קעניג, אַ רעוואָלוציאָנער. איינער בויט באַריקאַדן, ווערט רייך, איינער איז אַ פאָרד, אַ נאַפּאָלעאָן, אַ הענדלער — צי אַ הונט־שלעגער. ער, מאַקס, איז אַן אָרעמער קראַנקער אין סאַן „ברעכט‟. רויִק און גלייכגילטיק נעמט ער אויף דעם דאָזיקן גורל, פּונקט ווי עס וואָלט אַזוי באַדאַרפן זיין צו דער פאַרפולקאָמונג פון דער אוניווערסאַלער גאָטס־וועלט.

ער מאָלט און רעפּראָדוצירט בילדער פון די קראַנקע, וועלכע זייענדיק אָפּגעריסן פון מענטשן, האַלטן טייער די בילדער פון זייערע אַמאָליקע פריינט, פרויען און קינדער. ער מאָלט זייערע טייערע געשטאַלטן, מאַכט שענער, אינטערעסאַנטער — און אין אָוונט זינגט ער שאָפּענס „טרויער־מאַרש‟... ער איז אויך דער פאַרוואַלטער פון דער

ביבליאָטעק, בינדט איין ביכער, ראַזירט מיט הילצערנע פינגער — און צעבלוטיקט גייט אַוועק יעדער גאַסט... ער שערט, פאַרקויפט טעמבערס, מאַכט זון-שקיעהס, ווונדערלעכע אַון — איידער ער וועט פאַלן אין זיין טרויעריק קבר, ווער ווייסט, וויפל מאָל ער וועט אין טרוים באַגלייטנ-דיק, זינגען אַזוי שטיל דעם טויטן-מאַרש פון שאָפען... ווער ווייסט...

ער שמייכלט אַזוי איראָניש — און איר גלויבט, אַז אַ צעפוילטער שוין וועט ער אויך אין קבר שמייכלען און... זינגען שאָפענען...

מאַקס דול האָט באַזונדערע ליבע צו מאָלן פרויען-געשטאַלטן, איינס אַ רעפּראָדוקציע פון אַ יונג מיידל איז אוממעגלעך צו דערקענען לויטן אָריגינאַל. איך האָב איינמאָל געזען, ווי ער היט זיך זייער ביים אַרבעטן איבער אַ געוויסער רעפּראָדוקציע, פונקט ווי עמעצער וואָלט אים וועלן אויסכאַפּן עפּעס. איינמאָל דאָך האָב איך באַמערקט, אַז ער מאָלט אין רויטע פאַרבן אַ יונג יידיש מיידל, וועלכעס ס'האָט אים אַ יידישער פּאַציענט געגעבן מאָלן. כ'האָב געזען דעם אָריגינאַל: וואָס פאַר אַ שרעקלעכע ענדערונג; ער האָט אירע ליפּן דינער און רויטער געמאַכט, אירע אויגן טרויעריק און טיף, אירע ברעמען וווּנ-דערלעך-טונקל און אירע האָר אַזוי שיין פאַרקעמט... וואָכן לאַנג האָט ער זי רעפּראָדוצירט און ענדלעך, ווען ער האָט אָפּגעגעבן די אַרבעט — האָט דער פּאַציענט גאָרנישט דערקענט זיין אַמאָליקע געליבטע, און נישט געוואָלט באַצאָלן...

דול האָט דאָס נישט געקאָנט באַגרייפן, ווי הייסט, זי איז דאָך פיל שענער און אמתדיקער. און ווירקלעך — ער האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ מלאך, אַ געטלעך וועזן, אַ טרויעריק-דעמאָנישע געשטאַלט, אַ גריכישע געטין — נאָר נישט אין אַ יונג מיידל מיט געוויינלעכע גע-זיכטס-ציגן.

דול האָט עס נישט געוואָלט פאַרשטיין... ער האָט דאָך די גאַנצע צערטלעכקייט און טרויער פון זיין נשמה, די גאַנצע אַכט יאָר אומעט אין „ברעכט" און זיין טרויעריקע קרענק פאַרקערפּערט אין דעם אומ-שולדיקן מיידל... שטיקט זי זיך דען נישט פון אַסטמע ליידן? איז זי דען נישט אמת-קראַנק און דאָך שמייכלט זי אַזוי דעמאָניש-איידל?...

דער מעלאַנכאָליקער, וואָס קוקט אויף די שטערן

ביינאַכט, ווען זייער פיל שטערן ברענען אין הימל, איז שטיל אַרום דעם „הויז פון טויט". די אַלייען ליגן שטום אין געהיים. בלויז אויף דער „קור", ווו די קראַנקע ליגן בייטאָג אויף בעטלעך, ליגט איצט איינגעקורטשעט אין בעטל פון זיין ברודער, וואָס איז דאָ מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געשטאָרבן, ריקסקי דער לאָמער. ער ליגט שטום, קוקט צו די שטערן. רעדט צו קיינעם נישט. ער איז קליין, איצט נאָך מער איינגעהויקערט, מיט זייער קליינע אייגלעך און בלאַס.

אויך בייטאָג רעדט ער נישט צו קיינעם. מען זאָגט, אַז זיין פרוי האָט אים אַוועקגעוואָרפן, ווייל ער איז אומהיילבאַר-קראַנק. זי לעבט מיט אַן אַנדערן — און ער... מיט די שטערן ביינאַכט אויף דער קור. אָדער אפשר ליגט בלויז זיין קערפּער דאָ — און הויך, הויך, איבער די וואָלקנס טראָגט זיך זיין טרוים, אין דער פרי צוריקקומענדיק...

ער איז דער מעלאַנכאָליקער פון „ברעכט". איך האָב געהערט, אַז ער איז שוין טויט. ער איז רויִק אויסגעגאַנגען, זיך צוהערנדיק צו דער נאַכט אויף דער קור. זיין נשמה האָט נישט געוואָלט צוריקקומען פון די וואָלקנס צום אָרעמען ריקסקי...

דאָס ליידנשאַפטלעכע קריפּל

דער קעגנזאַץ פון ריקסקין איז אַלבערט. נישט דאָס ערשטע מאָל איז ער שוין דאָ. נאָך פאַרן קריג דאָ געווען. היינט זענען שוין די לונגען שטאַרק אויסגעטרוקנט.

זיין פּנים איז מיאוס און רויט פון פיבער. ער האָט גרינע אויגן, אַ פּאָר האָר אויפן שטערן, איז געהויקערט און האָט זייער דינע פיס. ער איז אַן אמתער קריפּל.

איך פרעג אים, וואָס דער דאָקטאָר זאָגט איבער אים. ער ענטפערט אין אַ הייטערן טאָן, אַז ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט נישט לאַנג לעבן. אויך ער איז אומהיילבאַר. נאָר — אַלבערט איז פריילעך. זיין גאַנץ לעבן געווען אין שפּיטעלער אין סאַנאַטאָריומס — און דאָך דעם מוט נישט פאַרלוירן. צו רעדן פּאָרנאָגראַפישע רייד איז אַלבערט אַ מייסטער. איינמאָל האָב איך אים געזען ביים וואַרטן אויפן קלונג פון מיטאָג, אויפטאַנצן פלוצלינג מיט אַזאַ פרייד, וואָס איז זעלטן

ביי לעבנס-פעיִקע מענטשן זאָגאַר, ער האָט געטאַנצט מיט דער גרעסטער ליידנשאַפט אַן אויסגעלאַסענעם טאַנץ מיט די עקלדיקסטע תנועות. זיין הויקערדיק גופל האָט אים צוגעגעבן אומגעהויערן קאָמיזם. איין פיסל איז געבליבן הענגען אין דער לופט, בשעת דאָס אַנדערע האָט געהאָפּקעט, די אייגלעך האָבן געבליצט — און זיין האַלז האָט אַרויס-געלאָזט פאַרשידענע העוויות.

איך האָב זעלטן ווען געזען אַ קריפּל און אַ צום טויט-פאַר-אורטיילטער זאָל אַזוי טאַנצן.

אַלבערט עסט פיל און פאָטאָגראַפירט זיך כמעט יעדע וואָך. ביי יעדער געלעגנהייט ווייל ער זיך פאַרזיכערן די אומשטערבלעכקייט. איינמאָל אין וואָך קומט צו אים אַ קליינע זקנה, זיין מוטער. זי רעדט מיט אים כמעט גאָרנישט. ביים אָנקום דערלאַנגט זי אים דריי באַנאַנען און אַ שטיקל בראַקירטן שאָקאָלאַד. די שאָקאָלאַד עסט ער באַלד אויף. איין באַנאַנע שיילט ער אָפּ און גיט דער מוטער צו עסן. צוויי לייגט ער אַריין אין קעסטל. זי גייט באַלד אַהיים, נאָך איידער ס׳ענדיקט זיך די באַזוך-צייט. און ווען זי גייט אַוועק — איז אַלבערט ווידער פריילעך. זיינע פּיפּציק יאָר שטערן אים נישט צו האָפּקען ווי אַ קינד און לאַכן קוויטשיק.

אָך, ווי ער האָט ליב דאָס לעבן, ווען ס׳איז אַפילו אַזוי טרויעריק, אָרעם און מיזעראַבל.

סצענעס און ווִיזיעס

1

פּויסטקייט, דעקאַדאַנס, קולט פאַרן פרעסן!

היינט בין איך געווען ביי אַ רייכער פאַמיליע. אויפן טיש זענען געווען פאַרשידענע פּרוכטן און שפייזן. פיש, פלייש, זופּ, פאַרשפייזן און קאָמפּאָט. זיי האָבן געפרעסן ביז צום פּלאַצן. די בייכער פון מיינע באַקאַנטע ווערן געשוואָלן, די קאַרקן גלאַנצן, און די ליפּן פעט פונם פעטן פלייש. מעד און שאַמפּאַניער און ביר. אַך, ס׳איז אַ פּוסטע עס-געשפּרעכן! מען רעדט איבערן פרעסן, און איך בין נער-וועז... מען גיסט אין זיך אַריין הייסן ווײַן און טיי און קאַפע. אויף די טעלער בלייבן שפייזן און פעטס. די מאָגנס ווערן פול מיט צע-מאָלענע פרוכטן. אַ פאַבריק פון פרעסערס. רוים האָט דערוואַכט, מען פרעסט, און מען ברעכט אויס און מען פרעסט ווידער. נישט דער ים אין בראַזיליען איז פול מיט קאַפע און טיי אויפן גרונט. בור-זשואַזע פיליסטערס פּלאַצן פון פרעסן. ווי געטער שלינגען זיי איין וואַגאָנען שפייז און פאַרוואַנדלען דעם מאָלצייט אין אַ רעליגיעזן קולט.

און אָט בין איך אין פּאַרק פון שטאָט. אַרבעטסלאָזע מאַרשירן הין-און צוריק, טובערקולאָז-בלאַסע, ווילדע בליקן, טרוקענע ליפּן, באַקן איינגעפאַלן, און נאָר מאַנטלען דעקן צו סקעלעטן. טרויעריקע „מענטשן" הונגעריקע דרייען זיך אַרום און שלינגען לופט. און כ׳זע אין אַ אָנבליק פון די אָרעמע געשטאַלטן יענע וויזיעס, ווי ריזן-בייכער, אַ קעפּ און אַן הערצער — בלויז בייכער, ווי זעק שלינגען איין ריזן-וואַגאָנען מיט עסן. די שענסטע ראָזע אַפּעלסינען און עפּל און פלוי-מען און באַנאַנען פאַרשלינגען די דאָזיקע זעק. און דאָרע סקעלעטן ווערן דינער און שלאַנקער, און דער הונגער, ווי אַן אייזערנער פיסק פרעסט אַראָפּ מיט קופּערנע ציין פון זיי דאָס פלייש...

2

„דאַפּערס", סטעמפּלערס, מיט רויטע ביכלעך אין די הענט, וואַרטן אין אַ ריזן-רייע, כדי צו נעמען שטיצע. אַ ריזן-רייע פון שוואַרצע ריזן, אין שמאַטעס געהילט, שטייט פינסטער איינער צום צווייטן געפּרעסט, און רוקט זיך לאַנגזאַם, ווי אַ שוואַרצע שלאַנג, צום טישל, ווו מיט יעדן איינעם אַוועקגייענדיקן, האַקט זיך אָפּ נאָך אַ גליד פון דער שוואַרצער שלאַנג...

אַ ריזן-אַרמיי, וואָס וואָלט געקענט בויען שטעט און טורעמס, און פּיראַמידן און פעסטונגען, און שאָסייען און בריקן — גייט דאָ אויס אין שטאָלצן צאָרן און נישט-טון. אַ ריזן-אַרמיי, וואָס וואָלט שיפן איבער די ימים געטריבן און אַעראָפּלאַנען אין דער לופטן געהויבן, אַן אַרמיי, וואָס וואָלט געקאָנט צעאַקערן און פאַרזייען דעם ערד-פּלאַנעט און בויען אין קאַמפּס-צייט באַריקאַדן ביז צו דער זונען הויך — זי שטייט איצט טאַטלאָז, מיט די רויטע ביכלעך אין די הענט, ווי פונקען, וואָס צעברענען זיך אין פלאַמען — און ווי בעטלערס, מיט געבויגענע קעפּ, רוקן זיי זיך פאַרויס צום סטעמפּלער...

און אין געוואָלטיקער וויזיע זע איך יענע צען מיליאָנען געפּאַלענע, וואָס טראָגן זיך אָן הענט, אָן פיס, אָן קעפּ, אָן בייכער, אָן לונגען, און אָן געשלעכטן, צעריסענע שטיקלעך קערפּער און גלידער — טראָגן זיך אין אַ גיגאַנטישער דעמאָנסטראַציע איבער דער ערד! אין זייערע סקעלעטן-הענט האַלטן זיי פעסט די ביקסן, און זיי טראָגן נאָך הויך די פאַרעטערישע פענער... דאָך פּלוצלינג: די וויזיע פאַרשווינדט, און איך דערהער דעם „אינטערנאַציאָנאַל" מיטן קול פון מיליאָנען שטורעמס און ימים — און אַ רויטע פאָן, ווי אַ זון, פלאַטערט... זיג!

3

אַ גאַס פון פּראָסטיטוטקעס. פעטע פרויען שטייען אין די פענסטער. דער קריזיס טרייבט נישט קיין איינציקן מאַן צו זיי! ווו שטיקער פלייש, שטייען זיי צום פאַרקויפן. אַ הענקער-קלאַס האָט פרוכטבאַרע, אַרבעטזאַמע, ערלעכע פרויען אין פאַרוואַנדלט זיך-פאַרקויפערס. טויזנטער ווערן פאַרוואַנדלט אין סיפיליטיקער. טויזנטער שטאַרבן פון

ווענערישע קרענק. מיליאָנען קינדער ווערן נישט געבוירן און טויזנ־טער ווערן געבוירן — קראַנקע. די גאַס איז רויט באַלויכטן, און הייזעריקע שטימען רופן די מענער צו געניסן דעם שווידער־„פאַרגעניגן" פון שענדן אומגליקלעך פלייש!

אַ קלאַס פון קאַנאַנען און סיפיליס!

זיי שמייכלען, פודער שיט זיך פון זייערע פּנימער, זיי זעען אויס ווי פּאַיאַצן און לאַכן, ווי שרייענדיקע דזשאַזטאַצן! פרויען־פלייש פוילט און טראָגט זיך געפּודערטערהייט און פול מיט שווייס און פאַרפום צום אָרעמען געניסער פונם טרויעריקן „גליק". נאָר היינט איז קריזיס! קריזיס! נישטאָ קיין געלט! די פּראָסטיטוטקעס גיסן מער נישט אַריין אין זייערע קערפּערס מילך און קאַפע. אין די שפּיטע־לער ליגן זייערע שוועסטער. אין די שפּיטעלער וועלן זיי אויך קומען. אין טורמע. אויפן בית־עולם. זיי קענען די גרויסע אייראָפּעיִשע שטעט. דאָרט איז אויך קריזיס! קריזיס! קריזיס! אַ קלאַס פוילט און שטאַרבט! אַ קלאַס שטאַרבט, אַלס עקלהאַפטע פּראָסטיטוטקע — און זיי זענען אירע קרבנות...

4

די צייטונגס־געשעפטן זענען פול מיט פּאָרנאָגראַפיע־זשורנאַלן, אויף די שער־בלעטלעך נאַקעטע פרויען־פיגורן. טויזנטער עפעקטן אין פאַרבן. פּאָזעס. געבויגענע פיגורן, ווי שלאַנגען. שלאַנקע קערפּערס, ווי קינזשאַלן. פעטטע גופים, ווי שטיינערנע גריכישע מאָנומענטן, ליידנשאַפטלעכע דעמאָנישע גראַציעזע, רייצנדיקע באַוועגונגען. נאַקעט טוט זיך אויס אַ שטאַרבנדיקער קלאַס אין זיינע זשורנאַלן. פאַרן גיין אין קבר טוט ער אַ זופּ דעם בעכער ביטער־ווײַן און רייצט זיינע קראַנקע געהירן מיט אויסגעלאַסענע סצענעס, מיט ווילדע, שמוציקע אָרגיע־נעכט און פּאָרנאָגראַפיע־בילד. דער דזשאַז רייצט און ראַצט זיין סעקסועל געפיל. צום טאַנצן און פאַרטאַנצן זיין עפּאָכע רייסט ער אים. פון די העכסטע וואָלקנקראַצערס און אַעראָפּלאַנען ציט עס זייערע אָפּגעלעבטע קערפּערס אין די קעלערן פון אומפאַרשעמטער אָרגיע! ווײַן, ווייב און געזאַנג, ביז פלאַצן פייניקט זיי אויס דאָס פאַרגעניגן. די דזשאַז־קלאַנגען, ווי שפּיזן, רוקן זיך אַריין אין זייערע מאַרך און געהירן און שלעפּן מיט זייערע לעצטע געזונטע זאַפטן. זייער שאַרבן ברעכט זיך און דער קאָפּ זינקט צום בויך, ווי דער

פּאָגן וואָלט אים וועלן פאַרצערן, דאָס פעטס פּאַרטרינקען זיי מיט וויין, און דער טאַנץ און די קאַריקאַטור־געליבטע נעמט זיי צו דעם לעצטן ניכטערנעם געדאַנק. אַ קלאַס פאַרגייט און שטאַרבט...

זיין ליטעראַטור און קונסט, זיינע פילמען זענען פּוסט, און בלויז וויזיעס פון נאַקעטע פרויען־פיס שפּרייזן אים, דעם בורזשוי, אין מוח. פיס, פיס, פיס... אַ גאַנצע וועלט פון פיס. גאָט איז אַ פוס, די פרויען זענען פיס. ווי איז ער דער געניאַלער סקולפּטאָר? זאָל ער שאַפן דאָס נייע ווערק — אַ ריזן־פוס אין אַן עלעגאַנטער לאַקערקע— דער סימבאָל פון דער וועלט פון דער בורזשואַזיע!

מען גראָבט אויס אין פילם די קעניגן פון אַכצן ווייבער, די סולטאַנען און זייערע האַרעמען. די טענצערינס־שפּיאָנען און זייערע אינדוסטריעלער־געליבטע און מיניסטאָרן! זינד, שפּיאָנאַזש, געלט! אַך, אַ טויט אַזאַ קלאַס! און אַ ריזן־וויזיע פלאַמט אויף אין מיין געדאַנק. איך זע איבער אַ באַרג אַ ריזן־גיליאָטינע, מיט אַ מעסער, וואָס איז גרויס, ווי די ערד — און אונטער דעם שטורעמדיקן מעסער פאַלט צו דער ערד דער געוואַלטיקער קאָפּ פון אַ גאַנצן רויבערישן, פּאַראַזיטיש־געמיינעם הענקער־קלאַס! דער קאָפּ פאַלט צו דער ערד — און פון דער אַנדערער זייט בלייבט ליגן אָן אַ קאָפּ דער געוואַלטיקער גוף פון אַ רויב־חיה, דער גוף פון אַ חיה, וואָס איז ענלעך צום שוידערלעכן קערפּער פון אַ טאַנק אָדער אַן אונטערוואַסער־שיף...

5

איך בין אין אַ קאַפע. דורך ראַדיאָ הערט זיך די געמיינע שטימע פון געבעלס. ווי אַ ריזן־שיכּורע פּראָסטיטוטקע וואַרפט ער העץ־פּאַראָלן צו זיינע רויבער־באַנדעס און קלאָגט און ספּאַזמירט און פאַרגייט אין היסטעריע. ניין, דאָס רעדט נישט קיין מענטשלעך מויל! דאָס רופט צום גאַלגן אַ הענקער דורכן האַלז פון אַ קאַנאָן. ער שטורעמט, און ס׳קראַכן, ווי ראַקעטן, העץ־פראַזן. באַלד ענדיקט ער אונטער אַפּלאָדיסמענטן, און אַ מעכטיקער אָרקעסטער שאַלט און רופט די מאַסן צום קריג! עס זענען נישט קיין מוזיק־אינסטרומענטן! ניין, פּיראַטן, רויבער קלאַפּן אויף מאַשין־געווער זייער ליד! עס דונערן קאַנאָנען און ס׳קראַכן גראַנאַטן! שלאַכטן! טויט, פאַרוויסטונג און שוידער און מענטשן־מאָרד.

און אָט בין איך אין אַ סאָציאַליסטישן קאָפּע. דייטשע, יוגנטלעכע פליכטלינגען, אין רויטע בלוזעס מיט צעפּלאָמטע געזיכטער און הערצישע בליקן שטורמען דעם זאַל מיטן „אינטערנאַציאָנאַל"!

ס'גראַ באַגייסטערונג! ס'גראַ מעכטיקער אַקאָרד פון טויזנט־שטומיקן ליד! אַ האַלז פון טויזנטער אַרבעטער שטורעמט אויס דאָס ליד פון פרייהייט! פויסטן טראָגן זיך צו די דייטשע יוגנטלעכע. און זיי, ווי אין פלאַמען־געקליידעטע אַפּאָסטאָלן, צום פאָלק מיט אָפענע מיילער: איין קלאָנגע פון קאַמף און באַגייסטערונג! נאָך לעבט די רעוואָלוציע! נאָך לעבט דאָס פאָלק! נאָך לעבט די פרייהייט! פּראָמעטעוס האָט איינמאָל נאָר געוואָרפן צו די מענטשן דאָס פייער, און דאָס פייער ברענט און וועט באַלד צינדן דעם ערד־קוגל אין אַ לעצטער שלאַכט — און איך זע, ווי די יוגנטלעכע צעפלאַטערן אַ רויטע פאָן, און דער שטורם טראָגט די פלאַמען פון דער פאָן איבער אייראָפּע און אַזיע און אויסטראַליע און אַמעריקע — איבער אַלע קאָנטינענטן פון דער ערד!

6

צייט פון קריזיס! ימים עסן טויזנטער טאָן קאָווע און תבואה! די פעלדער טרינקען טויזנטער קאַנען מילך! די מאַשינען אין די פאַבריקן זשאַווערן, און הענט־מוסקולן פוילן! דערפאַר מערן זיך בעטלער און שאָקאָלאַד־פּאַרקויפער, און אין די שפּיטעלער ליגן הונדערטער קראַנקע, און אין די וואַרט־זאַלן פון דאָקטוירים טויזנטער מוטערס מיט זייערע קראַנקע קינדער! אין די טויזנטער הונגעריקע ליגן זיי אין די שטובן, אין די שפּיטעלער, סאַנאַטאָריעס, באַראַקן און טורמעס! אָט זע איך אויף דעם „פּוּאַר" (פאָלקס־פּאַרווייליונג), אַן אַלטן זקן מיט זיין קליינער טאָכטער אָדער אייניקל, אַ שטילעט שטעקט אין איר האַנט. ווירקלעך, איר האַנט איז צעבלוטיקט און דורכגעשניטן... עס זאָל ציען די אויפמערקזאַמקייט און וועקן רחמנות...

אין די קאַפעען לויפט אַרום אַ דייטשער פליכטלינג מיט ציגאַרעטן און שוועבעלעך און שאָקאָלאַד און שנוראָוואַדלעס. אַ דיקער שטעקן העלפט אים צו גיין. ער איז האַלב־פּאַראַליזירט און טובערקולאָז, דער טויט וווינט אין זיין גוף, און דער שוידער און עלנט דערשרעקט!

אין כינע עסט מען קינדער פאַר הונגער. אין דייטשלאַנד ווידער

געקעפּט דריי אַרבעטער. איינער האָט דערזען, ווי מען האַקט די קעפּ פון זיינע חברים, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען געוואַלט. דער הענ-קער איז נערוועז געוואָרן און נישט געטראָפן. אים צעשמעטערט דעם שאַרבן. אין דייטשלאַנד הערשט דער יאַטקע-קלאָץ, אין כינע, די היל-צערנע ווערג-מאַשין, אין עסטרייך, דער אָנגעזייפטער שטריק, אין אינדאָ-כינע און אינדיע — דערפער-צעשטערונג און מאַסן-מאָרד! אין משוגעים פאַרוואַנדלט מען די שענסטע אידעאַליסטן — — אין ראַדיאָ הערט מען גערינגס הענקער-פּאַטאָס! אין קינאָ שפּילט די „פּאַרחלומטע" גרעטאָ גאַרבאָ, און מאָריס שעוואַליער שמייכלט „שיין"... מאַראָקאָ ווערט באַשאָסן פון קוילנוואַרפער-אַעראָפּלאַנען, און די פּלייצע פון דער דאַמע אין סאַלאָן ווערט נאַקעטער און ווייסער און איידעלער... גאָט ווערט חשובער און דער „דוטשע" רעדט וועגן פּלאַטאָן און איידלקייט. — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר, ווי דאָס שוואַרצע געוואַלטיקע פערד פון דער אַפּאָקאַליפּסע, רייט אַרויס דער רויטער רייטער און טרעט מיט זיינע געוואַלטיקע טריט איבער די האַרעמס, פּאַרלאַמענטן, קאַבאַרעטן און פעלקער-בונדן... ער צעטרעט טורמעס, שלעסער, פעסטונגען, מעטשעטן, און פּאַלאַצן — — — און ווי דורך כּישוף דערשיינען אונטער זיינע טריט נייע שטעט, און וואָלקן-קראַצערס דערהויבן זיך מיט געוואַלטיקער קראַפט און פאָנען-געפלאַטער איבער דער ערד — ווי אַ שטורם זינגען אין הערצער באַגייסטערונג די אונטערדריקטע פון דער ערד, דאָס ליד פון זיג און פרייהייט.

אַנטווערפּן — די שטאָט פון פאַנטאַזיאָרן

די פליען נידריק, זיי פליען הויך, די ווייסע, דיקע מעוועס. איבער דעם רוישיקן וואַסער, נעבן די שיפן און אין קאַלטן, פּראָסטיקן ווינט שוועבן זיי אַרום — די ווייסע פייגל פון ים, וואָס קענען נישט קיין רו, באַגלייטן יעדע שיף ווייט אין איר וועג און קומען צוריק און וואַנדערן אומענדלעך איבער די רוישנדיקע כוואַליעס פון ים.

וויל מען זיי זען — נעמט מען דעם פּראָם, און אָט זענט איר ביים אַנטווערפּנער פּאָרט אין צען מינוט אַרום. דאָ שטייען פאַרשיידענע שיפן, וואָס שווימען קיין קאָנגאָ, אַמעריקע און אַנדערע לענדער.

היינט איז אַ קאַלטער טאָג. איך שטיי ביים פּאָרט, באַטראַכט פון איין זייט דאָס אַלטע „סטיין־מוזעום", וואָס עסט זיך איין אין דר'ערד — און היט די שעלדע. פון דער צווייטער זייט דאָס וואַסער, אויפן וואַסער קליינע מאָטאָר־שיפלעך, מאַטראָזן — און איבער אַלץ פליען אַרום די ווייסע פייגל.

איך פרעג ביי אַ מאַטראָז, צי עסט מען די דאָזיקע פייגל. ער ווערט אין כעס, כאָטש גרייט מיך צו שלאָגן. — וואָס? עסן? ווי שרעקלעך דאָס איז!

און דער אַלטער מאַטראָז דערציילט מיר, אַריינגייענדיק מיט מיר אין אַ קאַפע ביים האַפן און טרינקנדיק ביר — וועגן די דאָזיקע פייגל. די מאַטראָזן איז שטרענג פאַרווערט זיי צו שיסן. ער אַליין וואַנדערט שוין פופצן יאָר צייט איבער די ווייטע ימען. ער האָט דורכגעמאַכט אַלע לענדער פון ערד־קוגל, ער האָט געמאַכט צאָלרייכע רייזעס דורכן עקוואַטאָר, ער האָט אין ים באַגראָבן שוין פיל חברים — און איצט, אַ קראַנקער, מיט פאַרברענטע האַרץ און לונגען פון טרינקען — געפינט ער זיך דאָ אין אַנטווערפּן. דאָ קענען אים אַלע אַלס ענגלענדער. באַקומט ער שטיצע פון זיין ענגלישן מאַטראָזן־פאַרבאַנד. דאָך — ער קען נישט איינזיצן אין זיין וואַרעמער שטוב. נישט

קענענדיק פאָרן אויפן ים, קומט ער יעדן טאָג צו דער שעלדע, צו דעם קאַנאַל, וואָס פאַרבינדט מיטן ים — און דאָ שטייט ער שעהן-לאַנג, קוקנדיק אויף די כוואַליעס און בענקנדיק צום ווייטן בלויען ים מיט די בלוטיק-רויטע זון-פאַרגאַנגען, געהיימניספולן רוישן פון ים-בויך אין די נעכט — און נאָר די ווייסע פייגל דערמאָנען דעם אַלטן מאַטראָז פון זיין צויבערלעכער היימאַט, און — ווי וויסנדיק דאָס, פליען זיי נאָענט נעבן אים, באַרירן זיינע צעפלאָשעטע האָר און טראָגן זיין האַרץ צו כוואַליעס און צו שטורם.

עס איז געווען אויפן רויטן ים. זייער שיף מיט אַ פילראַסיקער מאַנשאַפט האָט זיך געטראָגן קיין אינדיע. עס איז געווען אַ וווּנדער-לעכער פרימאָרגן. פון ערגעץ, פון אַן אינזל איז דערשינען אַ בלוט-רויטע זון און פאַרוואַנדלט דעם ים אין רויטע שימערירנדיקע פערל. דער אינזל האָט אויסגעזען, ווי אַ פון לבנה באַלויכטענע, רויטע בלום, וואָס פון איר שויס שפּראָצט אַרויס אַ נאָך-גרעסערע פלאַמען-בלום.

די כוואַליעס האָבן, ווי שלאַנגען, זיך געוואָרפן און פאַרזונקען מיט גאָלד אויף די נאַקנס אין ים, און הויך, איבער דער שיף האָבן זיך געטראָגן אַ מחנה ווייסע מעוועס, געגילדעט פון דער זון.

אַלץ איז געווען רויִק און שטיל. פּלוצלינג האָט עמעץ פון די מאַטראָזן אויסגעשאָסן אין דער מעווע-מחנה, און מיט אַ מאָדנעם קוויטש, ווי עפּעס אַ קללה, איז געפאַלן אויפן ראַנד פון אַ שיף אַ קליינע האַרטע מעווע. די מענטשן זענען שנעל צו, אויפגעהויבן דעם פאַרבלוטיקטן פויגל — און זייערע פינגער זענען רויט געוואָרן פון וואַרעמען בלוט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דעם קליינעם האַרץ פון דער קליינער טויטער מעווע.

פּלוצלינג זענען די ווילד-שרייענדיקע מעוועס צו צום מאַטראָז, וואָס האָט דערשאָסן די מעווע און האָט זי איצט אַ טויטע געהאַלטן אין דער האַנט. ווי אַ שרעקלעכע האַנט, האָבן זיי אַלע אויסגעצויגן די לאַנגע שנאָבלען צו זיינע פינגער, און זיי פאַרבלוטיקנדיק, האָבן זיי אַרויסגעריסן זייער טויט קינד פון זיינע הענט. עס אָפּגעלאָזט אין ים אַריין מיט שוידערלעכע קוויטשערייען, געמאַכט נאָך עטלעכע קרייזן אַרום דער שיף — און פאַרשווּנדן צווישן די גרויע קוסטעס פון ים, וואָס האָבן איצט אין שיין פון דער זון, אַרויסגעשטעקט די רוּינען פון רויטע שלעסער — אָדער ווי געוואַלטיקע קעפּ פון פאַר-היסטאָרישע חיות.

די שיף איז זיך ווייטער געגאַנגען רויִק אויפֿן ים. די מענטשן האָבן גערויכערט, זיך דערציילט ים-געשיכטעס און געלאַכט פֿון פֿאַר-נאַגראַפֿישע וויצן. די זון איז לאַנגזאַם פֿאַרגאַנגען, איינהילנדיק אין זיידענע, רויטע וואָלן דעם ריזיקן ים. דעלפֿינען האָבן אָפּט אַרויס-געשטעקט זייערע קעפּ, ווי וועלנדיק זען דעם זון-פֿאַרגאַנג. זייערע גרינע אויגן האָבן געגלאַנצט, ווי פֿייערדיקע שמאַראַגדן. פֿון דער-ווייטנס זענען דורכגעשווומען אינזלען, ריזיקע פֿעלזן, שטיקער רויטע וואָלקנס, ווי אַ קעניגין וואָלט ערגעץ-ווו געזעסן און צעריסן שטיקער פֿון איר זיידענעם קלייד און געלאָזט די זיידן-שטיקער מיטן ווינט איבער די הימלען שוועבן.

ווי אַ געוואַלטיקער פֿיש איז זייער ענגלישע שיף אונטערן נאָמען „רישאַרד דער צווייטער" געשווומען אין ים — און אַלץ וואָלט דורכ-געגאַנגען בשלום, ווען נישט טאַקע דער פֿאַל מיט דער טויטער מעווע.

דאָ האָט זיך מיין ענגלישער מאַטראָז אָנגעבלאָזן, אויסגעטרונקען ווידער אַ „באַקסקע", זיינע אויגן האָבן באַקומען אַ געהיימניספֿולן גלאַנץ און קוקנדיק אויף מיר, ווי אויף אַ יינגל, וואָס ווייסט זייער ווייניק וועגן דער געפֿאַר פֿון ים-סיורפּריזן, האָט ער פֿאָרגעזעצט זיין מעוון-געשיכטע.

— פֿאַרנאַכט, ווען די זון איז שוין געווען פֿאַרזונקען אין ים, זענען פּלוצלינג אָנגעקומען אַ מחנה מעוועס מיט אַ ווילד געקווי-טשעריי, זיי האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. און ווי איין ריזיק באַשע-פֿעניש האָבן זיי מיט שווידערלעכע קולות, נידריק פֿליענדיק איבער דער שיף, אויסגעשריגן עפּעס אַ מאָדנעם שפּרוך — און ווידער פֿאַר-שווונדן אין דער טונקעלער ווייטקייט, ווו די נאַכט האָט זיי איינגעשלונגען.

ווידער איז די שיף רויִק געשווומען, ביז — ביז ס'האָבן זיך באַ-וויזן אויפֿן צפֿון-הימל שוואַרצע כמאַרעס. ווי טויטע ריזיקע באַשעפֿענישן. עס איז געווען אַ מאָדנע בילד: פֿון איין זייט, ווו די זון איז נאָר-וואָס פֿאַרגאַנגען, האָט געפֿלאַמט דער הימל, ווי אַ רויטער ריזיקער פֿלאַמען-שייטער — און באַלד האָט זיך עס פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿייער-דיקער שיף מיט הויכע רויטע זעגלען, וואָס טראָגן זיך מיט אַ געוואַל-דיקער קראַפֿט אין הימל אַריין. פֿון דער צווייטער זייט זענען אָנגעקומען געוואַלטיקע שוואַרצע מחנות. ס'איז געוואָרן נאַכט, שטאַרק פֿינסטערע נאַכט, — די פֿלאַמען פֿון דער צווייטער זייט הימל האָבן זיך איינ-

ציקווייז, ווי די רויטע שלפסער, אויסגעלאָשן און באַלד איז דער הימל געווען שוואַרץ, ווי אַ געוואַלטיקע נאַכט.

אין דער דאָזיקער געדיכטעניש האָט, ווי אַ וואָלקן, ווי אַ ריזיקע געשטאַלט מיט קאָלאָסאַלע ברייטע הענט, אַרומגענומען דעם ים — און שוין האָבן זיך געהערט די דונערן פון אַן אָנקומענדיקן טייפון...

דער ים האָט אָנגעהויבן קאָכן און שטורמען. כוואַליעס, ווי געוואַלטיקע שוואַרצע מויערן, האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער הויך און מיט אַ ווילדער פליוסקערײ זיך צעפאַלן צוריק אין ים. וואָלקנס, שטורעמס און עפּעס אַ דעמאָגישע לוסט האָבן זיך אויסגעמישט אין איין מעכטיקן קנויל אין אַ נאָרמאַל גרויזאַמען קערפּער און געריסן פון זיך שטיקער צוזאַמען מיטן געקוויטשערײ פון די כוואַליעס. מיטן ברומען פון קאָלאָסאַלן שטורעם, מיטן ווילדן רעווען פון די וואָלקנס און דעם געשרײ פון די מענטשן אויף דער שיף—האָט עס געקלונגען, ווי אַ שרעקלעכער גייסט וואָלט ערגעץ-ווו געזעסן אויף אַ פעלזן-אינזל און געלאַכט זיין טייוולאָנישן געלעכטער! עס איז געווען דאָס געלעכטער פון נאַטור-משוגענע כוחות, וואָס באַפרייען זיך פון זייערע קייטן און טוען מיט דער גאַנצער גיגאַנטישער קראַפט און תאווה אַ הוליע אויס זייער פרייד פון ליידנשאַפט און דערפילונג. דער הימל איז געווען איין שטיק שוואַרצער טוך—און פון צווישן די זיך-שפּאַלטנדיקע כוואַליעס און וואָלקנס און ווינט האָט אַרויסגעקוקט פון ים עפּעס אַ שרעקלעך גרויס, ווילד, ציניש-לאַכנדיק געזיכט, ווי אָנגעשמירט מיט שוואַרצער גלאַנצנדיקער סאַזשע, און עפנענדיק ברייט דאָס מויל מיט אַ ווילד געלעכטער — דאָס איז געווען דאָס געזיכט פון משוגע-נעם ים-טייפון.

אין מיטן פון דעם דאָזיקן ים-און וואָלקן-קנויל האָט זיך ווי אַ קליינער פיש געוואָרפן די שיף. אין גערויש פון טייפון האָט מען געהערט די שוואַכע קולות פון די ווילד-פאַרסאַפּעטע און דערשראָקענע מאַטראָזן, וואָס האָבן מיט אַלע כוחות אויסגעפּלומפּעוועט דאָס וואַסער.

פלוצלינג האָט עפּעס אַ קראַפט אַ מעכטיקן שטויס געטון די שיף — זי האָט זיך אַ וואַקל געטון און ווי דער גאַנצער ים וואָלט אַ פלייץ געטון אויף איר, איז זי פול געוואָרן מיט וואַסער. דאָס וואַכער האָט זיך איינגעגעסן אין די אויגן, אין מויל איז ביטער גע-וואָרן — און עפּעס אַ קאַלטע האַנט פון ים אַליין האָט זי אָנגענומען און פאַרטראָגן ווייט, ווייט אין ים. — — — — — — — — — — —

עס האָט שוין געמוזט זיין שפּעטער טאָג, אין מיטן הימל, איז געשטאַנען אַ הייסע זון: אַרום איז געווען עפּעס אַ רויטער שטיין, און פון זיינע שפּאַלטן האָבן געשפּראָצט מאָקער-גרינע גראַזעלעך און ערטערווייז אויך רויטע בלומען; דער ים איז געווען שטיל, רויִק און ווי אַ שפּיגל גלייך. קליינע כוואַליעס האָבן צערטלעך געשפּילט זייער אייביק אַנטשטיין און פאַרגיין; אַליין איז ער געלעגן אויפן אינזל; אויף אַ מהלך פון צען מעטער זענען געלעגן עטלעכע טויטע, נאַקעטע קערפּערס פון מענטשן, צווישן זיי דער קערפּער פון אַ הונט — און איבער זייערע בייכער האָבן שוואַרצע ראָבן געפּיקט, זיך אויפגעהויבן מיט אַ ווילד קוואַקעריי, זיך ווידער נידעריק אַראָפּגעלאָזט, אַרומפליענדיק איבער די טויטע קערפּערס, ווי זיך פרייענדיק מיט זייער רויב — און דאַן זיך ווידער איינגראַבלענדיק מיט די שוואַרצע קרומע שנאָבלען אין די בייכער פון די מענטשן, צייטנווייז אַ שלעפּ אַרויסגעגעבן אַ רויטע פאַרבלוטיקטע קישקע — זי אויפגעהויבן, ווי אַ רויט קרענצל פּערל, אָדער אַ פּלייט איבערן ים-הויך — און דאַן זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט.

ער האָט נישט געקענט דערקענען, ווער די דאָזיקע מענטשן זענען, דען זייערע פּנימער זענען געווען שרעקלעך צעגריזשעט, די אויגן אויסגעפּיקט, די ליפּן אָפּגעריסן און די באַקן אויפגעפרעסן; בלויז מיט טויטע אויגן-לעכער האָבן זיי געבליקט אין הימל אַריין, ווי זוכנדיק עמעצן...

מיין מאַטראָז האָט שווער אָפּגעאָטעמט, פון היץ האָבן זיך טראָפּנס שווייס געגאָסן איבער זיין שטערן. און דאַן איז ער אײַנגעאַנצן שטום געבליבן, ווי מורא האָבנדיק ווייטער צו רעדן...

איך האָב אים געפרעגט, וואָס איז ווייטער געשען.

— נו, האָט ער אָנגעהויבן, איר פאַרשטייט שוין אַליין; אין זעלבן טאָג איז אַ פראַנצויזישע פּאַסאַזשיר-שיף דורכגעשוואומען פאַרביי דעם אינזל. מיט אַלע כּוחות בין איך אַרויפגעקראָכן אויפן שפּיץ אינזל, געפּאָכעט מיט דער נאַקעטער האַנט — און ענדלעך האָט די שיף אַראָפּגעלאָזט אַ רעטונג-שיפל און מיך אויפגענומען.

אויף דער שיף האָט ער דערציילט זיין געשיכטע. און דאָ האָט ער ערשט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זיין שיף איז שוין ערגעץ אַ צעבראָכענע אויפן גרונט פון ים און זיינע פריינט, צווישן זיי דער זיבעציק

יאָריקער קאַפּיטאַן, וואָס האָט געקענט דעם ים, ווי זיין פּרויס שלאָפ־צימער, זענען אַלע אומגעקומען מיט אַ שרעקלעכן טויט...

— פאַרוואָס טאַקע, פרעג איך אים מיט גייגיריקייט.

— נו, דערפאַר ווייל מיין פריינט האָט געשאָסן איינע פון די מעוועס. זיי האָבן נקמה גענומען — נאָך אין זעלבן טאָג. מיט זיי טאָר מען נישט מאַכן קיין קונצן; אָ, מיין הער, מיט זיי איז געפערלעך צו שפּאַסן...

שוין אַ שיכורן האָב איך אים פאַרלאָזט דעם אַלטן עלנטן מאַט־ראָז. ערגעץ ווייט אין ים ליגן נאָך אפשר די סקעלעטן פון זיינע פריינט, און דער סקעלעט פון דער שיף רוט נאָך אויפן גרונט פון ים. דאָ, אין אַנטווערפּנער האַפן גייט ער אַרום אין די קליינע, שמאָלע געסלעך און טראָגט מיט זיך מיט די שרעק פאַר די ווייסע אומ־שולדיקע מעוועס — און אין זיין ברוסט טראָגט ער די לעצטע טעג צום לעבן, וואָס זענען אים נאָך געבליבן, ביז דער נישט שטורמישער טויט וועט אים איינשלעפערן...

איך שטיי ווידער ביים וואַסער. זיי פליען נידעריק, זיי פליען הויך — די ווייסע מעוועס מיט די רויטע שנאָבלען. האָבן זיי די דאָזיקע שנאָבלען געשטעקט אין די הערצער פון די פאַרשאָלטענע מאַטראָזן — אָדער האָבן זיי אַמאָל אויפן ים געפּיקט אַ ריזיקע רויטע זון, ווען זי איז פאַרגאַנגען און אַ קראַנקע געשווומען אין ים?.. ווער ווייסט...

זיי פליען הויך — און אָט נידעריקער. זיי שטעלן זיך ביי מיר אויף דער באַנק, זיי קווטשען הייזעריק — און טראָצדעם, וואָס זיי זענען אַזעלכע בייזע, האָב איך זיי ליב, און בין איך מעלאַנכאָליש געשטימט, און איז מיר דערווידער די שטאָט מיט דעם רייכן לוקסוס, אויטאָמאָבילן־שטויב און פערפומירטע דאַמעס, וואָס זעען אויס, ווי כינעזישע מאַנעקינס — גיי איך אַראָפּ צום האַפן, קום צו מיינע גע־ליבטע ווייסע מעוועס און הער זיך צו צו זייערע שעפּטשערייען, קווי־טשערייען און נעמען אויסרופן. דערציילן זיי געשיכטעס פאַנטאַסטישע אָדער בלויז פאַר מיר, אָרעמען מענטש, פאַנטאַסטישע? רופן זיי ביי די נעמען די דערטרונקענע מאַטראָזן? ווער ווייסט...

אינעווייניק אין קאַפּע, זיצט נאָך דער מאַטראָז. אַ פרוי בויגט זיך איבער אים, נעמט אַרום מיט אירע הענט זיין האַלז און קושט אים מעכאַניש, מיט טרוקענע קאַלטע ליפּן. דאָך ער — אויך ער

טראַכט שיפורערהייט וועגן די מעוועס, וועגן זיינע פּריינט, וועגן דער
שיף, וואָס ליגט ווי אַ ריזיקע חיה אין ים.

און אַנטווערפּן רוישט און ליאַרעמט ווייטער, נישט ווייט, ווו
עס פליען אום מיט געפּילדער די מעוועס, גייען אום פאַרשידנפאַר·
ביקע מיַנטשן. דער אַלזשיריאַנער פאַרקויפט זיינע ווונדערלעך·פאַרביקע
דיוואַנען און דער אָטעם פון אָריענט טראָגט זיך פון זיינע אָריגינעלע
טראַכטן פון הינדוסן, סיריער, מאַראָקאַנער און כינעזער.

דאָס פענסטער פון דעם „הויז פון ליבע" איז מיט רויטע פאָר·
האַנגען פאַרשטעלט, און פון צווישן די שפּאַלטן קוקן אַרויס געשמינקטע
פרויען·אויגן. די גאַסן פון ליידנשאַפט און ליבע לעבן אויף, ווי אַ
פאַרביקער מיראַזש...

אָבער אַנטווערפּן איז נישט בלויז פאַרביק און רייך אין פאַנ·
טאַזיע אין די טעג פון קאַרנאַוואַל. ניין, אין די פּראָסטע אָוונטן פון
וואָך קומסטו אַהער און אייביק הערסטו דאָס שיפורע געלעכטער פון
מאַטראָזן און פּראָסטיטוטקעס. שטענדיק קלינגט דיר אין אויער דאָס
הייזעריקע רופן פון די פּראָסטיטוטקעס, וואָס פאַרקויפן זיך שוין יאָרן
לאַנג צו די נעגערס פון אַפריקע, צו די זולוסן פון אויסטראַליען און
צו די ווייסע מענטשן. זיי רופן מיט הייזעריקע קולות און קוקן בעת
מעשה אין שפּיגל פון שאַנק אָדער טאַנצן אונטער די קלאַנגען פון
גראַמאָפאָן אין זייערע קליינע שטיבלעך, ווו הויפּטזעכלעך וואַרפן זיך
אין די אויגן די הויכע ווייסע קרוגן, די גרויסע שיין·צוגעדעקטע
בעטן און דאָס רויטע מעלאַנכאָליש ליידנשאַפטלעכע ליכט.

אָט איז די „שיפער·קוואַרטיר". אַקעגן ביים האַפן, ווו מען
הערט אַלע שפּראַכן אין דער וועלט. דאָ געפינען זיך גריכישע קנייפּעס
מיט זייערע טערקישע פרויען. די נעמען פון די דאָזיקע קאַפייען זענען
אין גריכיש, און גייט מען אַריין אינעווייניק, איז עס אַ קאַליידאָכּ·
קאָפּ פון פאַרשידענע מענטשן. אין איינעם פון די דאָזיקע קאַפייען
געפינט זיך אַ סמירנערין. דאָס איז אַ יידיש מיידל, פון סמירנאַ.
עטלעכע און צוואָנציק יאָר אַלט. זי גייט געקליידט בוכשטעבלעך אין גאָלד
און איידלשטיינער. אירע שוואַרצע האָר גלאַנצן מיט גילדערנע און
בריליאַנטענע בראָשקעס, אומגעהילט מיט אַ רויטן פייערדיקן באַנד.
זי איז מיטלוווקסיק, פאַרמאָגט איינעם פון יענע אָריענטאַלישע שמייכלען,
וואָס קאָנען גוט מאַכן די לעצטע מינוטן פון אַ מענטש, ווען ער

שטאַרבט — באַשיינט אים איר געזיכט: ס'איז אַ גריכיש-יידישער שמייכל; זי איז צו אַלעמען העפלעך — און איך קען אַ היגן גאָלדשמיד, וואָס זייענדיק פאַרליבט אין איר, האָט ער וואָכנלאַנג געאַרבעט אַ בראָשקע פאַר איר. אָבער די סמירנערין שמייכלט מיט איר זיס-צערטלעכן שמייכל נישט בלויז צום גאָלדשמיד, נאָר אויך צום גריכישן אַפּאַש, אין וועמענס אויגן-לעכער עס ליגן מיט אַ קאַלטן גלאַנץ צוויי שוואַרצע אויגן-קינזשאַלן. זי גלעט מיט איין האַנט זיין שוואַרצע טשופּרינע. ווו יעדער האָר איז שיכור פון ווײַן און אַוואַנטורע — און מיט דער צווייטער האַנט גיט זי אים דאָס פאַרדינטע געלט... דאָך — איינמאָל האָט זי דער גריך באַגנבעט, אַראָפּגענומען פון איר פאַרשיכורטן האַלב-טויטן קערפּער דאָס צירונג פון פאַרביקע שמאַראַגדן און שימערירנדע איידל-שטיינער, זי גוט אָנגעשלאָגן — און אַלס אָנדענק איר אָפּגעשניטן די שוואַרצע שיינע האָר פון קאָפּ..

דאָך האָט די סמירנערין בלויז פאַרלוירן איר צירונג. דאָס גאָלד פון איר גריכישער שיינקייט מיטן יידישן שמייכל, די פּראַכט פון איר קערפּער און דעם שוואַרצן גלאַנץ פון אירע אויגן האָט זי נאָך נישט פאַרלוירן. דאָס אַלץ רויבן פון איר צו די נעגערס און גריכן, די ליבע צו איר פון די אַלזשירער. די ליידנשאַפט פון די עגיפּטער און פּערסיער פאַרוואַנדלט זיך באַלד אויף איר לייב אין גאָלד און אין שמאַראַגדן, און ווידער שמייכלט פּרעכטיק דאָס סמירנער קינד, וואָס איז געקומען קיין אייראָפּע, אין קליינעם קאַבאַרעט פון אַנטווערפּענער פּאָרט, באַגליקן די בענקענדיקע מאַטראָזן מיטן גאָלד און מיט דעם פייער פון איר דעמאָנישן קערפּער, וואָס איז שלאַנק און דין ווי דער קינזשאַל פון איר גריך-אַפּאַש, אָדער ווי דער בראַסלעט וואָס וויקלט זיך געהאָרכזאַם אַרום איר האַלז...

די מוזיק שפּילט. דער פּויק און די פלייט און די פידל וואַרפן אַרויס אין דער לופט פאַרביקע שלאַנגען-טענער, וואָס הענגען זיך אָן אויף יעדן מענטש און קושן דאָס האַרץ פון זיין האַרץ — און אינ-מיטן פון וועלט-היסטאָרישע געשעענישן, אינמיטן פון שטורעם און קאַמפן שענקט אַ קליינע סמירנערין פאַר פאַפּירן גאָלד דאָס שענערע גאָלד פון אירע קינדערישע ברוסטן...

* * *

צווישן די פלעמישע עסטאַמינעס געפינען זיך אויך סקאַנדינאַווישע קאַפייען, און דאָ זעט מען די קאַלטע סקאַנדינאַווער, וואָס קומען פון די נאָרדישע לענדער, ווו די בערג זענען באַקרוינט מיטן אייביקן אייז און אומשטערבלעכע שנייען, זיי קומען דאָ זוכן פייער אָדער בלויז וואַרעמקייט ביי די אייראָפעיִשע קינדער פון פרויען געשלעכט. צווישן די קליינע כינעזער און יאַפּאַנער וואַרפן זיי זיך אין די אויגן ווי ריזן מיט גוואַלטיקע גופים מיט ברייטע פלייצעס און געזיכטער, ענלעך צו סלאַווישע טיפּן. זיי זענען אַרויס און מיט ריזיקע טריט שלייכן זיי אום אין די געסלעך פון פּאָרט. דערמאָנען זיי דען נישט די אַמאָליקע שטאָלצע „וויקינגס", פאַר וועמען אייראָפּע האָט געציטערט? דערמאָנען זיי נישט דאָס פאָלק פון סקאַנדינאַוויִע, וואָס האָט אַמאָל געטרוימט וועגן גוואַלטיקע געטער, וועמענס הענטשקעס זענען גרויס ווי ריזיקע שלעסער, ווו עס ווױנען קלענערע געטער?... דערמאָנען זיי נישט געצנדינער, וואָס האָבן אין שוידער פון ים־שטורם דערהערט די שטים פון דעם בייזן גאָט, די שטים פון קאָסמאָס, די שטים פון אייביקייט?...

ביי איינעם פון די נאָרוועגישע קאַפייען זע איך אַ הויכן נאָרווערגער, די האָר צעפלאָשעט, ווי ביי אַ געהאָנגענעם באַנדיט דורכן ווינט, די אויגן גלאַנצן און נעבן אים זשוליעט, אַ יונגע פלעמישע דינסט, וואָס די אַרבעט איז איר פאַרמיאוסט געוואָרן, און ווי עס ווייזט אויס, געפעלט איר בעסער דאָס לייכטע לעבן מיט דער רויטער שיין... זי שטייט ציטערנדיק אין רעגן נעבן איר הויכן ריזן־נאָרווערגער. זיין ברוסט אָטעמט מיט פייער — און זי, די קליינע, ציטערט פאַר קעלט און שמייכלט...

פאַראַן דאָ אויך אַ קאַפע, ווו די אינהאַבערין מאַדאַם ק... איז אַ רוסיש־יידישע פרוי. דאָרט רעדט מען רוסיש. שבת נאָכמיטאָג קומען אַהער די יידישע יונגעלייט פון אַנטווערפּן, מען רעדט פויליש מיט די לאָדזשער מיידלעך, וועלכע זענען דאָ אָנגעשטעלט — און צווישן זיי וואַרפט זיך אין די אויגן אַ גוואַלטיק־הויכע ריזין, אַ פרוי מיט אַ ברייטן פאַרנעם — איז זי נישט איינע פון יענע אידעאַל־געשטאַלטן, פון וועלכע דער געניאַלער פראַנצויזישער פּאָעט שאַרל באָדלער האָט געטרוימט(?) אין זיין בוך „בלומען פון שלעכטס" געפינט זיך אַ ליד, ווו דער

אָפּיום-פאַרשיכורטער דיכטער טרוימט וועגן אַ ריזן-הויכער פרוי, ביי וועמענס ברוסט ער איז אַ קליין קינד און פון וועמענס ספינקסיש גרויסן קערפּער ער טרינקט פייערדיקע לוסט. באָדלער האָט נישט בלויז געטרוימט וועגן ריזינס. אויך וועגן קליינע צווערגן, פאַרשידענע קריפּלען, וועלכע געפינען זיך אַלע דאָ פאַרקערפּערט אין די פאַר-שידענע געשטאַלטן פון די דאָזיקע פרויען, וואָס זענען דאָ אָנגעשטעלט אין די גריכישע קאַפּייען... דאָך אויך ביי די דיקע אומעסטעטישע פלעמערינס געפינען זיך אין די קליינע שטיבלעך קליינע רויטע רויזן, וועלכע שטייען ביי די יוגנט-בילדלעך פון זייערע אייגנטימערינס... און אָפּטמאָל טוט אַ שפּיל אויך אין זייערע הערצער אַ סענטימענטאַל געפיל פון בענקען און אפשר אויך חרטה... זענען זיי דען נישט די פאַרדאָרבענע מענטשן-בלומען פון דער ערד? האָט זיי דען נישט אַ מוטער אַלס קליינע קינדער-מיידלעך געקושט? האָבן זיי דען נישט געליבט — אָדער ליבן זיי דען היינט אויך נישט? וואָס זענען זיי דען שולדיק, ווען דער, וועמענס ברוטאַליטעט זיי ליבן, שטעכט זיי אָפּט דורך מיט אַ קינזשאַל און נעמט צו ביי זיי די לעצטע פּאָר פראַנק?... ווען די שיינע און ערלעכע לאָזן זיך נישט ליבן — ליבן דאַן די דאָזיקע פאַרדאָרבענע בלומען ברוטאַלע אַפּאַשן!...

* * *

דער אַלזשירער פאַרקויפט דאָ אָריענטאַלישע דיוואַנען און פּער-סישע שאַלן. אין רעגנדיקע נעכט ביים האַפן פאָרן זיי זיך אויך דאָ מיט די שרייענדיקע פאַרבן פון שיינעם אָריענט. דאָ אין די פאַרביקע דיוואַנען טראָגט דער אַלזשירער מיט זיין לאַנד און זיין טרוים. ער קומט אַהיים ביינאַכט, לייגט זיך אַנידער אויף דער ערד, און ווען ער שלאָפט — שטייען אויף פון די מאַלערייען פון זיינע פּרעכטיקע טיכער, די פּרינצעסינס און פּרינצן פון אָריענט, ער זעט ווידער די גרויסע קראָקאָדילן און ער רויכערט די לאַנגע נאַרגילע מיט זיסן אָפּיום—קושט ער דען נישט די מיידלעך און קעניגינס פון זיינע דיוואַנען?

דער פּערסישער מאַטראָז וואַקלט זיך אַ שיכורער אין רעגן; אין טרויעריקן האַרבסט זינגט ער זיין מעלאַנכאָלישע מעלאָדיע פון דער וווּנדערבאַרער פּערסיע, וועמענס דיכטער הייסן טרינקען און זיך פרייען. — איז דער דאָזיקער קליינער שלאַנקער פּערסיער נישט דער

פערסישער דיכטער אַליין, האַפיס, וועלכער האָט שטאַרבנדיק באַפוילן אים טויטערהייט אַריינצוּוואַרפן אין אַ קעלער פול מיט וויין, זיין קערפּער זאָל טרינקען און זיך אָנשיכּורן מיטן רויטן וויין פון פאַס? צו וואָס דען פוילן און צעפאַלן, ווען מען קען טויטערהייט אויך וויין טרינקען?...

אָט גייט אַ גרופּע הינדוסן. שוואַרצע, אויסגעמאָגערטע יינגלעך מיט גלאַנציקע אויגן און ווי שלאַנגען-דינע גופים, זיי רעדן זייער שנעל אַ קלאַנגפולע שפּראַך און טשעפּן די פרויען פון די געסלעך. אָט זענען די מענטשן פון דעם לאַנד, וועמענס וווּנדערבאַרער נביא בודא פאַרהערלעכט דעם טויט, וועלכער איז דערגאַנגען צו דער העכסטער פאַרנונפט: די פּיין איז אין לעבן. אין טויט איז די אומ-שטערבלעכע רויקייט, דאָס גלייכזיין צו די געטער, די אייביקייט פון נירוואַנאַ, פון דער שמערצלאָזער נישט-זייענדיקייט...

און אָט זענען קאָנגאָנעזער. דאָס פאָלק, וואָס האָט מיט אַ יאָר צוריק רעוואָלטירט קעגן דעם בעלגישן אימפּעריאַליזם. זיי קומען פון דעם לאַנד, ווו מאַסן נעגערס שטאַרבן פון קראַנקהייט און שלעכטע אַרבעטס-באַדינגונגען, זיי זענען ריזיק-גרויס און דאָך צאַרט ווי קינדער. ס'איז ליגן, אַז זיי שענדן ווייסע פרויען! ס'איז ליגן! זיי האָבן ליב די ווייסע פרויען, און דערפאַר ברענגען זיי די דאָזיקע פרויען סיפיליס און טויט. מיט געווער און אַרמייען און קליידונג ברענגט זיי דער ווייסער מיט פּראָסטיטוציע און סיפיליס. און רעוואָלטירן זיי — האָט דער ווייסער מענטש קעגן זיי מיטראַליעזן און קוילנוואַרפער...

קליין זענען די כינעזישע יינגלעך. דאָך וויפל באַגייסטערונג מוזן זיי האָבן, אום צו מאַכן רעוואָלוציעס און צו שטאַרבן אַזוי העלדיש, הענגענדיק נאָכן טויט אויף הויכע תליות אָדער מיט די צעפּ צוגעבונדן צו די סלופּעס, ווערנדיק דערוואָרגן דורך הילצערנע ווערג-מאַשינען...

זיי זענען קליין, די כינעזישע יינגלעך, וועמענס לאַנד איז רויִנירט און דאָס פויערטום פאַראָרעמט אַזוי, אַז מען קאָכט קליינע קינדער צום מאָלצייט. דאָך וואָס פאַרא באַגייסטערונג מוזן זיי האָבן, ווען תליות און ווערג-מאַשינען שטילן זיי נישט איין?!

אָט אַזוי זעט אויס אַנטווערפּן אין פּאַרט. אַ קאַליידאָסקאָפּ פון טיפּן; יעדער איינער פאַר זיך איז אַ וועלט מיט טראַגעדיעס און קליינע פריידן.

איצט איז האַרבסט. אויפן פּאָן פון רויטן האַרבסט זע איך זיי,

די טרויעריקע נעגערס פון אַפריקע און קאָנגאָ, די שמאָלע פּערסיאַנער און די דיוואַנען-פּאַרקויפער פון אַלזשיר, די קליינע סמירנעריןן, וואָס איז די קעניגין פון ראַפינירטער זינד, און דאָך ענלעך צו אַ נאַיִוו קליין קינד מיט רויטע גאָלדענע לאָקן... דאָ זעט מען דעם הויכן שווער און דעם קליינעם כינעזער. אַלע האָבן גאַנץ רויטע הערצער און אַלע זענען אָרעם. איבער די אומענדלעכע אָקעאַנען, דורך שטורעמס און טייפונס טראָגן זיי זיך אום, די מאַטראָזן פון ים; טייל קומען אין פאַרשידענע פּאָרטן און פאַרווײַלן שעהן פון זייער לעבן ביי די פּראָסטיטוטקעס פון פאַרשידענע פעלקער. אָבער די שיפן, וואָס זענען פאַראַנקערט אין האַפן, רופן זיי דאָך אַלע צוריק, ווען קיין סאָ-מאַטראָ, אַפריקע, ניי-זעעלאַנד — און ווען קיין אינדיע, בענגאַליע, אָדער קיין סקאַנדינאַוויע...

טייל שטאַרבן ערגעץ אין האַפנס. אין קליינע שטיבלעך, נעבן קערפּער פון אַ זייער פאַרדאָרבן קינד, טייל שטאַרבן אין זייער לאַנד, וואָס געהערט צו אַ פרעמדן אימפּעריאַליזם — אָדער ווערט אונ-טערדריקט פון דער אייגענער בורזשואַזיע — און אַ טייל שטאַרבן אויפן ים; דאַן ווערן זייערע קערפּערס אַריינגעוואָרפן אין שטורמישן ים און אויף זיין גרונט ליגנדיק, שפּילן בלומען און קאָראַלן לידער אויף זייערע סקעלעטן...

די נעגערין פון „סאַקרי-קער"

מאָנמאַרטר האָט אַ שיכּור-צאַרטער דיכטער געדיכטעט; יאָ, אַ שיכּורער דיכטער האָט אויסגעטרוימט די דאָזיקע טרויעריקע קליינע שטאָט; אירע איינוווינער זענען די מאַנעקענס פון זיין טרוים — און איצט, ווען דער דיכטער ליגט ערגעץ-ווו שוין טויט אויף איינער פון די מאַנסאַרדעס פון מאָנמאַרטר, לעבן די איינוווינער און באַוועגן זיך, ליבן זיך און טרינקען רויטן ווייַן...

די קאַפייען זענען קליין און נידעריק, די טירן זייערע אין פאַרבן פאַרשמירט; די געסלעך שמאָלע און באַרגיקע און די קליינע שלעסער מיט שווערע אָנשפּאַר-מויערן פאַראַנקערט אין דער ערד; גייט די זון אונטער, ווערט אַזוי מעלאַנכאָליש און אומעטיק אויף מאָנמאַרטר; אַ בלויער נעפּל פאַלט אַראָפּ פון הימל, ווי דער וואַל פון אַ זיידענער קעניגין, און דעקט צו די מעלאַנכאָליע פון מאָנמאַרטר; איינציקווייז צינדן זיך די קאַבאַרעטן; די פייגעלעך פון די פענסטער, אין געלע און גרינע שטייגן, קלינגען אויס די לעצטע תּפילה, — די מאַלערס נעמען צוזאַמען זייערע ביישטידלעך און טראָגן אַהיים די מעלאַנכאָלישע בילדלעך; אין זייערע לאַנגע האָר דרימלט דער טויט, און אויף זייערע פּנימער—געהיימניספולע פּיבער-בלומען—שלאָפט דער קעניג טובערקולאָז...

מאָנטאַרטר, ווי אַ בית-עולם פון בעטלער, וואַכט אויף — און אין די קאַבאַרעטן דערשיינען אויף קליינע עסטראַדעס שאַנסאָנעטקעס אין קורץ-דורכזיכטיקע קליידלעך, זינגען פראַנצויזישע גאַסן-לידלעך; דיכטער דעקלאַמירן זייערע ווייַן-לידער און טויט-פּאָעמען; טענצערינס צעטאַנצן זייער לעצט ביסל אומעט אין דעם געדיכטן רויך — אָדער אַ טונקעלער פּאַקיר שטעכט שאַרפע קינזשאַלן אין זיין ברוסט, ציט זיי אַרויס פאַרבלוטיקטע און שטעכט זיי ווידער אַריין...

אין איינעם פון די קאַבאַרעטן פון דער דאָזיקער מעלאַנכאָליש-פאַרכשופטער שטאָט האָט געטאַנצט אַ יונגע נעגערין; איך האָב דורך

דעם פענסטער געזען איר שוואַרצע טיילאַנישע פיגור ציטערן און צאַפּלען אויף דער קליינער עסטראַדע — און אין מיין קעשענע האָבן געקלונגען עטלעכע פראַנצויזישע פראַנקן.

— פור וווּ? (פאַר אייך?) — פרעגט מיך דאָס שאַרמאַנטע מיידל. איך באַשטעל רויטן ווײַן — און שוין זיץ איך נעבן דער קליינער עסטראַדע; דאָס קאַפע איז האַלב פול מיט פאַרשידענע געסט, מיט אויסלענדער און מיטן פאָלק פון מאָנמאַרטר און פּאַריז.

זי טאַנצט נישט, נאָר זי בויגט זיך ווײַטיקפול און נערוועז, ווי אַ פאַרווונדעטע שלאַנג. דאָס ליכט שטעכט אירע שוואַרצע אויגן. איר מויל לאָזט אַרויס משוגענע קולות, — זי טאַנצט נישט, נאָר איר בויך באַוועגט זיך, ווי די געדערים וואָלטן זיך געדרייט אין אים מיט שמערץ, די מוזיק זשומזשעט שוידערלעך-ווילד — דאָך טאַנצט זי נישט, איר האָט בלויז דעם איינדרוק פונם ריטם פון איר שוואַרצן קערפּער, ווי אַ וואַלד וואָלט זיך באַוועגט. יאָ, אַ געדיכטער ריזיקער וואַלד האָט גענומען גיין, רעשן, מאַרשירן מיט טויזנטער בוימער איבער דער אויבערפלאַך — און אָט דערנענטערט ער זיך און העשעט און שרייט הייזעריק אַלץ ווילדער און ווילדער, ביז — ביז איר ווערט משוגע פון רויש און ליאַרם, ביז דער וואַלד שלינגט אייך איין, און אייער געהירן ווערן צעמאָלן...

דאָס קליינע נעגער-מיידל האָט ערגעץ אין אַ קנייפּע פון פאַרדאָרבענעם מאָנמאַרטר אויסגעדיכטעט מיט איר קערפּער די פּאָעמע פון דער אַפריקאַנישער ווילדעניש — און מיט אירע צאַרטע טונקעלע פיס אויסגעקלאַפּט דעם ריטם פון דעם גייענדיקן וואַלד און פון די אָרמייען נעגערס, וואָס מאַרשירן אין טרוים-זיג איבער אייראָפּעס ערד-שטרעקעס...

ווען די מוזיק האָט אויפגעהערט צו העשן, איז זי צו צו יעדן פון די געסט מיט אַ היטל. יעדער איינער האָט איר געשענקט אַ מטבע און אַ קאָמפּלימענט. אויך איך האָב אַרויסגעשטאַמלט „זשע סוּואַי אַנשאַנטעי" (איך בין אַנטציקט) און דערביי איר אַריינגעוואָרפן אַ מטבע. זי האָט אַ שמייכל געטון און פאַרשוווּנדן צווישן פּובליקום...

ווען נישט אָבער אַ קליינער צופאַל, וואָלט איך דאָס דאָזיקע נעגער-מיידל שוין מער נישט באַגעגנט, און זי וואָלט אַדורך אין מיין לעבן, ווי אַ שיינע דעראינערונג פון אַ טענצערין, אַ גייענדיקן וואַלד און אַ זיסן שוואַרצן שמייכל...

ווידער איז די זון ערגעץ פֿאַרגאַנגען היגטער פּאַריז. אָך, די „באַנאַלע״ זון, וואָס אַזוי פֿול פּאָעטן און אומגליקלעכע וואַגאַבונדן וואַרעמען אָן זייערע קראַנקע לונגען אין די וואַרעמע שטראַלן אירע! וויפֿל מאָל איז די דאָזיקע זון באַזונגען געוואָרן! דאָך ניין, זי איז נישט באַנאַל! אין יעדער אַנדערער סיטואַציע פֿונם היימלאָזן דערשיינט דער זון־אונטערגאַנג, ווי עפּעס צערטלעכס און היימישס, וואָס דערמאָנט אין היימלאַנד און יוגנט...

די זון פֿון די פּאַריזער טובערקולאָזע איז פֿאַרגאַנגען אין דער סען — און אויף מאָנמאַרטר האָבן ווידער די מאַלער גרייט געמאַכט זייערעביישטידלעך, כּדי אַהיימצוגיין אין די מאַנסאַרדעס; אינמיטן פֿון מאָנמאַרטר, ווי איר שימערירענדע קרוין, שטייט די קירכע „סאַקריי־קער״ (דאָס הייליקע האַרץ). דאָס איז אַ שיין־געבויטע ווייסע קירכע, וואָס שטייט אויף אַ באַרג. ווען מען שטייט אויף אירע טרעפּ, גייט אויף פֿאַר אונזערע אויגן די שטאָט, ווי אַ פֿאַרביקער מיראַזש פֿון טויזנט פֿייערן, און איבער דעם דאָזיקן ווונדערבאַרן עלעקטרי־און רעקלאַמען־צויבער ליגט, ווי אַ ריזיקע חיה, אַ שטומע נאַכט, וואָס טיילט אָפּ פּאַריז פֿון הימל, פֿון גאָט... דאָך ניין, אין הימל איז איצט אומעטיק. דאָרט וואַלגערן זיך אַרום די טויטע קערפּערס פֿון די מלאכים. הינט ליגן איינגענורעט אין די קאַלטע סקעלעטן פֿון די טויטע געטער, וואָס זענען, ווי די מענטשן, קראַנק געוואָרן, זיך געצעלטערט, און פֿאַר אומעט געשטאָרבן... אין הימל איז איצט אומעטיק און די נאַכט פֿאַרענדיקט דעם אומעט... דאָך די יונגע געטער, צוזאַמען מיט די רייכע פּעאָדאַלן פֿון די פּראַנצויזישע גיטער, דרייען זיך איצט אום אין פּאַריז. די נאַכט איז אינטערעסאַנטער אין דער גרויסער געהיימניספולער שטאָט. די געטער צוזאַמען מיט די קליינע צאַרטע פּראַנצויזישע מיידלעך ליגן איצט אין די קליינע אינטימע קעלערן פֿון מאָנמאַרטר, ווו פֿון בעכערס גילדערנע גיסן זיך אין רויטע מיילער רויטער וויין, ווי רויטע בלומען־שטענגלעך פֿליסנדיקע; די געטער איז אומעטיק אין הימל; אין פּאַריז זענען דאָ פֿון אַלע וועלט־טיילן קליינע געשמינקטע מיידלעך מיט זיסע שמייכלען, וואָס טאַנצן אויס אויף ווייניקע בעכערס די טענץ פֿון זייערע לענדער און דעם טאַנץ פֿון זינד...

ס׳איז אומעטיק; דער אָרימער וואַגאַבונד, וועמענס קעשענעס זענען ליידיק פֿון קלינגענדיקע מטבעות, מעג ער האָבן טויזנט זונען

אין זיין בוזעם — דרייט זיך דאָ אַרום איינזאַם און דענקט, ווז איבער-צושלאָפן אַ נאַכט... דער האָטעל „לבנה" איז צו הויך...

איך שטיי ביים אַריינגאַנג פון „סאַקרי קער". אויך מיין האַרץ איז הייליק און ריין פון זינד; מיין מויל האָט היינט נאָך נישט באַ-נעצט זיינע ליפּן מיטן רויטן וויין; אין מיין האַלז האָט דער גייסט פון וויין און שיכּרות נאָך נישט געזונגען זיין זיסע מעלאָדיע; איך שטיי אינעווייניק אין „סאַקרי קער"; היינט קומט דאָ פּאָר אַ רעלי-גיעזע פּראָצעסיע; רויִקע בירגער, וועמען ס'איז פרעמד דער קאָשמאַר פון וואַנזיניקע, גייען רויִק אין דער פּראָצעסיע, טראָגנדיק דעם צלם און שוואַרצע וואַקסענע ליכט. דאַן גייט דער כאָר פון יונגע יינגלעך מיט בלויע אויגן און מיידלעך אין שוואַרצן געקליידעט, מיט זעלטן איידעלע שמייכלען און זינדיק-באַגערנדיקע בליקן...

אין אַ גאַנץ פרעמדן ווינקל פון דער וועלט זינגען רויִקע מענטשן אויס זייער געטריישאַפט און שרעק צו אַ ווילד-פרעמדן פאַר מיר גאָט. קריסטוס הענגט אויף אַלע ווענט פון דער קירך, און די רויִקע פיליסטערישע בירגער מיט רויטע באַקן, גלאַנציקע אויגן און פליכט-וואַטע קעפּ לויבן אים..: שטום מאַרשירן די פעטע ווייבער ווי אויטאָ-מאַטיש זיך באַוועגנדיקע פליישׂ-שטיקער, וואָס זענען צעפלאַטשט, אָנ-פּאָרמיק און דיק...

— דאָך, וואָס זע איך? נעבן אַ יעזוס-סקולפּטורל, גאַנץ אָן אַ זייט פונם געבעט-הויז, זע איך אַ יונג שוואַרץ פּנים פון אַ צאַרט נעגער-מיידל. זי שטייט נעבן דעם אָרעמען קריסטוס — און אירע הענט זענען אין תּפילה צונויפגעלייגט און אויפגעהויבן קעגן אים. איר מויל שעפּטשעט עפּעס מאָדנע ווערטער — און אָט, אָט צעוויינט זי זיך...

איך גיי צו, באַריר איר נאַקן — און שוין רעד איך מיט איר. זי איז גליקלעך צו האָבן אַ רעליגיע, צו גלויבן אין גאָט; און די קליינע פאַנטאַסטישע נעגער-טענצערין איז פאַרליבט אינעם טרויעריקן ייד קריסטוס, וואָס הערט זיך צו אין אַלע קירכעס צו אירע רייד און טרייסט זי מיט זיין שטומען צער-פולן בליק פונם קרייץ אַראָפּ...

איך פרעג דאָס נעגער-מיידל, צי זי ווייסט נישט, ווו איך וואָלט געקענט שלאָפן, און די קליינע טענצערין נעמט מיך אָן פאַר דער האַנט, פירט מיך איבער די שמאָלע גאַסן פון מאַנמאַרטר צו אַ נידעריק הייזל, אָט בין איך שוין אין איר שטיבל. ס'איז נישט קיין מאַנסאַרדע

און נישט קיין קעלער. עס איז אַ קליין מיטל-שטיבל, וואָס זיין אויסזען איז מיר פרעמד...

ביי דער קריסטלעכער נעגער-טענצערין הענגען אויף די ווענט פּאָרנאָגראַפישע בילדער. דאָס האָט איר די שטאָט פּאַריז געשענקט — און צווישן זיי הענגט אַ גרויס בילד פון קריסטוסן אויפן קרייץ, און בלוט רינט פון זיינע ווונדן...

אין דער טונקלקייט זע איך צוויי בעטן און אַ וויגל. מען צינדט אָן אַ שוואַך לעמפל און איך דערזע אין בעט ליגן אַן אַלטע פרוי, אַ נעגערין, זי איז קראַנק און משוגע. איר קערפּער פוילט לעבעדי-קערהייט, און זי שעפּטשעט מאָדנע אומפאַרשטענדלעכע רייד. נעבן איר, אין ווינקל, האָט זיך איבערגעוועקט אַ קליין קינד, וועמענס געזיכט דערציילט פון דער ליבע פון אַ שוואַרצער מיט אַ ווייסן מאַן...

די אַלטע, איר מוטער, איז משוגע און סיפיליטיש. דאָס קינד איז קליין, שוואַך און דאַר. קריסטוס הענגט טרויעריק צווישן די נאַ-קעטע פרויען און וויינט. די טענצערין גרייט מיר צו אַן אָרעם, אָבער וווּנדערלעך-שיין און געטריי אָוונט-ברויט. דער טשייניק קאָכט, און אַ פּאָרע לויפט צום סופיט. דאָס קינד וויינט און רופט מיט די הענטלעך איר מוטער, די טענצערין, וואָס קושט עס און לאַכט...

איך עס אָוונט-ברויט. די אָרעמע טענצערין, וואָס ווילט יעדן טאָג אין אַנדערע קאַפייען דאָס פּובליקום, זיצט קעגנאיבער מיר מיטן קינד אויף דער שויס און דערציילט ווי איר מאַן, אַ פראַנצויז, איז אַריינגעפאַלן אין טורמע פאַר אַ גנבה; זיי האָבן אים געשלאָגן, די פּליקעס, און איצט זיצט ער דאָרט אויף לאַנג...

דאָס קינד וויינט, איך עס דאָס שוואַרצע ברויט און טרינק טיי, די מוטער פון קינד, נאָך קינדיש כמעט, זיצט נעבן מיר און גלעט מיט ליבע מיינע בלאָנדע האָר. איך דערצייל איר, אַז איך בין אַ ברודער פון דעם ייד, וואָס הענגט דאָ איבער דער וואַנט...

מיט אירע שוואַרצע ליפּן קושט זי מיין פּנים און זאָגט מיר, אַז ביז איר מאַן וועט צוריקקומען וועט סיי ווי איר מוטער שוין זיין טויט, אַזוי אַז זי שרעקט זיך נישט מיך צו קושן... אירע קושן זענען וואַרעם, און מיר איז ליבלעך-היימיש איר שטוב... אַ וואַגאַבונד אין פּאַריז האָט דורך אַ וווּנדערלעכן צופאַל געפונען אַ ליבע היים ביי אַ מיידל, וואָס אַלע פאַראַכטן איר פאָלק — דאָך אַלע ליבן אירע שלאַנקע פיסלעך און איר דינעם קערפּער. איר שמייכל איז שוואַרץ — דאָך זיסער

און געטרייער, ווי ביי פיל ווייסע פרויען... זי שמירט מיר פוטער מיט ברויט; איך טרינק טיי, טוליע זיך אין דעם שוואַכן ליכט צו איר קערפער, און אַ צעבראָכענער, קראַנקער און מעלאַנכאָלישער טרוים איך אויף דער וואָר: כ'וועל איין ליבע נאַכט אין מיין לעבן פאַרברענגען ביי אַ צאַרט מיידל, וואָס גיט מיר טיי, גיט מיר איר בעט, איר שטוב. איר קליינעם גוף, און די וואַרעמקייט פון אירע ליפּן, וואָס קושן און פאַרברענען מיך פון ליידנשאַפט...

דאָך אָרעמער! דער גורל איז נישט אַזוי גוט צו דיר! אפילו דאָס זעלטענע פאַרגעניגן פון געניסן צערטלעכקייט גיט עס דיר נישט!...

ווען עס איז שוין געווען גוט טונקל, האָט זי אָנגעטון איר פאַרביק, שימערירנדיק זיידן קלייד, און בעטנדיק מיר דאָס בעט, איז זי פאַרשווונדן אין דעם מענטשן-געדראַנג פון געסל. נאָך איינמאָל האָט זי אַ גלעט געטון מיינע בלאָנדע האָר און אַ קוש געטון מיינע ליפּן...

זי איז אַוועק טאַנצן און איז נישט מער צוריקגעקומען... צומאָרגנס בין איך געווען האַלב משוגע דורך דער נאַכט... דאָס קינד האָט געוויינט און די אַלטע משוגענע פרוי האָט אַ גאַנצע נאַכט געליאַרעמט, געקרעכצט און געדראָאַט. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געהאַט שרעקלעכע קאָשמאַרן און געזען אין חלום, ווי עמעצער שטעכט אַריין אַ קינזשאַל אין האַרץ פון דער טענצערין...

זי איז נישט צוריקגעקומען דעם זעלבן אָוונט; זי איז נישט צוריקגעקומען צו מאָרגנס... די מוטער און דאָס קינד זענען אינדערפרי, נאָך דער גאַנצער נאַכט ליאַרמען, געווען רויִק, שטאַר און ווי פאַרגליווערט פון ליידן...

כ'האָב געמאַכט טיי, געגעבן צו טרינקען דער אַלטער; דעם קינד האָב איך געזעטיקט דעם הונגער — און אַליין זיך דערוואַרעמט מיט אַ גלעזל טיי. דאַן האָב איך זיך, ווי אַ פאַרברעכער, אַרויסגעשאַרט שטיל פון דעם קליינעם שטיבל... יעזוס קריסטוס האָט מיר נאָכגעקוקט פון דער וואַנט, און די אַלטע האָט מיט שטאַרע אויגן, ווי גוססדיק, מיך אָנגעקוקט... דאָס קינד איז איינגעשלאָפן...

כ'בין פאַרשווונדן אָן אַ דאַנק, נישט זעענדיק שוין קיינמאָל מער די קעניג-טענצערין פונם ווילדן נעגער-לאַנד... אפשר איז זי אויך קיינמאָל מער נישט צוריקגעקומען צו איר קינד און צו איר מוטער... ווער קען עס וויסן...

פּאַריז איז גרויס, און דער עלנט איז נאָך גרעסער. כ'האָב

באַגעגנט אַנדערע מענטשן און אַנדערן עלנט... אַזוי איז די צייט אַוועק און אין זעלבן קאַפּע און אין זעלבן געבעט-הויז „סאַקרי-קער" האָב איך נישט מער באַגעגנט מיין שוואַרצע פריינדין...

אפשר איז טאַקע אמת געווען מיין חלום פון יענעם אָוונט; יאָ, כ'האָב געזען אַ ברוטאַלן מאַן דורכשטעכן מיט אַ קינזשאַל דאָס רויטע גוטע האַרץ פון דער קליינער, שוואַרצער, איידעלער טענצערין...

אָדער אפשר, ווען איך וועל ווידער וואַנדערן איבער מאָנמאַרטר אַמאָל, וועל איך זי באַגעגענען און בעטן אַנטשולדיקונג פאַרן פאַר־שווונדן ווערן, און דאַנקען איר פאַרן טיי און די גוטע קושן און דעם היימישן געלעגער...

אָדער אפשר וועט איר טאָכטער דאַן טאַנצן אויף דער קליינער עסטראַדע, און איך, אַן אַלטער מאַן, וועל ווידער מיט אַ בלעכענער מטבע איר באַצאָלן פאַרן צערטלעכן שוואַרצן שמייכל...

ליבע און טויט

מיר זענען געלעגן אומעטיק אויף אונזערע ווייסע בעטן אין דעם סאַנאַטאָריום פאַר שווינדזיכטיקע. דער אָוונט איז צוגעפאַלן. די זון איז פאַרגאַנגען אונטער די ראָקי-בערג, זיי פאַרבנדיק אין רויטן. יענע ווייטע ריי בערג האָט אויסגעזען, ווי אַן ערדענע ראַם פון רויען טאָרף, ראָזע געפאַרבט. די צווייטע ריי בערג, מיט ווייסן שניי באַדעקט, האָט איצט געבליט אין אַ וווּנדערלעכער ראָזקייט. די ערשטע ריי, די נאָענטסטע צו אונזערע מאַטע אויגן, שטענדיק בלוי און טרוימעריש, האָט איצט ווי מאַרשירט צו אונז, טראָגנדיק רויטע זעק אויף די פּלייצעס.

ווען די זון איז אינגאַנצן פאַרגאַנגען, איז אונז ביידע אין איינזאַמען צימערל געוואָרן שטאַרק אומעטיק. אַ וווּנדערלעכע שטילקייט האָט זיך אויפגעוויקלט. די נאַכט האָט פאַרשמירט מיט סאַזשע די פריער-שימערירנדיקע פענסטער. עס איז גאָרנישט געווען צו זען מער, בלויז זיין בלאַס געזיכט האָט איצט מיט פיבער פאַרגליט, אויפגעבליט אין אַ ראָזער בלום. זיין געזיכט האָט אייסגעזען, ווי די רויז פון טויט... יענע רויטע רויז, וואָס פאַראַט איר בלייכקייט און וועלכע בליט אין זונען-רויטע טעג אויף די קברים פון יונגע בענקנדיקע און טרוימענדיקע פרויען מיט לאַנגע, גאָלדענע האָר, וועלכע לעבן איבער זייער קערפּער...

אַ געפיל פון רחמנות האָט מיך באַהערשט, דאָס דאָזיקע געפיל, וואָס טרייבט מענטשן צו די עשאַפאָטן און תליות. דאָס געפיל, וואָס באַקרוינט אַזוי העראָיִש דאָס הארץ פון די אומגליקלעכע אין טורמעס, אַזילן, שפּיטעלער, קאַזאַרמעס און סאַנאַטאָריומס.

איצט האָב איך דאָס מיטליידס-געפיל באַקומען אין סאַנאַטאָריום,

איך האָב געזען, אַז ער וויל רעדן און דערציילן. זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט יענעם ווייסן ווייַן, וועלכן מיר זענען געוווינט צו רופן טרערן. ער האָט אָנגעהויבן אין טונקעלן צימער פון בלייכן בעט אַרונטער צו דערציילן.

* * *

ער האָט דערציילט:

עס איז געווען אין אַ ניו-יאָרקער סאַבוויי, ווו מיר האָבן זיך באַקאַנט. איך בין דאַן אַלט געווען אַכצן יאָר. איך בין געווען יונג און שיין, ווי אַ גריכישער גאָט. איך האָב געהאַט רויטע, געקרייזלטע האָר, ווי דער גריכישער גאָט אַפּאָלאָ. מען האָט מיך גערופן אין אַקאַדעמיע, ווו איך האָב שטודירט מאַלעריי, „דאָס זונען-יינגל"...

שפּעט ביינאַכט בין איך אַהיימגעפאָרן. נעבן מיר איז זי געזעסן — עטוואָס עלטער פון מיר. אַ שלאַנקע, דינע געשטאַלט, וואָס איז גלייכצייטיק געווען שטאַרק און פעסט געבויט. זי האָט פאַרייניקט אין זיך שטאַרקע מעגלעכקייט און צערטלעכע ווייבלעכקייט. אין איר וועזן איז געווען אָן אַ שיעור שיינקייט פון קערפּער און געזיכט און איידלקייט פון גייסט. זי האָט צו מיר געשמייכלט.

אין סאַבוויי באַגעגנט מען נישט קיין פריילעכע געזיכטער שפּעט ביינאַכט. די אַטמאָספערע איז טרויעריק. די לופט — שטיקענד. קיין איבעראַשונגען אונטער דער ערד... ביי דער 42טער גאַס איז זי אַראָפּגעשטיגן.

איך בין איר נאָכגעגאַנגען, זי האָט די ערשטע מיר געמאָלדן, אַז זי איז „אַניטאַ", אַ רוסישע מיידל אַן „אַקטריסע און אויך אַ זינגערין. איך געפעל איר. איך בין געווען צופיל גליקלעך. מיין האַרץ האָט זיס און צאַרט געקלונגען אין מיר.

מיר זענען באַרוישטערהייט געגאַנגען איבער דער פינפטער עוועניו. ביי טיימס-סקווער האָט זיך איר פּנים אַזוי שיין צעשמייכלט. אין שיין פון די עלעקטרישע ווערטער פון די רעקלאַמעס האָבן אירע לאָקן געברענט. איך האָב מורא געהאַט, זיי זאָלן נישט פאַרברענען איר וווּנדערלעך געזיכט. זי איז געווען אַזוי שיין, ווי פון געהיימע פלאַמען באַלויכטן.

איך בין געווען גליקלעך. דאָס ליכט און די אַקטריסע האָבן מיך אינערלעך באַלויכטן. איך האָב נישט געקענט רעדן פון פרייד און אויפרעגונג, דען עס איז געווען מיין ערשטע ליבע.

ביי איינעם פון די שאָטנס אויף דער פינפטער עוועניו, ווו דאָס ליכט האָט נישט קיין שליטה געהאַט, האָט זי זיך איינגעבויגן איבער מיר און מיך פּלוצלונג אומאַרעמט און געקושט.

איך בין געווען אַ יונגער מאָלער. דריי מאָל אין וואָך האָב איך זי געזען, מיינע בילדער זענען שטורמדיק אינספּירירט געוואָרן דורך איר. איך בין געהיימערהייט געזעסן אין טעאַטער, זיך צוגעקוקט צו איר געשטאַלט און זיך איינגעהערט אין איר ווונדערלעך רעדן אויף דער בינע. זי האָט געשפּילט אַזוי שיין, ווי אַ ים־מיידל אויף כוואַליעס, פון דער גאָלדענער, זון באַלויכטן. אין איר איז געווען עפּעס ווונ־דערלעכעס, אומערדישעס.

איך פלעג זיצן און זיך איינהערן אין אירע געזאַנגען. עס איז געווען, ווי אַ מלאך וואָלט פּלוצלינג אַראָפּגעשטיגן פון די הימלען און געזונגען פאַר די מענטשן אויף דער ערד אַן אוממענטשלעך, אַ געטלעך ליד, אַ מעלאָדיע פון אייביקן לעבן... זי האָט אויסגעזען אַזוי שיין, אַזוי הייליק אין אירע זיידענע קאָסטיומען, אויף דעם הינטערגרונד פון די פּרעכטיקע דעקאָראַציעס, אַז איך האָב זי אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געליבט.

איך פלעג נישט שלאָפן. איך האָב געמאָגערט און געדאַרט, ווערנדיק אויסגעזויגן דורך דעם מויל פון דער ליבע. איך האָב זי פאַרגעטערט און וואָס ענטוזיאַסטישער און פלאַמענדיקער איך בין געוואָרן, אַלץ שוואַכער און שוואַכער איז געוואָרן איר ליבע צו מיר. זי האָט אָנגעהויבן בלאַסער ווערן, קאַלטער און רויִקער. זי האָט געהערט צו יענע פרויען, וואָס קענען בלויז אַרויסרופן ליבע ביי אַן אַכצן־יעריקן יינגל, אָבער נישט ליבן לאַנג. איר ליבע האָט געדויערט אַ מינוט, ווי דאָס לעבן פון אַ שמעטערלינג אין אַ הייסן זון־טאָג.

מיטן מאָגער ווערן פון מיין קערפּער, מיטן שוואַכער ווערן פון מיין געזונט, מיטן שווערערן אָטעם פון מיין בוזעם און מיטן שוואַ־כער ווערן פון איר ליבע, איז געשטיגן מיין קונסט. איך האָב נקמה גענומען אין דער קונסט. איך האָב געוואָרפן בריליאַנטענע פלעקן פון טרויער אויף האַרטע לייוונטן. איך האָב אָנגעטאָן מיין געליבטע אין וואָלקן־מאַנטלען, פּאַראייביקנדיק איר געזיכט אויף מיינע בילדער. איך האָב זי געמאָלן, ווי איך האָב געוואָלט. מיט דער הילף פון ליניעס און קאָלירן האָב איך זי פאַרשקלאַפט צו מיר. איך האָב איר געקאָנט

הייסן שמייכלען אינמיטן נאַכט, ווען מיר האָט זיך געגלוסט. איך האָב זי געצייכנט אַ וויינענדיקע ביי מיינע פיס. איך האָב זי באַדעקט מיט פלאַמענדיקע קושן פון בלאַסע און בלויע קאָלירן. זי איז געוואָרן די העלדין פון מיין קונסט. זי האָט אויפגעבליט אויפסניי אין מיר. איך האָב זי מיט מיין ווילדן און גרויזאַמען זשעני באַהערשט. מיין זשעני האָט מער נישט געשמייכלט, נאָר האָט מיט גרויזאַמקייט געפּרעסן די קאַלטע שיינקייט פון מיין געליבטער.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן, ווען זי האָט מיט איר קאַלטן שמייכל דערציילט, אַז זי ליבט מיך בלויז אַלס „פריינט״, האָב איך צום ערשטן מאָל געשפּיגן מיט בלוט.

און אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך באַקומען אַ בלוט-שטורץ.

איך בין געלעגן אין בעט. מיין פריינדין איז געקומען צו מיר. זי האָט זיך געפילט שולדיק אין מיין קראַנק ווערן. איצט איז זי געווען צערטלעך צו מיר. זי האָט ווי אַ מוטער מיך באַדויערט. זי האָט מיר געקויפט ווונדערבאַרע מתנות. איך בין געוואָרן איר קליין קינד. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וועל געהיילט אונטער די שטראַלן פון איר זון-האַרץ. איר ליבע צו מיר האָט דערוואַכט. עס איז געווען אַ געפיל פון ליבע, געמישט מיט מיטלייד און חרטה.

איך בין אָבער נישט געזונט געוואָרן. איך האָב זיך אויפגעהויבן פון בעט. אָבער אַנשטאָט געזונט צו ווערן, האָב איך גאָר באַקומען אַ ווילדן דראַנג צו מאָלן. דער פיבער האָט מיך איצט באַהערשט. איך האָב געוואָלט צוויי זאַכן: שאַפן קונסטווערק און געליבט צו ווערן פון דער געטלעכער אַניטאַ.

זי האָט מיך געליבט און געהאָפט מיט איר צערטלעכער באַציִונג צו מיר צוריק מיך געזונט מאַכן. איצט האָבן מיר גערעדט פון הייראַטן. זי איז גרייט געווען אַלץ צו טאָן פאַר מיר, אַבי איך זאָל געזונט ווערן. מיינע עלטערן האָבן זיך מקריב געווען פאַר מיר. אָבער אַנשטאָט געזונט ווערן, בין איך נאָך קראַנקער געוואָרן. מיין צושטאַנד איז געוואָרן טרויעריק. איך האָב נישט געקאָנט אָטעמען. די מינדסטע באַוועגונג האָט מיך אויפגערעגט און געפיבערט. מיין אַניטאַ איז איצט פאַר מיר געוואָרן דער קוואַל פון קרענקונג און טרויער. וואָלט זי מיך אָוועקגעוואָרפן, וואָלט איך אפשר געווען גליקלעך, וואָלט איך געקענט רויִק שאַפן דאָס שטאַרקסטע אין דער קונסט, אויסגיין מיט אַ נייעם בלוט-שטורץ, ווי אַ זון-אונטערגאַנג אין אירע

בלוטיק-ויידענע פאַרבן, און שטאַרבן. אָבער מיט יעדער נייער מתנה פון אַניטאַ, מיט איר יעדן שמייכל און ווונדערלעכער צערטלעכקייט האָט זי מיך געקרענקט. איצט האָב איך באַדויערט, וואָס איך וועל זי פאַר־לירן דורך מיין טויט... דער טויט האָט נישט באַדייט פאַר מיר די פאַרניכטונג פון מיין וועזן, נאָר דער טויט פון מיין ליבע... אַ שרעק־לעכער טויט פאַר מיר, שרעקלעכער פון מיין טויט און דער טויט פון מיין קונסט.

מיינע עלטערן האָבן געזען, ווי איך ווער פאַרברענט פון דריי פלאַמען: שווינדזוכט-פיבער, שאַפונגס־פייער און דאָס גרעסטע פייער פון ביידע — די ליבע. איך בין געווען שרעקלעך נערוועז און עמפינד־לעך אויף די אומשולדיקסטע רייד. איך האָב זיך נישט געקענט באַהערשן. איצט, ווען איך שטייג אַלס קיגסטלער, ווען איך ווער פּאָפּולער, ווען אַלע לויבן מיך, ווען אַניטא שטרעקט אויס צו מיר אירע אָרעמס — איצט דווקא לייגט דער טויט אַרויף אויף מיר זיין שרעקלעכע האַנט.

מיינע עלטערן האָבן באַשלאָסן מיך צו שיקן אין אַ סאַנאַטאָריום אין קאָלאָראַדאָ. איך האָב איינגעוויליקט צו פאָרן. איך האָב שטענדיק ליב געהאַט נאַטור. די פאַנטאַזיע פון די בערג, ווי ריזיקע שטיין־מאָנומענטן, האָט מיך שטענדיק באַגייסטערט. איך האָב געטרוימט דאָרטן, אין קאָלאָראַדאָ, אין דעם גאָרטן פון דער נאַטור, צו שאַפן ריזיקע ווערק, ווערן באַגייסטערט מיט דער אומגעהייערער ווילדער שיינקייט פון דער הערלעכער נאַטור. איך האָב געטרוימט מיין ליבע צו פאַרבייטן אויף דער קאָלאָסאַלער, אומשטערבלעכער ליבע צום גאַנצן געטלעכן אוניווערס.

איך האָב אַניטאַן געזאָגט, אַז איך פאָר אין סאַנאַטאָריום, זי איז טרויעריק געוואָרן. „קיין שום זאַך וועט מיך נישט שטערן דיך צו ליבן!" — האָט זי מיר געזאָגט. טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן. איך בין אַוועק אין סאַנאַטאָריום.

איך בין די ערשטע צייט געווען משוגע פון בענקשאַפט. איך האָב ענטדעקט אין זיך אַ פּאָעטישן טאַלאַנט, שרייבנדיק צו אַניטאַן אויסערגעוויינלעך-שיינע, רירנדיקע און פאַנטאַזיע-פולע בריוו.

זי האָט מיר מיט ליבע געענטפערט. יעדער בריוו איז געווען אַ דעקלאַראַציע פון איר פלאַמענדיקן האַרץ. זי האָט געברענט און געפלאַקערט פאַר מיר. איך בין געוואָרן רויִקער. די שטילקייט פון ד

אָוונטן האָבן מיך באַרויִקט און די בלויקייט פון הימל האָט מיך ווי מיט שטילע, ציידענע הענט געגלעט. איך בין באַהערשט געוואָרן פונם געוויש פון די וואַסערפאַלן, וואָס זינגען דורך יאָר-טויזנטער די אייבי-קייטס-מעלאָדיע. איך האָב דערפילט דעם אָטעם פון גאָט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ביינאַכט קומט אַניטאַ צו מיר, אין דער גע-שטאַלט פון אַ גאָט-געשיקטן מלאך, און קלעפט צו מיט בלויען קיט די ווונדן פון מיינע צעריסענע לונגען. גאָט האָט זיך באַזעצט אין מיר און מיך אינעווייניק געקושט מיט באַלזאַם-זיסע און היילנדיקע קושן.

אָבער איינמאָל דערהאַלט איך אַ בריוו פון אַניטאַן, ווו זי דערציילט מיר, אַז דער מאַן מיט וועמען זי האָט שפּאַצירט אין אַ געוויסן אָוונט, ווען איך האָב זיי געטראָפן אינם גאָרטן פון איר הויז, פאַרפאָלגט זי מיט זיין ליבע און... זי וועט קירצלעך הייראַטן מיט אים. זי ווינשט מיר צו זיין געזונט און גליקלעך. איך בין אַזאַ שיינער און גוטער, אַז איך וועל באַקומען אַ שענערע פרוי, ווי זי איז, אַ בעסערע...

צוויי וואָכן בין איך געלעגן אין בעט נאָכן דערהאַלטן איר בריוו- אַ ווילדע שנאה צו די פרויען האָט מיך באַהערשט. איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי אַ פרוי קען אַזוי שנעל און פּלוצלינג פאַרגעסן איר ליבע. ווי אַזוי מען קען שרייבן אַזאַ קאַלטן בריוו. איך האָב נישט געקענט איבערטראָגן. נאָך די צוויי וואָכן איך בין אַביסל געקומען צו זיך, די בלויע ראָקי-בערג האָבן מיך געטרייסט, אָבער איך בין אַריינגעפאַלן אין טיפער-מעלאַנכאָליע.

אַזוי זענען דורך צוויי יאָר. צוויי יאָר פון לעבן אַליין אין דער איינזאַמקייט פון היילן זיך און קעמפן מיט דער משוגעת פון מעלאַנכאָליע, קאַמפן מיט די ריזיקע קינסטלערישע פּלענער, קאַמפן פון אומגעהייערער העלדישקייט — צו בלייבן רויִק און נאָרמאַל.

איך בין דורך דער צייט גרוי געוואָרן.

און אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָט מען מיך גערופן אין דער אָפּטיילונג פון די פרויען-פּאַציענטן.

וועד האָט מיך געקענט דאַרפן? איך האָב מיט אַ פאַרביטערטער עקשנות אויסגעמיטן יעדע באַציונג מיט פרויען. איך האָב טיף אין האַרצן געהאַסט דעם שיינעם מין. זיי זענען פאַר מיר אַלע געווען די שרעקלעכע פאַרקערפערונג פון טייוול. אַלץ כדי ווי צו טאָן די מענער,

כדי זיי אָנצינדן אין פלאַמען און דאַן זיי צו פאַרלאָזן, זיי פירן צו דער צעשטערונג פון זייערע קערפּערס און פון זייער גייסט.

איך בין מיט געמאָסטענע טריט אַוועק אין דער פרויען-אָפּטיילונג. אַ גאָלדענע זון האָט מיט מיליאָנען שטראַלן געציטערט איבער דער ערד. דער פרילינג האָט זיך ווידער באַזעצט אין אונזער וואונדער-באַרן גאָרטן פון טויט.

מען האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ צימער, וווּ עס זענען געלעגן זעקס פרויען מיט פיבערנדיקע געזיכטער, אין אַ בעט ביים פענסטער, אַרויסקוקנדיק מיט אַ טרוימענדיק-טרויעריקן בליק צו די ראָקי-בערג איז געלעגן — אַניטאַ.

איך בין נאָענט צוגעגאַנגען צו איר. זי האָט מיך דערזען און אָנגעהויבן וויינען. איך האָב אָפּגעווישט מיט אַ טיכל די טרערן פון אירע גרינע אויגן. איך בין געווען שרעקלעך גערירט. קיין גרעסערע איבעראַשונג איז מיר נישט פאָרגעקומען אין מיין לעבן.

זי האָט מיר מיט אַ שוואַכער שטימע דערציילט, אַז זי האָט נישט געהייראַט מיט יענעם מאַן, אַז דאָס אַלץ האָט זי מיר געשריבן, כדי צו באַפרייען מיך פון מיין ליבע, דען זי איז שוין שווינדזיכטיק אַ לענגערע צייט... זי גלויבט נישט מער אין דער מעגלעכקייט געהיילט צו ווערן... דערפאַר האָט זי מיך געוואָלט באַפרייען פון אַ קראַנקער פרוי.

איך האָב אַלץ געגלויבט און אַלץ פאַרשטאַנען. איצט האָבן זיך אָנגעפאַנגען טעג און וואָכן פון דעם שענסטן געפיל אין אַ מענטשנס לעבן. יעדן אָוונט איז די זון בלוטיק פאַרגאַנגען אין די בערג. אָנ-טרינקענדיק מיט פורפורנעם בלוט די אומענדלכע פייזאַזשן. יעדע מינוט האָב איך געדענקט וועגן אַניטאַן. איך פלעג דורך די פענס-טער קוקן צו דער געביידע, ווו עס שטאַרבט מיין ליבע אין דער פאַרקערפערונג פון אַ וואונדער-אידעלען ווען. איך פלעג זי באַזוכן דריי מאָל אַ וואָך, אַזוי חדשים לאַנג.

עס איז שרעקלעך טרויעריק צו זען, ווי פאר דיינע אויגן ווערט בלייך ווי אַ ראָזע און פאַרוויאַנעט דיין געליבטע. דו זעסט, ווי זי שטאַרבט און דו קענסט איר גאָרנישט העלפן. זי ליגט נעבן דיר, אין דער געביידע פון די פרויען. דו הערסט כמעט אירע קרעכצן און דו שווייגסט, ווי דער טויט.

דו גייסט צו איר, און יעדעס מאָל, וואָס דו קומסט, הויבט זי אָן וויינען און לאָזט אַרויס אַ זילבערנעם שטראָם טרערן. דו ווישסט

זיי אַפּ און דו ווייסט, אַז קיינמאָל וועלן די אויגן נישט ווערן טרוקן... קיינמאָל... דו הערסט זיך איין אין אירע רייד, ווי אין לעצטע מוזיקאַלישע אַקאָרדן פון אַ פאַרגאַנגענעם ליד און — דו ביסט פאַראורטיילט צו זען, ווי דער טויט נעמט לאַנגזאַם דיין געליבטע אין זיינע האַריק שוואַרצע אָרעמס.

דריי יאָר איז זי געלעגן אין צימערל מיט נאָך פינף אַנדערע פרויען. דריי יאָר האָב איך גאָרנישט געמאָלן. איך בין געווען פול מיט איר, פאַרנומען מיט איר.

זי האָט שוין פאַרלוירן איר קול. אירע אויגן זענען האַלב-בלינד געוואָרן. זי איז געוואָרן קליין, ווי אַ פערצן-יעריק מיידל. די שיינקייט האָט זיך איינגעשפּאַרט און זיך מיט עקשנות געהאַלטן אויף איר, ווי דער אָפּשיין פון אַן אומשטערבלעכן שמייכל.

איינמאָל, אין אַ פאַרנאַכט, האָט מען מיך גערופן. מיין האַרץ האָט געקלאַפּט פון שרעק, איך האָב געוווּסט, אַז זי איז אין אַ שטאַרבנדיקן צושטאַנד, אָבער קיינמאָל אין מיין לעבן האָב איך נישט געוואָלט איבערלעבן די שרעקלעכע ידיעה פון איר ענדע... איך בין גרייט געווען אַליין צו שטאַרבן פריער... איך האָב באַשלאָסן פריער צו באַגיין זעלבסטמאָרד.

מיינע פיס האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט שווערן בליי. איך בין אַריין אין צימער. דאָס בעט איז געווען ליידיק, איבערגעצויגן מיט ווייסן בעטגעוואַנט. דריי יאָר וווּנדערלעכער שמערץ פון אַ פרוי איז פאַרמעקט געוואָרן מיט אַ פרישן, קלאָר-ווייסן לייַלעך... איך האָב געוווּסט, וואָס דאָס באַדייט...

זי איז געווען רויִק און בלייך אין טויטן צימער, שיין, ווי אַ קעניגין. איך האָב צו איר גערעדט און זי האָט ווי געשמייכלט. אירע לאָקן, רויט און געקרויזט, דאָס איינציקע, וואָס איז געבליבן אומגעענדערט זינט איר יוגנט, האָבן נאָכגעהאָנגען, ווי אַ פלאַם אונטער איר קאָפּ. איך האָב אָפּגעשניטן אַ דיקע פּאַסמע לאָקן, עס איינגעבונדן אין אַ רויטער טאַשמע.

דאַן בין איך נאָכגעפאָרן נאָך איר ארון. עס איז געווען ביינאַכט, דער הימל — ווי אַן אומענדלעך-בלויער אַבאַזשור, איז געווען באַדעקט מיט פינקלדיקע שטערן. דער אוניווערס האָט גערעדט צום לעצטן מאָל צו אַניטאַן, איידער זי איז געוואָרן אַ טייל פון אים. אַ בלייכע לבנה האָט געווײנט אינמיטן דעם גרויסאַרטיקן קאָסמאָס.

מען האָט מיין ליבע און שיינקייט באַגראָבן אין דער טרוקענער ערד, אונטער די בלויע פעלזן. די רויִקייט פון הימל און נאַכט האָט מיך באַהערשט און געבונדן אין קייטן. פון ערגעץ פון די פעלזן, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך הער אַניטאַס שטימע, ווי זי רופט צו מיר: „מיט מיר האָסטו אויך באַגראָבן דיין ליבע, לעב רויִק פון איצט אָן!"...

אָבער זי האָט דאָס נישט געקענט זאָגן, דען ווי אַ ראָזעווע פלאַם האָט „מיין ליבע זיך אַרומגעהילט אַרום מיין האַרץ און פון דאַמאָלסט אָן לעב איך מיט איר אין טרוים. איך מאָל נישט, איך ווער קראַנקער און קראַנקער... איך ליב אַניטאַן...

* * *

דער דערציילער האָט אַ ווײַלע געשוויגן. ער האָט געשוויגן און דאַן צוגעגעבן:

— נאָך אַ קליינע ווײַלע... אַניטאַ וואַרט אויף מיר. איך וועל גיין צו אַניטאַן... מיר וועלן וווינען אין די ראָקי־בערג, אין די געהיימ־ניספולע קעניגס־היילן.

עס איז פינסטער געוואָרן. דאָס וועטער האָט זיך פלוצלינג פאַרענדערט. דורך דער שוואַרצער נאַכט האָט זיך דורכגעריסן אַ בליץ, מיט אַ לאַנגן מעסער אויפשניידנדיק דעם האָריזאָנט. אין שיין פון בליץ האָט דאָס בלאַסע געזיכט זיינס אויפגעשטראַלט. דאַן איז ווידער אַלץ פינסטער געוואָרן. מיר זענען געוואָרן אַ טייל פון דער פינסטערניש.

אין אַ ווײַלע אַרום הער איך זיין קול:

— איר האָט געזען?

— וועמען?

— אַניטאַן!...

און — ער איז שטיל געבליבן...

איך האָב געטראַכט: דער בליץ איז אפשר ווירקלעך געווען אַניטאַ... זי האָט אויפן גלאַנץ פונעם בליץ געטראָגן אין דער אייביקייט זיין נשמה...

••••••••••••

מלחמה־דערציילונג

אַ גאַנצן זומער זענען די סאָלדאַטן געשטאַנען אין דאָרף; אונזער הויז איז געווען פאַרנומען דורך די רוסישע זעלנער און אָפיצירן; איך בין געווען אַ קליין יינגל, פון אַ יאָר זעקס; מיט נייגיריקייט האָב איך זיך צוגעקוקט צו דעם ספעקטאַקל; דער סאָד, נעבן אונזער ווייסן הויז, וואָס האָט אייגנטלעך נישט געהערט צו אונז, איז געווען אַ גרויסער, אַ שאָטנדיקער; איך האָב שוין גוט געקענט די בוימער, זייערע צאַרטע און קרומע צווייגן; כ׳האָב אויסגעצייכנט געוווסט, וועלכע עפל און פלוימען דער־און־דער בוים גיט אַרויס. פאַרזוכנדיק די פרוכטן, האָב איך געקענט דעם זאַפט פון בוים, זיין בלוט און געשמאַק, עס איז אַנגענעם צו זיין אין אַ גרויסן סאָד, צו זיין הונגעריק און זיך קענען שפייזן מיט די שענסטע פרוכטן. יעדער בוים איז מיר געווען נאָענט און אייגן, ווי צו אַ מוטער זענען נאָענט און אייגן די לייבער פון אירע קינדער. מיר האָט זיך געדאַכט אַז די ביימער האָבן קיין שום סוד נישט פאַר מיר.

די סאָלדאַטן פלעגן ליגן אויפן ווייכן, זיידענעם גראָז. איך האָב זיך מיט זיי גוט פאַרהאַלטן. טיילמאָל, ווען זיי זענען אַוועק אין וואַלד אַריין אויף מאַנעוורעס, האָב איך צו זיי דורכן גרויסן, זוניקן טאָג געבענקט. כ׳האָב זיך אויסגעקוקט די אויגן צום זייט פון וואַלד. די זון פלעגט אונטערגיין רויט, אָנצינדנדיק דעם פעטן וואַלד; פון די פלאַמען פלעגן אַרויסרייטן די ערשטע פלאַמענדיקע רייטער, ווי אין פייערדיקע קאָסטיומען. איך פלעג זיך דאַן שרעקן פאַר זיי. אַזעלכע ווילדע, שרעקלעכע, ריזיקע און בייזע...

אָבער ווי נאָר זיי פלעגן זיין אין סאָד, פלעגן זיי צו מיר רעדן זייער קלאַנגפולן רוסיש, וואָס איך האָב ווייניק פאַרשטאַנען. זיי האָבן מיט מיר געשטיפט און זיך הויך און פויעריש צעלאַכט; איך האָב נישט קיין מורא געהאַט פאַר זיי מער. זיי זענען געווען ריזיקע, גוטע

און האַרציקע יונגען, פויערים און אַרבעטער פון די ווייטע געגנטן אין רוסלאַנד. איך האָב זיך אַלס יינגל נישט פאָרגעשטעלט, אַז זיי קענען טאַקע מאָרדן מענטשן. די שרעקפולע געשפענסטער, וואָס רייטן אַרויס פון וואַלד — דאָס האָב איך צוגערעכנט צו מיין פאַנטאַזיע און שרעק.

אין גאָרטן האָבן געוואַקסן שיינע בלומען, ווי אין אַלע גערטנער זומער-צייט. די נאַיווע זעלנער פלעגן אַראָפּרייסן די בלומען, זיי אַריינלייגן אין ווייסע, פאַרשריבענע בויגנס פּאַפּיר, זיי אַוועקשיקן אין קלאָרע קאָנווערטן אין ווייטן רוסישן געגנט... איך האָב זיי אָנגענומען פּאַר אַזעלכע יינגלעך, ווי איך אַליין בין. טיילמאָל האָבן זיי מיך גע-פּרעגט יידישע ווערטער, זיי פאַרשריבן אין נאָטיץ-ביכלעך. איך פלעג זיך אָפּט שפּילן מיט זייער געווער, וואָס איז געהאָנגען אויפן וואַנט. שלאַנקע, גלאַנציקע שווערדן, שווערע ביקסן, באַיאָנעטן. איך האָב גע-טרוימט צו זיין אַמאָל אַ סאָלדאַט און האָבן אַזאַ געווער. ווי שטאַרק איך וועל זיך פילן דאַן...

* * *

דאָס דאָרף איז באַשטאַנען פון בלויז דייטשע קאָלאָניעס. די הייזער זענען געווען געל און רויט געפאַרבטע. די דעכער — מיט גאָ-טישע באַפּוצונגען. די מענטשן פון דאָרף זענען געווען גוטע און שטילע, רויִקע און פלעגמאַטישע. מיין טאַטע, אַ זייגער-מאַכער און גלעזער, האָט גוט געלעבט מיט זיי. זיי האָבן באַזונדערס ליב געהאַט מיין מוטער, אַ שטילע, אָרעמע פרוי, וואָס פלעגט זיך קליידן ווי זיי, מיט אַ ווייס טיכל אויפן קאָפּ. ביים ענדע פון דאָרף האָט געוווינט לוציאַן. יעדן שבת פלעג איך גיין מיט דער מאַמען צו לוציאַנען — אַ הויכער דייטש מיט אַ בלאָנדער באָרד, בלויע, גוטע און שטאָלצע אויגן. זיין פרוי איז געווען אַ פריילעכע גויע, פון אַ יאָר פופציק. לוציאַן האָט געהאַט פינף שווערע טעכטער, ווייסע ווי די שוואַנען, בלאָנדע ווי גאָלד, מיט לאַנגע, שווערע, דיקע צעפּ, ווי די קלאַסישע דייטשע גרעטכענס; זיי האָבן געהאַט טיף-בלויע, קלאָרע, מיידלשע אויגן. איך פלעג זיי מיט לוסט און אומבאַוווסטזיניקן נייגיר באַטראַכטן; זייער יעדער בויג האָט ווי געשריגן; ווען זיי האָבן געלאַכט, האָט ווי אַ טייך געפלאָסן מיט אַ גוואַלדיקן רעש, ווי כוואַליעס וואָלטן זיך וואַרפן אויף כוואַליעס און איינע די אַנדערע אַריבעריאָגן.

אוועקגיין פון זיי פלעגט מיין מאַמע מיט מיר און מיט אַ ריזיק, פּירקאַנטיק ברויט, וואָס איז געווען פעט און שווער, וואָס פלעג זיך שניידן און עסן ווי ברוסט-פלייש; איך פלעג אויפן וועג נאָכטראַכטן וועגן דעם שיינעם הויז פון לוציאַן. גרויס, פּאַרביק און פול באַפּוצט מיט אָרנאַמענטן. וועגן לוציאַנען און — זיינע פעטע, שלאַנקע, גרויסע טעכטער — איינס ביי איינס, ווי גאָלד-לאָקיגע פּרינצעסינס...

ביים וואַלד, אַביסל ווייטער פון לוציאַנען, איז געווען די קאָ-לאָניע פון מאַצאַנקע. דאָס איז געווען אַ יונגער, פעטער דייטש, אַ ריזיקער, וואָס פלעגט זאָרגפעלטיק באַאַרבעטן זיין מאַיאָנטעק, וואָס איז באַשטאַנען פון דרייסיק מאָרגעס פעלד, פעטע ערד; אויסערדעם האָט געהערט צו אים אַ שטיק וואַלד. פאַר אַ מייל די טיף. זיין פאָטער און מוטער, אַלטע לייט שוין; זיין פרוי — אַ יונגע פּרייסישע נקבה, צענגזל מיט מילכעדיקע בריסטן און פיס ווי סטאָלבעס; זי פלעגט ווייניק רעדן, נאָר עסן אַ סך, עסן אַ סך און ווייניק אַרבעטן, ווייל זי איז געווען צו שווער. אָבער מאַצאַנקע איז געווען אַ רייכער קאָלאָניסט, פלעגט ער דינגען אָרעמע פּוילישע פּויערים צום אַרבעטן אויף זיין פעטער ערד.

זיינע עלטערן, אין אָוונט-צייט, ווען די זון פלעגט אונטערגיין, פלעגן דערציילן ווי סאָסנאָוו, דאָס היינטיקע דאָרף, איז געווען בלויז וואַלד און פול מיט וועלף. די ערשטע פּרייסישע קאָלאָניסטן האָבן גע-האַט צו קעמפן שווער מיט וואַלד און וועלף, פלעגן אויסהאַקן די ביימער, באַפרייען די ערד לאַנגזאַם פון די ביימער-וואָרצלען אויפ-שטעלן הייזער און צעאַקערן און פאַרזייען די ערד. ביז עס איז גע-וואָרן סאָסנאָוו. מאַצאַנקע אַליין פלעגט שמייכלען מיט אַ גרויסן פעטן שמייכל אויף די גלאַנציקע באַקן און ווייניק רעדן.

אין אַן עלעגאַנטן הויז, מיט רויטע שטרייפן פאַרצויגן, האָט געוווינט די פאַמיליע היינע. דאָס איז געווען אַ יונג פּאָרל, וואָס האָ ן זיך אינטערעסירט אין פּאָליטיק. זיי האָבן געהאַט צוויי קליינע קינדער, אַ מיידל און אַ יינגל. ביידע חנעוודיק און ליבלעך.

אַנטקעגנאיבער אונזער קאָלאָניע איז געווען פודס הויז. פוד איז געווען אַן עלטערער דייטש פון פּרייסן, וואָס האָט שוין ווייניק געאַרבעט אין פעלד. ער איז געווען אַ גרויסער פּוילאַק, ליב געהאַט אַ שנעפּסל, געהאַט פייערדיק-בליציקע אויגלעך, פלעגט אָפט דערציילן מעשיות. זיין פאַמיליע איז געווען אַ גרויסע: דריי זין און פינף טעכטער. די זין זענען געווען הויכע, שטאַרקע, ריזיקע יונגען. די

טעכטער — פעסט-געבויטע, מאַסיווע מעכטיקע ווייבער, מיט בלוט-רויטע האָר. די ייִנגסטע האָט געהייסן הענטשכען. זי איז געווען פון אַ יאָר אַכט מיט בלויע, גוטע, קלאָר-העלע אויגן און רויטע האָר. איר קערפּער איז געווען אַ קליינער, אַ דיקלעכער, אַ ווייסער. זי פלעגט האַרציק לאַכן און פונקט אַזוי שיין פלעגט זי שמייכלען, מיטן גאַנצן ליבלעכן מיידלשן געזיכט.

הענטשכען פלעג איך אָפט טרעפן ביים גרויסן פירקאַנטיקן שטיין, וואָס איז געלעגן ביים וועג, האַלב-איינגעגראָבן אין דער ערד; אַנט-קעגנאיבער דעם שטיין איז געווען אַ קירכע. די קירכע פאַר די פּראָטעסטאַנטישע איינוווינער פון דאָרף. זי איז געווען אַלט און ברודיק, פאַרשמוצט פון רעגן, די פאַרבן אָפּגעוואַשן, די הילצערנע ווענט אויס-געטרוקנט. די טיר פון דער קירכע איז געווען אָפן. אינעווייניק איז געשטאַנען אַן אַלטע, שווערע, שוואַרצע פּיאַנאָ, אויף וועלכער מען האָט געשפּילט אַמאָל אין אַ יובל. אויסערדעם זענען אויף די ווענט געהאָנגען עטלעכע אָפּגעבלאַקירטע אייל-בילדער פון שטויב—מאַט און פינסטער; אין דער קירכע פלעג איך אָפט אַריינגיין מיט הענטשכען. עס איז געווען נאַכט. דורך אַ פאַרביק שטיקל גלאָז פון הויכן פענסטער פלעגן מיר פאַרציטערטע אַרויסקוקן צום הימל מיט אַן אַ שיעור שטערן. דאָס געזיכט פון דער לבנה איז געווען רויט, בלוטיק, האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא. פאַר שרעק פלעגן מיר זיך אַרומנעמען. הענטשכען האָט מורא געהאַט נאָך מער פון מיר. איך פלעג זי קושן מיט די ערשטע קושן פון ייִנגלשער ליבע...

* * *

די רוסישע זעלנער האָבן אָפּגעטרעטן. זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די דייטשע קאָלאָניסטן זאָלן פאַרלאָזן צוזאַמען מיט זיי זייערע קאָלאָניעס. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער באַפעל. די דייטשן האָבן פאַרקלאַפּט זייערע הייזער, אַלץ איבערגעלאָזן, אַפילו דאָס בעט-געוואַנט; ביינאַכט זענען זיי וויינענדיקע אַוועק, מיטנעמענדיק מיט זיך די אַלטע עלטערן און די קליינע קינדער.

אין דערפל איז געווען אומעטיק. הענטשכען איז מיט איר פאַ-מיליע אויך אַוועק. איך האָב געבענקט נאָך איר. עס איז געקומען אַ געלער, פאַרביקער האַרבסט. אַלץ איז געוואָרן בלאַנד און רויט. די

ביימער האָבן אין קאַלטן ווינט געשריגן, געפאַלן זענען די בלוט-רויטע בלעטער פון די צווייגן, צעביסענע פון דער האַרבסט-קעניגינס גאָלדענע ציין. רעגנס זענען געקומען, פאַרשווענקט די בלעטער און די פאַרוויאַנעטע בלומען. ביסלעכווייז זענען די הייזער געוואָרן פאַרוואָרלאָזט און געשעדיקט. עס איז נישט געווען ווער עס זאָל אויף זיי אַכטונג געבן. אַלץ איז געווען פאַריתומט.

מיר זענען אַוועק איבער די שטעטלעך אין פוילן: קוראָוו, קאָנסקעוואָלע. גאַרוואָלין, נאַלענטשאָוו; און יאָרן פון וואָגלעניס.

* * *

אין יאָר 1916 האָבן מיר צוריקגעקערט אין סאָסנאָוו; דער וועג דורך דערפער און פעלדער איז געווען אַ פאַרבלוטיקטער; אין די ראָוון פון שלעכטן „פוילישן וועג" זענען געלעגן פאַרבלוטיקטע היטלען פון דייטשע עסטרייכישע און רוסישע סאָלדאַטן; די ביימער זענען געווען פול מיט קוילן. די סלופעס און פלויטן — אַלץ דורכגעשאָסן; פאַטראָנעס און לעדערנע קוילן-טאַשן, ריזיקע קופערנע קוגלען פון קאַנאָנען-קוילן, מעשענער דראָט, קלומבעס פון שטעכיקן דראָט פאַר אָקאָפּעס-פאַרצוימונגען — דאָס אַלץ איז געלעגן צעוואָרפן איבער די וועלדער און וועגן, ווי די גאַנצע געגנט וואָלט ערשט זיין נאָך אַ שלאַכט. כמעט אומעטום האָט מען געזען בערגלעך פון קברים מיט געווייגלעכע הילצערנע קרייצן, שנעל אַריינגעשטעלט אין דער ערד; רוסישע קרייצן, ברעטלעך מיט אויפשריפטן, מיט נומערן; אַזוי פלעגט זיך ציען דער וועג אַהיים.

אין סאָסנאָוו זענען אַ סך הייזער געווען אָפּגעברענט, פאַרשרפהט. די שייערס זענען געווען אָפן און פאַרלאָזן. דער ווינט האָט געוויינט אין זיי, געריסן די ווענט.

מיר האָבן זיך באַזעצט אין פודס קאָלאָניע. עס איז געקומען פרילינג. אַ רויטע זון, ווי פון בלוט באַגאָסן האָט אויפגעשיינט איבערן חרובן דאָרף. די שטראַלן זענען געווען אומגעוויינלעך הייסע, שטעכיקע, שלעכטע און גהינומשע; עס האָבן אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן בלומען און פלאַנצן מיט רויטע און געלע געזיכטער, פעטע און שטאַרקע, האַרטע און שטייפע, ווי זיי וואָלטן אַרויסוואַקסן פון עפּעס שלעכטס. פון מענטשלעכע קערפערס... איך האָב קיינמאָל נישט געדענקט אַזעלכע

אויסטערלישע בלומען, ווי בייזע שפינען מיט שאַרפע שטעכערס; עס איז געווען אַן אָרגיע פון קאָלירן; דערגער און פלאַנצן האָבן זיך צוזאַמענגעבונדן. איינס האָט דאָס אַנדערע אויפגעפרעסן און אויסגעזויגן דאָס חיות. איבער דעם אַלעם האָט געפּאַליעט אַ שרעקלעכע זון. אַ זון פון צאָרן, פייער און בלוט.

מיר האָבן פאַראַקערט און פאַרזייט די פעלדער. שנעל האָט אַלץ אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן. שאַרפע באַדעלעס, שווערע, פאַרעקשנטע גראָזן האָבן אַרויסגעשפּאַרט פון דער פעטער ערד. די ערד איז געווען ווייך, שוואַרץ, פוכקע, פול מיט מענטשלעך בלוט. אַ סך קברים זענען בגנבה צעאַקערט געוואָרן דורך די נייע יידישע באַלעבאַטים פון דאָרף, וואָס האָבן אַרענדירט די קאָלאָניעס ביי אַ ספּעציעלער קאָמיסיע. זיי פלעגן אַראָפּקומען אין דאָרף זיך אַוועקשטעלן ביי אַ הילצערנעם טיש אינ־מיטן אַ סאָד און פאַרדינגען אויף אַ האַלב אָדער אַ יאָר די אַרענדעס.

די יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך פלעגן אָפּדינגען ביי די פויערים די סעדער. די סעדער זענען איצט געווען פרוכטבאַר און פעט. די ערד איז געווען אָנגעטרונקען מיט בלוט פון צעשאָסענע יונגע מענער, חזרים, קי און פערד.

די עפּל, קאַרשן און פלוימען און בארן זענען געווען פול, גע־שוואָלן, ווי אויפגעבלאָזן, פעט און שווער, געצויגן די צווייגן צו דער ערד. די יידן וואָס האָבן געדונגען די סעדער, האָבן געמאַכט גוטע געשעפטן.

אויסער דער פעטקייט פון פעלדער און סעדער, זענען געבוירן געוואָרן אַסך פליגן, אַלערליי קאָמאַרעס און שרצים אויף דער ערד און אין דער לופט. גאַנצע מחנות ראָבן האָבן נאָך אַלץ מוראדיק געפלאַטערט איבערן הימל, זיך אומגעשטערט אַרונטערגעלאָזן איבער דער ערד, ווו קוים מיט אַביסל זאַמד צוגעשאַרט, זענען געלעגן צע־פוילטע קערפּערס. די ראָבן מיט פעטטע, שטאַרקע שנאָבלען פלעגן אויפשאַרן די ערד, פּיקען די געשוואָלענע בייכער פון די פּגרים.

באַלד, ווי מיר זענען צוריקגעקומען אין סאָסנאָווו, האָב איך אין אַ פרימאָרגן געזען, ווי קינדער שפּילן זיך נעבן אַ ראָוו, ביים וועג. אַ קאָזאַק אין הויזן מיט רויטע לענטעס, אין אַ צעכראַסטעטע העמד, איז געלעגן אין ראָוו, מיט אַ צעריבן פּנים, צעפּיקט און צעריסן. מיר האָבן אים מיט רידלעס, ווי־עס־איז צוזאַמענגעשאַרט אַביסל ערד און צוגעדעקט. די הינט פון דאָרף פלעגן יעדעס מאָל

מיט די פיס צעקאָפּען די ערד און אָפּדעקן דעם אָרעמען קאָזאַק, וואָס האָט ערגעץ-ווו געהאַט אַ שטילע היים מיט אַ גערטנדל פול שיינע בלומען...

די איינוואוינער פון דאָרף האָבן זיך נישט באמת פאַרן האָב און גוטס פון די דייטשע אייגנטימער. האַלץ איז געווען טייער, פלעגט מען רייסן שטיקער פון די שטאַלן און שייערס. מען האָט געוווסט, אַז יעדן טאָג קענען אָנקומען די אייגנטימער. אַלץ איז חרוב געוואָרן. אין די וווינונגען פלעגט אַריינרעגענען. מען האָט זיך נישט באמת צו פאַרלאָזן.

אַזוי איז דורך אַ שטיק צייט, איבער פרילינג. צו ענדע זומער, ווען אַלץ איז געווען צייטיק און רייף אויף די פעלדער, זענען פלוצלינג אין אַ רעגנדיקער נאַכט פון שטורם און פייערדיקע בליצן געקומען די דייטשע קאָלאָניסטן. געקומען זענען מערסטנס די יונגע, די אַלטע זענען אַלע אויסגעשטאָרבן אין רוסלאַנד, זיך שלעפנדיק מיט די מיליטערישע אָבאָזן. אַ סך זענען געשטאָרבן פון הונגער, טיפוס און צעבראָכענער עלטער. אויך יונגע קינדער זענען געשטאָרבן אין וועג. צוריקגעקומען זענען זיי לייזיקע, אָפּגעריסענע, דאַרע און האַלב-קראַנקע. דערוויסט די קאָלאָניעס אין אַ טרויעריקן צושטאַנד. די אָרענדאַרן האָבן זיי אויפגענומען מיט האַס און שנאה. מען האָט זיי אָפּגעגעבן איינצלנע שטובן אין זייערע אייגענע הייזער. הונגער האָט ווידער געהערשט צווישן זיי.

דער אַלטער פוד איז געשטאָרבן אין רוסלאַנד. צוריקגעקומען זענען צוויי זין און פיר טעכטער. חענטשכען איז אויך געווען צווישן זיי. זי איז געוואָרן גרעסער, העכער און שלאַנקער. איר געזיכט איז געווען רונד, עטוואָס בלייך, די האָר — בלאָנדע, געקרויזטע, די אויגן טרויעריק און פול מיט אַ צאַרטן, מיידעלשן אומעט...

איך האָב זיך דערפרייט מיט הענטשכען. איך האָב איר דעם ערשטן טאָג געוויזן אַלע אָפּגעברענטע און חרוב-געוואָרענע קאָלאָניעס. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן קבר אין פעלד, זיך איינגעקוקט אין יעדן בערגל און מצבה. זי איז געווען טרויעריק. אָפּטמאָל פלעגן אירע אויגן פול ווערן מיט טרערן. איך פלעג זי דאַן קושן. מיר זענען אָפט געזעסן איבער אַ בערגל פון אַ קבר און קוקן, ווי די זון גייט אונטער, צינדט אָן די וואָלקנס ווי ריזיקע זעגלען. און די נאַכט פאַלט צו, ווי אַ שוואַרצע כמאַרע, שווער און מעלאַנכאָליש.

בגנבה האָב איך חענטשכען געבערענגט פּרוכטן פון סאָד, זי האָט אָן אויסגעהונגערטע געביסן מיט ווייסע, שאַרפע ציין אין די בעקלעך פון די עפּל. דער זאַפט איז געראונען איבער איר מויל, ווי פעטער ווײַן. איך האָב ליב געהאַט חענטשכען. מיר זענען ביידע געווען קינ-דער פון קריג, פון שלעכטס און מענטשלעך-חיהשער רציחה. מיר האָבן ביידע נישט געוווסט, פאַרוואָס דאָס אַלץ איז אַזוי, פאַרוואָס די מענטשן מאָרדן זיך, פאַרוואָס איז אַזוי פיל בלוט אָפּגערונען... פאַרוואָס אַלץ איז חרוב... איינמאָל, גייענדיק איבערן פעלד מיט חענטשכען, זענען מיר צוגעקומען צו אַ גרוב. אַ הונט האָט געלעקט מיט דער לאַנגער פייכטער צונג אַ שאַרבן. עס איז געווען אַ מענטשלעכער שאַרבן. חענטשכען האָט אַוועקגעיאָגט דעם הונט, וואָס האָט געהאַווקעט און נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון זיין רויב. חענטשכען האָט אויפגעהויבן דעם שאַרבן, אים געהאַלטן אין אירע בלייכע, דינע, פינגער... פון וועמען האָט דער שאַרבן געקאָנט זיין? מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט דעם יונגן מענטש. אַ פויערים-זון פון רוסלאַנד, אָדער אַ שול-יינגל אין אַ פאָרשטאָט אונטער בערלין; ער האָט געשריבן בריוו אַהיים, געגריסט זיין מיידל מיט די רויטע בעקלעך, איר געשיקט בלומען פון ערגעץ אַ גערטנדל, דאַן — דאָ געפאַלן, פאַר גאָרנישט, אומזיניק... ער האָט קיינמאָל נישט געקושט קיין מיידל. צום ערשטן מאָל האָט איצט אַ יונג מיידל חענטשכען, געגלעט, געצערטלט מיט די ווייכע ליבלעכע הענטלעך זיין אויסגעטרוקנטן שאַרבן, אונטער וועלכן די געהירן האָבן געטרוימט פון אַ יונג מיידל פונקט אַזאַ, ווי די רויטלאָקיקע חענטשכען...

* * *

די דייטשן האָבן אָקופּירט פאַר אַ לענגערער צייט פוילן. אין אַ געוויסן טאָג זענען אין סאָסנאָווו אַראָפּגעקומען דייטשע אָפיצירן, הויכע, שטאַרקע יונגען אין שטייפע, בלויע אַנצוגן. זייערע אויגן זענען גע-ווען קלאָרע, ווי זיי וואָלטן קיינמאָל נישט געווען אין קריג. זייער אויפגאַבע איז געווען אויסצוגראָבן די טויטע פון די פאַרשידענע קברים און זיי צונויפצאַמלען אין איין ריזיקן מאַסן-קבר. אין סאָסנאָווו איז געוואָרן לעבעדיק. יעדע פאַמיליע אין דאָרף האָט געמוזט אָפּגעבן אַ מאַן אויף איין טאָג אַרבעט, גראָבנדיק די קברים. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכע אַרבעט. די פויערים האָבן געגראָבן די בערגלעך. אַרויס-

גענומען מיט די רידלעס שטיקער קערפער, פאַרפוילטע פלייש פון די יונגע מענטשן, וואָס זענען געפאַלן און שנעל באַגראָבן געוואָרן, איינגעהילט אין זייערע מונדירן.

די פאָדעשוועס פון די צעפוילטע שטיוול פלעגן די אָפיצירן אַראָפּרייסן און ביליק פאַרקויפן צווישן די איינוווינער פון דאָרף. די פאָדעשוועס זענען געווען פעסטע, שטאַרקע, הגם שוין טיילווייז דורכגעוויקטע פון ליגן אַזוי לאַנג אין דר'ערד. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן אַלע, וואָס האָבן פריער געטראָגן הילצערנע טרעפּעס, געטראָגן די שיך מיט די פאָדעשוועס פון די טויטע.

די טויטע פלעגט מען שטיקערווייז, ווי מיסט, אָנוואַרפן אין גרויסע, הילצערנע קאַסטנס און זיי איבערפירן נעבן דעם קליינעם דאָרפישן צמענטאַזש. דער ריח איז געווען אַ שרעקלעכער. ווען מען פלעגט פאַרבייפאָרן די פורן מיטן שרעקלעכן פלייש, פלעגן מיר אַריינלויפן אין הויז אַריין. אָבער דורך די שויבן האָט עס דורכגעשטונקען.

דאָס פלייש האָט אויסגעזען ווי אַלטע בערג שמאַטעס.

פון אַלע אַרומיקע געגנטן, פון די וועלדער, פלעגן זיך יאָווען הינט, קעץ, ראָבן און גראָבן טאָג און נאַכט אין די אָפענע קברים, אין די בערג שמאַטעס פון אַמאָליקע יונגע מענטשן.

די דייטשע אָפיצירן זענען געווען יונג און פריילעך. אין די נעכט פלעגן זיי אַ סך טרינקען, פרעסן שפּעק, דאַן זיך שכורע טראָגן איבערן דערפל, זינגען נאַציאָנאַלע לידער, לאַכן היסטעריש. פון סאָסנאָוו און פון אַנדערע דערפער פלעגן זיך באַווייזן צוזאַמען מיט די הינט און ראָבן—פאַרשייטע נקבות אין רויטע טיכלעך איבער די קעפּ, שמייכלען, זיך איבערגעבן פאַר שטיקער ברויט צו די געזונטע אָפיצירן. אַזוי פלעגט מען דורך די נעכט כסדר הערן דאָס געזאַנג און געלעכטער פון די יונגען און דאָס היסטערישע פרייד-געשרייען פון די שיקסעס, וואָס פלעגן געווייגלעך זיך ליבן מיט די יונגען נעבן די קברים...

אַ ריזיק גרויסער גרוב איז געמאַכט געוואָרן נעבן דעם אַלטן צמענטאַזש. פופצן הונדערט מענטשן זענען באַגראָבן געוואָרן צוזאַמען. אויף זיי איז אַרויפגעגאָסן געוואָרן קאַלעך און צום סוף איז די שרעקלעכע מאַסע פון דייטשע, עסטרייכישע, אונגאַרישע און רוסישע סאָלדאַטן צוגעשיט געוואָרן מיט ערד. עס זענען געמאַכט געוואָרן צוויי בערגלעך, עלעגאַנט און פיין. אויבן איז צווועקגעשטעלט געוואָרן אַ שטיינערנע פלאַטע מיט אָן אַ שיעור יידישע, רוסישע און דייטשע

געמען. פון הונדערטער איז אפילו דער נאָמען נישט געווען באַקאַנט. די נעמען זענען געפּאַרבט געוואָרן אין אַ גלאַנציקן זילבער און אין גאָלדענע, גרויסע בוכשטאַבן, איז געווען אויסגעקריצט: „ערע די העלדן, געפאַלן אין קאַמף פאַר זייערע פאָטערלענדער".

* * *

די אָפיצירן זענען אַוועקגעפאָרן. ס'איז געוואָרן שטיל אין סאָס-נאָווו. עטלעכע שיקסעס האָבן געהאַט קינדער פון די אָפיצירן-געליבטע. עטלעכע האָבן זיך געוואָרפן אין דער ווייסל. אַ סך האָבן חתונה געהאַט מיט פויערים-יונגען. די דייטשע קאָלאָניסטן האָבן ווי עס איז צוריק פאַרריכט זייערע הייזער, שייערן און די שטאַלן. מען האָט באַאַרבעט די ערד.

די צוויי בערג זענען פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ זאַפטיקן, גרינעם גראָז. ווי אַלע קברים-בערגלעך. איינמאָל האָט אַ דייטשע פרוי דער-ציילט, אַז ווען זי איז באַלד אינדערפרי געקומען צום בית-עולם, האָט זי געהערט אַ „הורא", אַ געשריי, אַ קלינגען פון שווערדן און לאַנצן. דאָס האָבן די טויטע אויפסניי געפירט קריג. זי איז שנעל אַנטלאָפן פון דאָרט.

עס איז געקומען ווינטער.

* * *

ווידער איז פרילינג. ווידער בליט אַלץ, ברעכט אויס צום נייעם לעבן. די נאַטור איז שטענדיק ניי און פריש. די נאַטור ברעכט אויס אין מיליאָנען וועזנס צום לעבן. פייגל, קעץ, הינער, קי, פערד! אַלץ לעבט, פרייט זיך און מערט זיך. די ערד ווערט ווייך און רייך.

העגטשכען איז גרעסער און שענער. דער טרויער פון אירע אויגן איז פאַרשוווּנדן. זי בליט ווי אַ הערלעכע בלום אויף פעטער פייכטער ערד...

איינמאָל בין איך אַוועק מיט העגטשכען אין וואַלד אַריין, קלויבן שוואָמען. פאַרן וואַלד איז דאָס אַלטע בית-עולם און דאָס נייע מאַסן-קבר. מיר שטעלן זיך אָפּ ביים אַלטן צמענטאַזש. ווי קליין, רויק, אידיליש זענען דאָ די קברים. די מענטשן פון דאָרף זענען פרידלעך געשטאָרבן, פרידלעך באַגראָבן געוואָרן, מיט ווייסע בלומען. די ביימער שעפּטשען, זייערע שאָטנס מאַכן שטילער און אידילישער די בערגלעך.

דאַן גייען מיר צו צום נייעם קבר. מיר זיצן אויף די בערגלעך. נישט מיט קיין בלומען האָט מען דאָ באַגראָבן די טויטע, נאָר מיט ווייסן, ברענענדיקן קאַלעך... די וואָלקנס איבערן הימל לויפן פריי און ברייט אַוועק איבערן ריזיקן אוניווערס. די זון ברענט. הענטשכען זיצט איבערן בערגל. פּלוצלינג ברעכט דאָס קליינע מיידל, מיט די בלוטיק-זיידענע לאָקן, אויס און אַ געוויין. איך וויש אָפּ אירע טרערן, איך נעם זי איין ווי אַ קינד, קוש זי אין פייכטן ליבלעכן געזיכט.

זי הויבט ענדלעך, נאָך אַ לאַנגן שווייגן, אָן צו רעדן:

— נעכטן ביינאַכט האָט זיך מיר געחלומט, אַז די סאָלדאַטן קומען צו מיר, נעמען מיך פון הויז אַוועק, טראָגן מיך צו זייער קבר. פאָרויס גייט אַ שוואַרצער מאַן און זינגט. איך ליג אין טרומנע און אַ זיידענעם העמדל, מיט בלומען. זיי האָבן מיך ליב... זיי ווילן מיך...

— גיי שוין, גיי! נאַריש מיידל! דו דאַרפסט נישט טראַכטן וועגן דעם. וויין נישט הענטשכען...

מיר זענען אַוועק אין וואַלד, געקליבן שוואָמען. דער וואַלד איז געווען אַן אַלטער, אַ פאַרוואַקסענער. פאַנטאַסטישע פייגל אין אַלערליי קאָלירן האָבן געזונגען און געטאַנצט אויף די צווייגן.

וועווערקעס און יאַשטשורקעס האָבן אַלע ווילע אונז איבער-געשראָקן. מיר האָבן דערהערט טריט. צווישן די ביימער. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. הענטשכען האָט אָנגעהויבן שטיל צו וויינען. איך בין געווען טויט דערשראָקן. שנעל זענען מיר אַרויסגעגאַנגען פון וואַלד. די טריט זענען אונז נאָכגעגאַנגען...

* * *

הענטשכען איז קראַנק, ליגט אין בעט, האָט פיבער. איך זיץ נעבן איר און דערציי איר געשיכטן. זי וויינט אָפּט און דערמאָנט מיך אין איר חלום...

ביינאַכט איז הענטשכען געשטאָרבן. מען האָט זי באַגראָבן נעבן איר זיידעס קבר, אויפן אַלטן צמענטאַזש. אַנטקעגן דעם מאַסן-קבר. ווען איך פלעג גיין זי באַזוכן, האָבן זיך מיר שטענדיק געוואָרפן אין די אויגן די גאָלדענע בוכשטאַבן: „העלדן, געפאַלן פאַר זייערע פאָטערלענ-דער"... אָבער פאַרוואָס האָבן זיי צוגענומען הענטשכען צו זיך, פאַרוואָס?

דאָס קליינע בערגל איז גרין געוואָרן. איך האָב דאָרט פאַר-פלאַנצט בלומען. זיי האָבן וווּנדער-שיין געבליט — די בלומען פון מיין ערשטער ליבע...

....

דער בלינדער

זיין בעטל איז געשטאַנען לעבן מיינעם; איך האָב אים דעריבער דריי מאָנאַטן צייט באַאָבאַכטעט, זיך צוגעקוקט צו זיין טרויעריקן לעבן און צום סוף אים ליב געקריגן. זיינע ליידן האָבן גענויט, מען זאָל אים ליבן...

יעדן אינדערפרי פלעגט ער אויפשטיין און זיך אַליין פינקטלעך אָנטון, אַפילו דעם זיידענעם שניפּס. ער איז דאַן אַרויסגעגאַנגען. און אַזוי האָב איך אים נישט געזען דעם גאַנצן טאָג. ביינאַכט איז ער צוריקגעקומען אַן אומעטיקער, זיך אויסגעטון און געלייגט זיך שטי־לערהייט אין זיין ווייסן בעטל. ער האָט קיינמאָל צו קיינעם נישט גערעדט, קיינעם נישט פאַרטשעפּעט, און געווען דער רויִקסטער צווישן אַלע.

איך האָב זיך שטענדיק געוווּנדערט, וווּהין ער גייט אַוועק אויף גאַנצע טעג. אַזוי ווי איך בין געווען קראַנק און נישט געטאָרט אַרונ־טערגיין פון בעט, האָב איך נישט געקענט גאָרנישט געוווּיר ווערן וועגן זיינע טעגלעכע עקסקורסיעס. שפּעטער אָבער האָב איך אַליין שוין געמאַכט שפּאַצירן אין זאַל און אין קאָרידאָר פון שפּיטאָל.

איינמאָל האָט מיך אַ פּאַציענט־פריינט אַרויסגעפירט אין אַ קליינעם גאָרטן. איך בין געווען דערשטוינט. נאָך קיינמאָל האָב איך אַזוי טיף נישט איבערגעלעבט דעם הימל, די טיפע, פעטע בלויקייט, די אימאַזשי־ניסטישסטע וואָלקנס, ווי אָנגעוואָרפענע דורך אַ נאַכלעסיקן מאָלערס פּענזל. אין די ווינקלען פון גאָרטן האָבן געשפּראָצט גרופּעס רויטע בלומען, בלויע און געלע. איך בין געווען אַנטציקט; שוין לאַנג ווי איך האָב נישט געזען קיין בלומען, קיין טיף־גרינעם גראָז, קיין קרומע ביימער מיט זינגענדיקע פייגל אין די צווייגן... איך האָב מיט מיין האַרץ־הויט באַרירט דעם הימל...

איך האָב זיך געזעצט אויף אַ באַנק ביים צי״עלנעם פּלויט, און ערשט איצטער האָב איך געזען, אַז דער בלינדער מאַן זיצט אין

גאָרטן, לעבן מיר. די אויגן זיינע אָפן, פונקט ווי זיי וואָלטן די צאַרטע שיינקייטן געזען און געטרונקען... אָבער זיינע אויגן זענען געווען בלינד, פול מיט טרויער... צייטנווייז האָט ער זיי אויפגעהויבן צום הימל, ווי ער וואָלט באַטראַכט די פּרעכטיקע וואָלקן-פּייזאַזשען אין דער הויך, די כמאַרעס-אַלפּן, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט, ער זעט... ער האָט פילייכט אַלץ געזען, אפשר נאָך טיפער און שענער געזען, ווי איך... אָבער בלויז מיט די בלוי-שיינע אויגן פון זיין איידעלער נשמה...

און ווען דער אָוונט איז צוגעפאַלן, איז געוואָרן נאָך פינסטערער אין זיינע אויגן. די זון, וואָס איז שוין געווען אונטער דעם האָריזאָנט האָט נאָך מיט אַ לעצטן רויטן בליאַסק געשיינט אין די דאָזיקע מעלאַנכאָלישע אויגן... עס האָט זיך מיר ווידער געדאַכט, אַז זיין פליושענע, רויטע נשמה קוקט אַרויס פון זיי...

דאַן איז ער אַריינגעגאַנגען אין זאַל און צוגעגאַנגען צו זיין בעטל. אין קאָרידאָר פלעגט אים עמיצער פירן, אויס מיטלייד. אין זאַל איז זיין בעטל געשטאַנען דאָס לעצטע פון דער אַנדערער זייט פון דער וואַנט. זיין מעטאָדע איז דעריבער געווען אַ לייכטע אַהין צו-צוגיין: ער האָט מיט זיין שטעקן אָנגעקלאַפּט אָן יעדן בעטל, געציילט, און ווען ער איז געקומען צום דרייסיקסטן, איז ער געבליבן שטיין, זיך אויסגעטון און זיך געלייגט אויפן רוקן, אַזוי ביז פיר אַזייגער אינדערפרי, נישט איבערצודרייען זיך...

טיילמאָל פלעגן געמיינע פּאַציענטן אים מכלומרשט צוהעלפן ביים ציילן די בעטלעך און איבערהיפּן איין בעטל; דער בלינדער פלעגט זיך דאַן לייגן אין דעם 29-טן בעטל, און, צו אַלעמענס ווילדן געלעכטער, זיך מוזן איבערטראָגן אין זיין געלעגער...

דאָס איז געווען ברוטאַל און גרויזאַם צו אַ ליידנדן מענטשן, וועלכער האָט קיינעם נישט געקריוודעט און אַליין שוין גענוג גע-שטראָפט געוואָרן מיט ליידן... אָבער אויך צווישן די קראַנקע, ליידנדע מענטשן זענען דאָ שלעכטע און געמיינע... און אַפילו אין די ביטערסטע ליידן שפּאַרט אַרויס דער מענטשלעכער דראַנג צו אַביסל שפּאַס, צו דער אויפלייזונג פון דער טראַגישער פאַרגליווערונג...

איינמאָל בין איך מיטן בלינדן געזעסן אין גאָרטן און מיר האָבן, ווי שטענדיק, ביידע געשוויגן. די זון איז הויט אונטערגעגאַנגען, די צאַרטע רויזן און טולפּאַנען האָבן זיך געוויקלט אין זייערע אייגענע

בלעטער-העמדער פון בלויען און רויטן זייד... פלוצלינג רופט זיך צו מיר אפ דער בלינדער.

— ס'איז אזוי שיין, הא?...

איך בין געבליבן דערשטוינט. איך האב געמיינט, אז ער זעט קיינמאל גארנישט... און אט גאר — ער זעט אלץ...

— א, ס'איז זייער שיין, זייער שיין! — האב איך זיך אפגערופן צו אים, ווי צו א זעענדיקן מענטשן...

ער האט געשמייכלט. ער האט אפילו „געזען" מיין דערשטוינונג... און איך בין געווען זיכער, אז א געהיימע קראפט מאכט אים זען, און זיין הארץ האט רויטע, זיידענע אויגן. אז ער איז איין גרויס, געניאל אויג, וואס זעט טיפער ווי מיט מענטשלעכע אויגן...

יעדן זונטאג האט אים באזוכט א מיידל מיט רויטע האר. זי איז געווען יונג און שיין, מיט בלויע, טיף-צארטע אויגן. איז זי געווען זיין טאכטער, אדער זיין אייניקל? איז זי געווען זיין פריינדין?...

זי האט דעם בלינדן מאן געבראכט עטלעכע פעקלעך ציגארעטן און א בוקעט בלומען. ווען זי איז געשטאנען לעבן זיין בעט, האט זיין פנים געשטראלט, באהאלטענערהייט, ווען די ארומיקע האבן נישט געזען, האט ער מיט א דארער האנט געגלעט די געקרויזלטע לאקן פון זיין פריינדין... זי איז געווען גערירט אין די מאמענטן, טרערן פלעגן זיך באווייזן אין אירע אויגן און רינען איבער אירע באקן. און דאן פלעגט זי נעמען זיין האנט אין אירער, און צערטלען זיין עלנטע האנט.

ווען זי פלעגט אוועקגיין פון אים, נאכן דריטן קלונג, וואס רופט צום לעצטן מאל די באזוכערס צו פארלאזן דאס שפיטאל, פלעגט ער אויסדרייען זיין געזיכט צו דער זייט, ווו זי האט זיך דערווייטערט און איז פארשוואונדן. ער האט איר „נאכגעקוקט", געפילט, געשמעקט און עמפונדן איר צארטן וועזן.

זי איז געווארן אומבאקאנטערהייט די געליבטע פון אלע פאציענטן אין דעם זאל, אלע האבן זי געליבט...

איין זונטיק האט זי זיך נישט געוויזן. די גאנצע וואך איז דער בלינדער געווען טרויעריק, און מיר אלע האבן אנטייל גענומען אין זיין טרויער... און ווען זי איז געקומען דעם צווייטן זונטיק, האבן מיר זיך נישט פארניגען צו קוקן אויף איר... זי איז געווען אזוי שיין און האט מיט קלארע, בלויע, ברייט-אפענע און צארטע אויגן ארײנ-

געקוקט אין די טויטע אויגן פונם בלינדן, פונקט ווי זי וואָלט וועלן איבערגעבן די קראַפט פון אירע אויגן אין זיינע...

איינמאָל בין איך ווידער געזעסן לעבן אים אין גאָרטן און געזען, ווי דער בלינדער איז אומבאַוועגלעך. איך האָב געמיינט, אַז ער איז פאַרזונקען אין מחשבות. אָבער מיר איז אויפפאַלנד געוואָרן זיין אומבאַוועגלעכקייט.

איך האָב אים אַ ריר געגעבן אין זייט. ער האָט געשוויגן. דאַן האָב איך אים אַ שטופּ געגעבן. ער איז אומגעפאַלן... ער איז געווען טויט—געשטאָרבן, זיצנדיק לעבן מיר, און איך האָב נישט געהערט און נישט געזען...

דורך די שויבן פון די זאַל-פענסטער האָבן מיר געזען דאָס מיידל, דעם בלינדנס „פריינדין", גיין אין דער שמאָלער אַלייע. זי איז געווען געקליידט אין שוואַרצן, אין קרעפּ... אירע רויטע לאָקן האָבן זיך געבויגן און געוויינט...

מיר האָבן נישט אַזוי שטאַרק באַדויערט דעם אָרעמען בלינדן, ווי די אומגעמעגלעכקייט ווייטער צו זען די „פריינדין" פון אונז אַלעמען... זי וועט מער נישט שטיין ביי דעם בעט און גלעטן זיין האַנט, ברענגען ציגאַרעטן, וועלכע ער האָט שפּעטער צעטיילט צווישן די קראַנקע, און בלומען-בוקעטן, וועלכע זענען געשטאַנען אין אַ גלעזל מיט וואַסער אויפן קליינעם טישעלע לעבן זיין בעטל...

און איך — איך האָב געטראַכט, אַז אפשר איז ער איצט גליקלעכער... אפשר זעט ער איצט נאָך מער ווי פריער...

די מעלאַנכאָלישע פּאַלאַצן

אַ נעפּלדיקער טאָג ערגעץ-ווו אונטער ניו-יאָרק. ערשט האָט געררושט בראָדוויי און טיימס-סקווער. דאָ אויף די רויִקע פעלדער מעקען קי אויף דער פּאַשע. די פעלדער זענען פייכט, טרויעריק, פון נעפּל גרוי און פון די טויען גלאַנצנדיק.

דער וועג צו דעם משוגעים-הויז פירט דורך וווּנדערבאַרע ערטער, ווּ די נאַטור איז אַזוי קרעפטיק, געזונט און שטאַרק. דער ווינט רייסט און פייפט און יאָמערט זיין אייביק ליד. פון דערווייטנס דער־זעען מיר יענע פּאַלאַצן, ווו עס היילן זיך די משוגעים.

ניו-יאָרק איז ווילד און גרויזאַם. ניו-יאָרק איז, ווי אַ ים, וואָס טרייבט זיינע כוואַליעס צום רוישן און שטאַרבן. די מענטשן לויפן, יאָגן, טראָגן דורך זייערע קערפּער דורך אומצייליקע סאָבווייס עלע־ווייטערס, קאַרס און וועגן. די מענטשן טראָגן דורך זייערע בינטלעךביינער דורך אַלע רוישנדיקע סקווערן, דורך פּאַרקן, טעאַטערס, קינאָס און שאָפּס. די מענטשן האָבן נישט קיין צייט צו ליבן זייערע פרויען, צו זען, ווי עס ווערן גרעסער זייערע קינדער, ווי זיי צעשמייכלען זיך. מען האָט נישט קיין צייט צו קוקן אין שפּיגל און זען, ווי מען ווערט גרוי, ווי די קראַנקייט שרייבט אירע קנייטשן-פּאָעמע אויפן געזיכט. ביים פריזיער קאָכט מען אָפּ די דאָזיקע קנייטשן אין וואַרעמער זייף, אין וואַרעמע האַנטוכער. איינמאָל דערזעט מען, אַז מען איז שוין ווייס — נו, פאַרטראַכט מען זיך אַ ווײַלע און מען איילט צום אונ־טערגרונט-באַן. מענטשן שטראָמען און „רינען" דורך אַלע טונעלן, קאַנאַלן, בריקן, ווינדעס,געביידעס. ערגעץ ביי די זייטן פון ניו-יאָרק, פירן מעלאַנכאָלישע וועגן אַרויס די אַלט-געוואָרענע און יונג-שטאַרבנ־דיקע צו די קברים, ווו זיי רוען זיך ענדלעך אָפּ. ערגעץ ליידיקט מען אויס די שטאָט — און אין די שפּיטעלער נעמען הייבאַמס און

שוועסטערן אין ווייסע טיכלעך נייע קינדער אָפּ, נייע צאַפּלדיקע וועזנס, וואָס פולן אָן ניו-יאָרק צוריק.

פאַרוואָס האָט מען נאָך מיט אַ קינאָמאַטאָגראַף נישט פאַרצייכנט די פּאָעמע פון אַלט-ווערן. פּשוט דערפאַר, ווייל אַ מענטש קאָן דאָך נישט איינשטיין זיין גאַנץ לעבן אויף איין אָרט פאַרן אַפּאַראַט... בפרט אין ניו-יאָרק.

אַ טייל ווערן גאָר משוגע; זיי פאַרלירן דעם געדאַנק. ווערן ווילד, מעלאַנכאָליש, נאַכלעסיק, אַפּאַטיש. פינסטער און גרויזאַם און האַרציק, העפלעך, קאַלט און ליידנשאַפטלעך...

אויף „טיימס-סקווער", גייענדיק אין דער צעשמאָלצענער מאַסע פון אַ הייסן מענטשן-שטראָם, וואָס לאָזט זיך אַרויס, ווי אַ היישעריק פון די קאָמוניקאַציע-מאַשינען — ווערט פּלוצלינג אַ מענטשן נישט גוט. ער ווערט אַ שטיק פלאַמענדיקע עלעקטרישע רעקלאַמע פון עפּעס אַ נייעם אַרטיקל, ערשט דערפונדן. ער פאַרגעסט זיין פרוי און קינד — און... אים געפעלט די זאַך! אים פאַלט נישט איין, אַז ער איז משוגע...

וואַרפט זיי די שטאָט אַרויס; ווי שפּייעכץ ווערן זיי אויס-געשפּיגן פון דער אייגענער שטאָט אין גרויע פעסטונגען, דאָרטן ווייט, ווייט, אַזש אַכציק מיילן פון דער מעטראָפּאָליע... קום איך צו זיי דורך גאָלדענע פעלדער, דען אין ערגעץ אין אייראָפּע זענען נישט די פעלדער אַזוי פאַרביק, ווי אין ניו-יאָרק. איך בין נישט קיין באָטאַ-ניקער און, ווען איך ווער באַגייסטערט פון רויטע בלומען — ווייס איך אָפט נישט זייערע נעמען, זייער כאַראַקטער, אייגנשאַפטן און פונקציעס. איך קען נאָר באַוווּנדערן...

זענען, אַלזאָ, די פעלדער רויט און בלוי מיט אַ מאַסע שיינע בלומען און פאַרביקע דערנער. ווען די דערנער זענען שיין, האָט איך זיי ווייניקער.

די פעסטונגען זענען נישט באַפּוצט, אָן אַרכיטעקטור, פּירקאַנ-טיק, ווי גרויע, מעכטיקע טורמעס. זיי זענען געבויט פון רויטע ציגל. פופצן טויזנט פערזאָן זיצן אין די דאָזיקע שטיינערנע נעסטן. פופצן טויזנט מענטשן — און יעדער איינציקער אַ מלוכה פון געדאַנק, מע-לאַנכאָליע, טרוים, פאַנטאַזיע און ליידן...

שטייען אונטער די קראָטן די פרויען, וואָס טרוימען צו זיין העלדינס און קעניגינס, קוקן צו די אָנקומענדיקע, מיט מע-לאַנכאָלישע בליקן צו דער ווייטקייט, צום הימל — געווענדט, מיט

געבויגענע געזיכטער פול טרויער, אין לייכטע, פארביקע קליידער. צו פארגליווערטע סטאַטועס זענען זיי ענלעך, אויסגעהאַקט פון גריכישע סקולפּטורן, ווי די פאַרקערפּערונג פון שרעק, זענען טייל ווילד, ווי די ליידנשאַפט און גרויזאַם, ווי מעדוזעס. מערסטנטיילס זענען עס צעבראָכענע מענטשן, פון לעבן אָפּגענאַרט, פון לעבן אַנטוישט, אָן האָפענונגען, מיט יאָמער אין די ברוסטן...

אין דאַנטעס קעניגרייך, אין גיהנום לאַכט קיינער נישט. אַ פאַרשטאַרטן יאָמער און ערנסט האָט אַ מעכטיקער גורל אַרויפגעצוואונגען אויף די געזיכטער פון די ליידנדיקע. אויך דאָ איז עס אַזוי. קיין שפּור פון האָפענונג. פאַר דער, וואָס גייט דאָ אַריין, וועט זיך די גילדערנע טיר שוין קיינמאָל נישט עפענען — אויסער צום טויט...

די זון גייט אויף — און די שטראַלן וויקלען אום די קערפּערס פון די אומגליקלעכע. די שטראַלן זענען פריינטלעך און מאַכן נישט קיין אונטערשיד צווישן משוגעים און נאָרמאַלע. ווי ווייסער מאַרמאָר ווערן ליכטיק זייערע פּנימער, און די אויגן האַלב-געשלאָסענע, עפענען זיך. די אויגן, אַך די אויגן! דאָס זענען די טרויעריקע פענסטער צו די מענטשלעכע געהיימניסן, צו די מענטשלעכע ליידן און ליידנשאַפטן.

און דאָך מוז עפּעס זיין, מוז ערגעץ זיין אַ גרויסער, שטאַרקער מאַן. אַ גאָט — צי אַ וועזן אין דער נאַטור, אין קאָסמאָס, וואָס ליבט זיי און צו וועמען זיי פילן צערטלעכע געפילן. די טויזנטער פרויען מוזן האָבן אַ גאָט, וואָס שפּילט זיך מיט זיי אין חלום. ער מוז זיין זייער געליבטער, און פאַר אים צעקעמען זיי אין פרימאָרגן זייערע רויטע לאָקן און פאַר אים צעקעמען זיי זיך נישט זייערע טונקעלע האָר. פאַר אים טוען זיי אָן די זיידענע קליידער און פאַר אים טוען זיי נישט אָן די זיידענע קאָפּטנס און די שיינע מאַנטלען. פאַר אים טוען זיי זיך אויס נאַקעט, צו פּאָזירן, צו לייכטן מיט דער פאַרגליווערטער שיינקייט פון זייערע פּרעכטיקע קערפּערס...

די זון עפנט זיי אויף ווי רויזן, און טייל וואַרפן צו אַ שמייכל אַ בליק פון צופרידנקייט; דער גלאַנץ פון אַ בלויזן טרוים, וואָס האָט זיי באַגאָסן מיט ליכט...

און ביי די מענער? — זיי רעדן פיל, טראָגן אין די הויזן-קעשענעס די בריוו פון זייערע פרויען, לאַכן, שרייען, ליאַרמען, ברעכן און ווייצלען זיך; טייל ציטערן, געפינען זיך נישט קיין אָרט, זוכן צו אַנטלויפן פון מענטשן, ווילן זיין אַליין, שרעקן זיך פאַר די באַזוכער;

שרעקן זיך אַוועקצוזעצן אויף די שטולן, וואָס די באַזוכערס ברענגען זיי, דען דאָרטן קען זיין איז אונטערגעלייגט דינאַמיט... פאַרפאָלגטע, געפייניקטע, געיאָגטע און פאַרוועלקטע פון שטויב, פון פאַבריקן, פון פרויען, פון פריינט, פון דער וועלט, פון ניו-יאָרק און פון זיך אַליין אַממערסטן; געיאָגט; געיאָגט, — און זיך איבערגעיאָגט, פאַרלוירן דעם וועג, דעם געדאַנק, דעם דראַנג צום לויפן, דעם דראַנג צו יאָגן...

די וואָס רעדן, זענען זייער נאַיִוו, ווען אַפילו שוין באַלד אויס-געהיילט; די קינדער זייערע קוקן מיט שרעק, ווי דער טאַטע רעדט נאַרישקייטן... זיי דערציילן יעדע קלייניקייט, קריגן זיך אַרום, האָבן פיינט די באַאַמטע, פאַרזיכערן, אַז זיי זענען שוין נישט משוגע, אַז אָט יענער איז שרעקלעך קראַנק; אַז ער וואָלט שוין געקאָנט היילן אַנדערע; מאָדנע איינפאַלן, אָריגינעלע וויצן, שיינע וואָרט-שפּילן, פּאָ-ליטישע שאַרפזיניקייט, ווענדן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אין איין קליינעם פּונקט, עסן אויטאָמאַטיש און קוקן מיט שרעק אויף די באַ-זוכער, ווי אויף אַ פרעמדן פיראַטן-פאָלק, וואָס וויל זיי שלעכטס טון... ליידנשאַפט-אויסברוכן, גיריקע בליקן אויף די פרויען, קינדערישקייט אומבאַהאָלפנקייט; אַרויסגעריסענע פון לויפנדיקן באַנד פון ניו-יאָרק, פאַרפעלט צוצולייגן אַ שרייפעלע—און אַלץ איבערגעריסן, זיך פאַרניכטעט.

שטאַרק אויפפאַלנד איז דאָס וועלן זיך אויסטענהן, אויספיינען פון יענע משוגעים, וואָס זענען שוין נאָרמאַלער; דאָס וועלן רעדן צו דער זאַך און איבערצייגן די נאָענטע, אַבי מען זאָל זיי אַהיים נעמען...

* * *

פאַרנאַכט; די משוגעים בלייבן ווידער אַליין, זאָגן-צו גילדענע גליקן, זענען אַזוי דזשענטעלמעניש און העפלעך, קושן זיך און שפּילן ממש טעאַטער... די מעלאַנכאָליקער רירן זיך נישט, בלייבן זיצן, ווו מען האָט זיי אַנידערגעזעצט, ווי פאַרשטאַרטע קערפּערס...

די זון פאַרגייט שוין און פאַרבט אָפּ, ווי מיט אַ גוואַלטיקן פּענזל די רויטע ציגלנע מויערן פון די געביידעס; דורך די קראַטן קוקן אַרויס פאַרשידנאַרטיקע נישט נאָרמאַלע מענטשן מיט טרויעריקע בליקן... צום ערשט פאַרשווינדן די מענער, דאַן גריסן זיך שוין די פרויען, בויגן זיך מיט ווירדע, ווי פאַרגליווערטע קעניגינס פון גרויסע לענדער, וועמען די נייע הערשער האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון די טראָנען און זיי פאַרמשפּט צו שמאַכטן אין די קעלערן...

די זון פאַרבט רויט די מויערן, די מענטשן, די מאַרמאָרנע געזיכטער, די קליידער פון זייד, די פעלדער פון גאָלד און בליי... עס ווערט אומעטיק...

איך באַטראַכט דאָס אַלץ און דערמאָן זיך אַ בילד פון וואַן גאָג, דעם בעלגישן קינסטלער־מיסטיקער און קאַטאָליק, דעם קוילנגרעבער און משוגענעם. זיין בילד „דער גאָרטן פון משוגעים־הויז" איז פונקט אַזוי פאַרביק, פאַרשידענע זאַפטיקע, רויטע און פיאָלעטע קאָלירן, אַ שטילע אידיליע פון טרויעריקע פאַרבן אין אַ מעלאַנכאָלישן גאָרטן... און די זון סמאַליעט אַלץ, מאַכט ליידנשאַפטלעך שווער און פול מיט באַגער...

אויך דאָ שיינט שווער די זון. אָט פאַרשווינדט זי. בלויע ריזיקע וואָלקנס קומען פון הימל, הילן איין די ציגלנע געביידעס. אויף גרויסע פליגל פליען זיי אַוועק איבערנאַכט צו קילע רוישנדיקע טייכן, וואָס היילן מיטן קלאָרן גלאַנץ פון די כוואַליעס און מיטן זאַפטיקן רוישן די נערוון פון די קראַנקע... און זיי פילן... עמעצער, אַ גרויסער, צאַרטער גייסט ליבט זיי, האַלזט זיי און קושט זיי, פליסטערט אין זייערע אויערן שטילע רייד. עמעצער האָט זיי ליב און באַשירמט זיי, כאָטש ער האָט זיי אַזוי ביטער פאַרשאָלטן...

בעק

די זון איז פאַרגאַנגען אין אַ קאַלוזשע בלוט, ווייט, ווייט הינטער די הייזער, בערג און וועלדער; איך האָב אַ גאַנצן טאָג געהאַט געוואַנדערט איבער די גאַסן פון בריסל דער אַלטער שטאָט. איצט בין איך שוין געווען ביים עק שטאָט, אין די לעצטע געסלעך, אין וועמענס קליינע הייזלעך עס לעבן די אָרעמעלייט. איך בין געווען מיד, הונגעריק און קראַנק. איך האָב געזוכט רו. די היץ האָט געברענט. פלוצלינג האָב איך, ווי אין אַ מדבר, באַמערקט אַ קליינעם פּאַרק, וואָס האָט מיט זיינע גרינע, שאָטנדיקע בוימער מיך דערפרייט, דערפרישט; שוין האָב איך געפילט איבער מיין רוקן דעם קילן הויך פונם טונקל-גרינעם בוים. איך בין צוגעגאַנגען צו דעם אָאַזיס, איבער די שטויביקע געסלעך. באַלד האָב איך דערזען, ווי אַ הויכער מאַן, אין אַ געלן, צעריסענעם מאַנטל שטייט ביי אַ שוי-פענסטער. אַ הונט, אַ ווייס-געפלעקטער און אַ ריזיקער האַווקעט, בייזערט זיך און פליקט די נאָכהענגנדיקע טראָלדנשטיקער פון דעם מאַנס צעריסענעם פּאַלטאָ; דער מאַן האָט קיין אויפמערקזאַמקייט נישט געשאָנקען צום הונט דאָס האָט מיך געמאַכט שטוינען. ס'האָט געמוזט זיין זייער אינטערעסאַנט, וואָס דער מאַן זעט אין פענסטער, אַז ער זאָל אַפילו קיין בליק נישט וואַרפן אויפן הונט. איך בין צו נעענטער, באַטראַכט דעם געהיימניספולן הויכן, ריזן-שטאַרקן מענטש, אין זיין גרויסן, אומגעלומפּערטן בגד, אין זיינע שיך, וועמענס פּאָדעשוועס זענען אַרומגעבונדן מיט שטריקלעך און שנוראָוואַדלעס. זיין געזיכט איז געווען ווי פון אַ דייטש, ער איז אָבער געווען צו טונקל צו זיין אַ גערמאַנער. איך האָב זיך איינגעקוקט אין זיין געזיכט. עס איז געווען גוטמוטיק, אַנגענעם און פּאַרוואָרלאָזט. ער איז געווען שיין און אַנגענעם, זיינע שוואַרצע, גלאַנצנדיקע האָר זענען אים אַראָפּגעפאַלן אין

ווילדע קרויזן איבער דעם שטערן. זיינע נייגעריקע, גוטע, אויגן האָבן געקוקט אין שויפּענסטער.

עס איז געווען אַ בלומען־געשעפט. איך בין געווען דערשטוינט. ווי קומט דער דאָזיקער מאַן אַריינצוקוקן אין אַזאַ צושטאַנד אין אַ בלומען־פּענסטער. ווען איך האָב אויך געוואָרפן אַ בליק אַריין, בין איך פאַרגליווערט געוואָרן. דאָס איז ווירקלעך געווען אַ מיראַזש. ווייסע, צאַרטע, פאַרגליווערטע ליליעס, מיט רויטע פיילן־הערצער אין זייערע בעכערס, האָבן זיך געטוליעט צו בלוט־רויטע ליידנשאַפטלעכע אָרכידייען, און די טוליפּאַנען, בלויע טונקל־געפלעקטע, האָבן גע־פּישופט דאָס אויג...

דער פּראָלעטאַריער אין זיין נאַכלעסיקן הילך האָט, ווייזט אויס, ליב געהאַט בלומען. איך האָב געזען, ווי זיין געזיכט ווערט פאַרענ־דערט, ליבלעך, אַ שמייכל באַהערשט דעם אומעט, זיינע שיינע אויגן גלאַנצן מיט טיפער געריריטקייט, און די זון — די זון איז פאַרגאַנגען, ווי אַן אומגעהויערער קאָלאָס אין בלוט, מיט רויטן פליוש טאַפּעצירט אַלץ אויף דער ערד. די קליינע פענסטער פון די ברודיקע בריסעלער פאָרשטאָט־הייזלעך האָבן געלויכטן, ווי בריליאַנטענע אויגן. יינגלעך און מיידלעך האָבן אויף פרייע פלעצער געשפּילט, געלאָפן, די הינט־לעך זענען נאָכגעלאָפן, זיך פאַרגאַפט געקראַצט מיטן אונטערשטן לאַפּקעלע דאָס רעכטע אויער. אַ מיידל האָט אַריינגעקוקט אין אַ פענסטער פון זייד און אַנדערע שטאָפן, געשמייכלט ביים טרוים פון זיך מאַכן אַ קלייד פון רויטן זייד. די זונען־שטראַלן האָבן זיך געשפּילט איבער די פאַרביקע שטאָפן. איך האָב געזען דעם מאַן, ווי ער גאַפט צו די בלומען. די שמאַטעס פון זיין בגד האָבן געלויכטן, ווי רויטע שטיקער, פון די לעכער האָבן, ווי בלומען געשפּראָצט, ער איז איצט געווען אָנגעטון אין אַ מאַנטל פון זונען־שטראַלן און רויטע לאַכעס...

ענדלעך האָט ער געוואָרפן אַ בליק צו מיר. עס איז געווען אַ זייער גוטער בליק. איך האָב זיך צעלאַכט און ווילוונגעריש געפרעגט אין פראַנצויזיש:

— העי, ווי רופט מען דיך?

דער מאַן האָט אַ שמייכל געטון. אַזוי ווי ער האָט שוין אוודאי זייער לאַנג ניט געשמייכלט, איז דער איצטיקער שמייכל געווען

עפעס מאָדנע צעקרומט, אומגעוווינט און אויסטערליש. דאַן האָט ער צווישן די ציין געענטפערט אין דייטש:

— מען רופט מיך בעק.

— נו, ווו גייסטו, בעק? האָסטו שוין היינט געגעסן? — שוין לאַנג, זייער לאַנג האָט מען אים אַוודאי נישט געפרעגט אַזעלכע פראַגן. דאָס איז אים אויסגעקומען זעלטן, מאָדנע און אומזיכער. ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט און געזאָגט:

— געגעסן, האַ? דו מיינסט, צי איך האָב היינט געגעסן? און אַז נישט, האָסטו דען עפּעס געלט אין דיין לייזיקער קעשעניע?

— קום בעק, — האָב איך צו אים פריינדלעך געזאָגט, — ווּעסטו עסן ברויט מיט הערינג און פאַרטרינקען אַ ביר, ווּעט עס גענוג זיין פאַר דיין גרויסן מאָגן?

בעק, דער גוטער, הויכער ריזן-יונג האָט זיך צעשמייכלט ווי אַ קינד.

איך האָב פאַרשטאַנען לויט זיין ריזן-גרויס, אַז דער מאַן פרעסט זייער פיל. גאָט באַשאַפט אַזעלכע מענטשן צום עסן — און נישט צום הונגערן. מיר זענען אַריין אין אַ קליינער קנייפּע. אַ דיקער וואַלאָנער מיט לאַנגע, פעטע וואָנסעס איבערן שמאַלציק-רונדן געזיכט האָט אונז צוגעגעבן אַ ווייס ברויט, הערינג, און צוויי גרויסע „דעמיס" (ביר-גלעזער) האָבן געשוימט מיט ווייסן שוים אויף גרינעם ביר. פריער האָבן זיינע אויגן געגעסן מיט די בליקן די פּאָרציעס, דאַן האָט ער גענומען עסן. ער האָט שנעל, ווי דורך עמעצן געיאָגט, געשלונגען די ברויט-ביסנס, דאַן האָט ער פאַרטרונקען דאָס ביר. איך האָב אים געלאָזט אויסטרינקען מיין ביר — און אונטער די שויבן פון קאָפּע איז געוואָרן שוואַרץ, אַ גרויסע נאַכט איז צוגעפאַלן צו דער ערד.

בעק איז געוואָרן זייער גוט, ווי אַ קינד. ווען ער האָט זיך אָנגעפרעסן, האָט ער מיר דערציילט, אַז ער איז אויסגעוויזן פון אַכט אייראָפּעישע לענדער, פאַר קאָמוניזם, ער קומט פון דייטשלאַנד, איז אַ ייד, איצט דרייט ער זיך אַרום אין בריסעל, ווי ער האָט שוין אַן אויסווייז פון בעלגיע. מאָרגן אינדערפרי פאָרט ער קיין פּאַריז.

מיין וועג איז געווען קיין סעריין, אין דער בעלגישער קוילנ-גרובן געגנט. פאַריז האָב איך פון לאַנג שוין ליב געהאַט. מאָרגן אין דערפרי פאָר איך קיין סעריין. בעק איבערצייגט מיך, אַז ס'איז בעסער, מיר זאָלן צוזאַמען פאָרן. צו וואָס זיך צעשיידן. „קאָמעראַדן"

פאָרן צוזאַמען: „ווען איך אַרבייט פינדע, איך געבע דיר צו פרעסן, דו ביסט איין גוטער יונגע״. איך האָב איינגעשטימט.

* * *

מיר פאָרן צוזאַמען. פריער, באַלד אינדערפרי, האָבן מיר געטרונקען קאַווע ביי דער „דיקער מאַרי״ אויפן אַלטן מאַרק אין בריסעל. דאָרט פלעגט מען באַקומען גרויסע טעפּ קאַווע. עס פלעגט אָנפילן די קישקעס מיט וואַרעמקייט. עס פלעגט אַזוי גוט און, אַנגענעם ווערן: די שיקסע פלעגט זיין צו אַלעמען אַזוי גוט און דער־לאַנגענדיק דאָס גלעזל קאַווע, האָט זי אַזאַ פּעטן שמייכל געטון, אַז די שוואַרצע קאַווע איז אַזש ליכטיק געוואָרן. עד, וואָסאַראַ ברייט שיקסישן שמייכל זי האָט דאָס אונז געגעבן יענעם פרימאָרגן.

מיר פאָרן. דאָס האַרץ קלאַפּט. באַלד קומען מיר שוין צו „קיווריין״, די בעלגיש־פראַנצויזישע גרענעץ. קיין פּעסער האָבן מיר נישט. בעק איז מוטיק און אומעטיק. ער איז גרויס, שטאַרק און טרויעריק. ער לאַכט פון פּעסער, גרענעצן און טורמעס. דער גרויסער יונג צעשמייכלט זיך מיר אין וואַגאָן און שרייט אויס: „ווייסטו וואָס איך האָבע מיטגענומען?״ און שמייכלט מיט דער לאַנגער רייע ווייסע ציינער. ענדלעך שלעפּט ער אַרויס פון קעשעניע אַ ראַזיר־אַפּאַראַט, מיט אַ בערשטל, זייף און — פרייט זיך, פרייט זיך אומענדלעך. אויך אין טורמע, דערציילט ער מיר, ראַזירט ער זיך מיטן אייגענעם אַפּאַראַט.

די פעלדער פליען דורך. בוימער, טייכלעך, לאָנקעס און אַלשי־נעס. וווּנדערלעכע פּייזאַזשן, גרויער פאַרנעפּלטער פאַרמיטאָג. אין אַלע לענדער איז די נאַטור די זעלבע. פייגל, קליינע ייִנגלעך ביי די הייז־לעך, בליקן צו דער דורכלויפנדיקער שטאָלערנער שלאַנג. וואָלקנדלעך איבערן נעפּל, בלייכער זון־שיין, אומעטיק און שרעק פאַר די גרענעצן...

„קיווריין״ איז שוין דאָ. בעק זאָגט מיר אָן, ווי אַזוי צו גיין ביי דער גרענעץ, נישט שרעקן זיך, נישט ווערן בלאַס, נישט צאַפּלען מיט די פיס, נישט דערשרעקן זיך, ווען מען פרעגט עפּעס, נישט לויפן: גיין „גראַדע״ ווי אויף אַ שפּאַציר. ער אַליין גייט הינטער מיר. איך זאָל כסדר גיין, גאַרנישט זיך אומקוקן, נאָר גיין. שוין גיי איך, שוין ציטער איך פאַר שרעק, שוין צאַפּלען זיך די פיס אונטער מיר, גאָט מיין גאָט! איך קריך פון דער הויט...

עפּעס אַ יידל טשעפּעט זיך מיר צו: איך זע, אַז ער ציטערט מער פאַר מיר, ער איז בלייך, דאָס געלע בערדל ווערט אַזש ווייס. ער רעדט צו מיר, ווי איך וואָלט געווען אַ דערפאַרענער גרענעץ־גייער. איך בין אומגליקלעך! דאָס יידל ווערט אונז אַלעמען איבערפירן!

אָט איז די גרענעץ. אַ שטריק הענגט אין דער הויך איבערן וועג. די וועכטער קומען אַרויס, באַזוכן אונז, צי מיר פירן ציגאַרעטן. איך ציטער, איך וויל זיין שטייף. אָט־אָט אַרעסטירן זיי מיך, שיקן מיך צוריק, וואַכן, טורמע. אָבער אַלץ גייט דורך גוט.

בעק מוסרט מיך פאַר מיין שלעכטער האַלטונג. כ׳הער אַלץ אויס, ווי אַ קינד, ווי אַ קליין יינגל, וואָס ווייסט, אַז דער עלטערער איז גערעכט. מיר פאָרן איצט קיין „וואַלאַנסיען". איך קוק אַלץ אַרויס צו די מענטשן, צום הימל, איך זע די זעלבע וואָלקנס שוועבן איבערן פראַנצויזישן הימל, איך זע נישט קיין אונטערשיד אין די אומעטיקע פעלדער. אויך דאָ בלייכט די זון און נעפּל. אָבער דאָס איז דאָך דאָס לאַנד פון דער קלאַסישער רעוואָלוציע, 1930, 1818, 1871 און 1932?... אַ פּרוי גייט איבערן פעלד מיט צוויי קליינע טעכטערלעך ביי די הענט... בלאָנדע קעפּעלעך, זון־שיין, איך בין גליקלעך...

* * *

פּאַריז. פּאַריז פון קונסט און דעמאָנסטראַציעס, פון וועלט־פּראָטעסט־מיטינגען און קאָמונאַרן. פּאַריז, פּאַריז מיט די אָפּגעברענטע מויערן פון אַלטע הייזער — די שטאָט פון אייביקן בונט און עלעגאַנץ. בעק, ווי די דייטשן איבערהויפּט, האָט געדולד, באַטראַכט נייגעריק אַלע שיינע און נישט שיינע זאַכן. איך בין ווי איינגעהילט אין פלאַם פון באַגייסטערונג, ער אָבער איז אַ ניכטערער פּעדאַנט. פאַר אים שפּילן אַ ראָלע ציפערן, דאַטן, פּינקטלעכקייטן און קליינקייטן; מיך אינטערעסירט דאָס אַמווייניקסטן. איך נעם דאָס גאַנצע גרויסע, צינד זיך אָן דערמיט און ברען אין אייביקער באַגייסטערונג אין דער שטאָט פון גילאָטינע און מאַלעריי, אין דעם אַזיל פון רעוואָלוציאָנערע און טראַגישע נאַטורן.

אַרבעט, מען דאַרף זוכן אַרבעט. די לעצטע פּאָר סענט אויסגעלאָזן. באַלד אין דער פרי וועקט מיך אויף בעק, שלעפּט מיך איבער די גאַסן, מיר קויפן זיך צוויי הייסע ברויטלעך, פליקן פון די קע־

שעניעס; די מענטשן איילן, לויפן און יאָגן; אַרבעטער מיט רויטע האַלזטוכער איבער די העלזער, ביליקער „ווען רוזש״ (רויטער ווייַן) אין די קעשעניעס, שטופּן זיך אין די מעטראָס (אונטער-גרונט-באַן). פּשוטע פאָלקס-מיידלעך, אין געוויינטלעכע קליידלעך און בלוזקעלעך אָנגעטון, שמייכלען מיט אַזוי פיל חן אינדערפרי. עס יאָגן די אַרבעטער און ביוראָ-אָנגעשטעלטע; ביינאַכט לעבן אויף די געפּאַרבטע קאָקאָטעס, דרייען זיך ווי שאָטנס אין זייד געהילטע, ווי קראַנקע, טובערקולאָזע שמעטערלינגען, אין ליכט פון די בולוואַרן. ברענען, לייכטן, שמייכלען און פאַרשווינדן אין די האָטעל-הייזער און קאַבאַרעטן...

זייער גרויס איז בעק; ער האָט שטאַרקע הענט און מוסקולן; אָבער קיינער וויל זיי ביי אים נישט קויפן; זיין קערפּער דאַרף אַרבעטן, פרעסן, באַוועגן זיך; אין די האָטעל-צימערן גנבענען מיר זיך דורך ביינאַכט, יעדעס מאָל אַנטלויפן מיר מיט אַ נאַכט שפּעטער, נישט האָבנדיק פאַר דער לעצטער נאַכט באַצאָלט; בעק קויפט פאַר די לעצטע סענטימען דייטשע צייטונגען, איך קען קיין נישט דייטש, אָבער איך לייען זיי, איך קוק אַריין אין די אילוסטרירטע זשורנאַלן פון די זונטאָג-צייטונגען, דאָרטן זע איך בילדער פון די פּאַריזער מערקווירדיקייטן; די צייטונגס-בערגלעך וואַקסן. שוין וואָכן לאַנג טראָגן מיר אונזערע העמדער; אַך, די ווייסע העמדער, ווי שנעל זיי ווערן שמוציק; מיר טוישן זיך איינער מיטן צווייטן מיט די העמדער. מיינע קראַכן אויף אים ווי שטיקלעך פּאַפּיר, צערייסן זיך; אַזוי בלאָנזשען מיר אַרום וואָכן-לאַנג, זעען פּאַריז, בייטאָג גייען מיר אין די מוזעאומס, ביינאַכט זענען מיר פאַרצויבערטע צוויי וואַגאַבונדן איבער „שאַנס עליזיי״ און אַנדערע בולוואַרן; אין געדראַנג מיינען מיר ביידע, אַז מיר זענען אויך מענטשן, אַז אויך מיר יאָגן זיך ערגעץ-ווו; מיר מאַרשירן צום „טריאומף-בויגן״, וואָס פראַנקרייך האָט אויפגעשטעלט פאַר אונז ביידע; מיר ציפּן שטיקלעך ברויט פון די קעשעניעס; מיר בינדן זיך צו בעסער מיט די שטריקלעך די שיך; זאָל לעבן פּאַריז! זאָל לעבן די רעוואָלוציע! אָט, נאָך אַ קליינע ווײַלע, מיר וועלן צוּוואַרטן, און נייע באַריקאַדן פלאַטערן מיט פענער און קאָקאַרדעס מיט שטערנס; זאָל לעבן די רעוואָלוציע פון די פּאַריזער אַרבעטער, וואָס זענען די פּראָפעסיאָנעלע באַריקאַדן-בויער, זאָלן לעבן, זאָלן לעבן די קאָמונאַרן-העלדן!

אָבער די רעוואָלוציע קומט נישט; אין די האָטעלן דאַרף מען באַצאָלן פאַרן שלאָפן; דערצו קענען מיר נישט שלאָפן, מיר דרייען

זיך גאַנצע נעכט, זאָרגן כּסדר, מיר לויפן באַלד אינדערפרי אַרויס זוכן אַרבעט, אָבער מען נעמט אונז נישט, און — די רעוואָלוציע שלאָפט אויף מאָנמאַרטר, מאָנפּאַרנאַס, לאַטיינישן קוואַרטאַל, אין סט. דעני רירט זי זיך אין די שטילע אַרבעטער-וווינונגען; אין די קאָרידאָרן פון די אונטערגרונט-באַנקען דערקענען מיר פּראָזן, לאָזונגען פאַר דעם פאָלק, פאַר די אָרעמע, פאַר באַפרייען דאָס פאָלק; יאָ, די רעוואָלוציע שלאָפט נישט; ביינאַכט גייט זי אַרויס איבער די בולוואַרן און מעטראָס; שרייבט מיט אַ רויט שטיק קרייד פלאַמענדיקע פּראָזן; דאָס זענען קורצע טעלעגראַמעס צום אונטערדריקטן פאָלק פון פּאַריז.

שוין זעקס וואָכן ווי איך און בעק, דער ריזיקער יונג, זוכן מיר אַרבעט, אונזערע מאָגנס זענען ליידיק, אונזערע מאָגנס פאַרדייען דאָס פעטס אין אונזערע קערפּערס, וואָס איז איבערגעבליבן פון די פריערדיקע קאַרגע מאָלצייטן, פון ברויט און הייסע וווּרשטלעך, מיט לעמאָנאַדע פּאַרטרונקען; דערוואַך פאָלק פון פּאַריז — צוויי נייע הונגעריקע ציטערדן שוין מיט די הענט אויף די אויסגעטרוימטע רעוואָלוערן, וואָס ליגן נאָך דערווייל אין יענע געווער-אַרסענאַלן, גרייט צו צעשיסן מיט זיי אונזערע פרויען און אונזערע קינדער. דערוואַך, דערוואַך פּאַריז! מיר זענען הונגעריק און ס'איז אונז קאַלט אין די קערפּערס!

פערלאַשעז, פערלאַשעז; די זון גייט אונטער און פאַרבט די טויזנטער מצבות מיט רויט גאָלד און הילט זיי איין אין רויטע פּענער; דען דאָ ליגן די העלדן פון דער רעוואָלוציע און די העלדן פון דער קונסט; דאָ ליגן אונטער די פאַרשידענע מאָנומענטן רעוואָלוציעס באַגראָבן און אָמאָל, אין אַ שטורם-נאַכט, ווען די גרויסע און לעצטע רעוואָלוציע וועט מאַרשירן אין פלאַמענדיקע אַרמייען פון אַרבעטער און פויערן צום זיג—דאַן וועלן זיך עפענען די קברים אין פייערדיקע באַטאַליאָנען צו באַגריסן אין גוואַלטיקער באַגייסטערונג די פרייהייט. פערלאַשעז! מיר זענען הונגעריק און קראַנק; די זון זינקט; עס איז האַרבסט; די ביימער וואַרפן זייערע רויטע בלעטער צו דער ערד, די קברים ווערן באַלייגט מיט גאָלדענע טעפּיכער; דאָ רוען העלדן, מאַרטירער פון דער קונסט — אָבער מיר ציען איצט, ווי צוויי פּילגרימען, צו דער קאָמונאַרן-וואַנט; פערציק טויזנט קאָמונאַרן ליגן דאָ, דערמאָרדעט דורך די ווערסאַלער באַנדיטן, דורך די הענקער טיער און גאַליפער;

אַ ריזיקע מויער, אַ רויטע מויער איבערן גוואַלטיקן קבר; קרענץ פון אַרבעטער-דעמאָנסטראַציעס, צייכנס פון דער דאַנקבאַרקייט און פאַר-ערונג פון די פאַריזער פראָלעטאַריער צו די העלדישע אור-עלטערן; רויִק איז אַרום; ס'איז אַ שטאָט פון קונסט און טויט; נאָר אונטער איין ריזיקער מויער שלאָפט אין פלאַמענדיקע פענער פאַרהילט אַ רעוואָלוציע — אַ גאַנצע רעוואָלוציע ליגט טויט צו אונזערע פיס; אַזוי באַגראָבט די געשיכטע אירע גרויסע העלדן-קינדער; אָבער זיי לעבן אין די מיליאָנען פון נייע העלדן, וואָס טראָגן אין זיך די פלאַמען פון נקמה...

די זון זינקט; פערלאַשעז שליסט די טירן; מיר גייען אַוועק צוויי הונגעריקע פראָלעטאַריער און מיר זעען, ווי דאָס רייכע פאַריז שפּורט און הוליעט אויף דער באַגראָבענער רעוואָלוציע. דאָס פאָלק שלאָפט איצט אין די ענגע, שמוציקע מויערן פון בעל-וויל, מעני-למאָנטאַן; פערלאַשעז, קוסאָן און אַווראַז; דאָס זעלבע פאָלק פון 1848 און 1871, די זין פראָדוצירן פאַרן פּאָטערלאַנד שווערדן; אָבער אין אַ פרימאָרגן דערוואַכן זיי און די שווערדן שטעקן אין זייערע אייגענע הענט — קעגן די הענקער!

מיר זוכן אַרבעט; ענדלעך געפינען מיר אַרבעט; אין „בורס-דע-טראוואַיל“ (אַרבעט בערזע) זיצט אַן אַלטער פראַנצויז און ווערבירט אַרבעטער פאַר זיין אייזן-גיסעריי; וואָסאַראַ גליק; בעק קומט אַרויס צו מיר, בשעת איך וואַרט אין קאָרידאָר, דען ער איז פיזיש שטאַרקער, געזינטער, העכער און ער מאַכט אַן „איינדרוק“; ער דערציילט מיר, אַז ער איז שוין אָנגענומען און וועגן מיר איז נאָך אַ קלער... איך גיי אַריין, איך בעט זיך אַרבעט, צי אויס מיינע הענט; דער פּאַטראָן הייסט מיך קומען אינדערפרי, מען וועט זען...

פינף אינדערפרי; בעק וועקט מיך, מיר לויפן איבער די קאַלטע, גרויע סקווערן און גאַסן; דאַן אין די מעטראָס; מיר זענען אויפן פּלאַץ! מיר זוכן אַזאַ פאַבריק, נישטאָ; מיר זוכן און זוכן, זענען שוין גרייט אַוועקצוגיין, ענדלעך געפינען מיר עפעס אַ שאָפּע, אַ מין „קוזשניע“; פון דער אייזן-גיסעריי איז געוואָרן אַ גאַנץ געוויינלעכע „קוזשניע“; מיר טוען זיך איבער אין אַרבעטס-קליידער; אָטאָ זידט מיט צעגליטן אייזן, ווי אַ שיטער געקעכץ; מיר זענען הונגעריק; די בודע איז שמוציק, פאַרויכערט, פינסטער און שטיקנד; אַ געדיכטער רויך פון

דערווייל לעבן מיר. איצט זינגען מיר די שענסטע סערענאַדע צו בונט, צו רעוואָלוציע.

דער לערער דערציילט אונז פון זיין אַזיל. דאָס איז אויף רי דע סאָל נומער זעקס. שוין מאַרשירן מיר אַהין. ראָטשילדס אַ נאַכט-אַזיל פאַר אורחים, מיר זענען אויף מאָנמאַרטר. שוין זענען מיר ביים „סאַק-רי-קער" (דאָס הייליקע האַרץ), אַ ווייסער קלויסטער אויף אַ באַרג, ווען מען שטייט אויפן באַרג, זעט מען די גראַנדיעזע וויזיע פון פאַריז. אָבער אונטן, אונטן ליגן שמאָלע געסלעך מיט געהיימניספולע קאַבאַרעטן, קאַפייען, פראָסטיטוטקעס, טובערקולאָזע מאַלער, פּאָעטן מיט לאַנגע האָר, און גע ע קאַנאַריקלעך אין רויטע שטייגן אויף די פענסטער פון די אַלטע הייזלעך. ביינאַכט צעלייגט זיך אַ בלויער נעפל איבער מאָנמאַרטר. די לאָמפּן גלאַנצן און ציען זיך אַרום מיט בלויע אָרעאָלן. געשרייען, געלעכטערן, געוויינען פון קינדער און היסטערישע קוויטשן. אַ שאַנסאָנעטקע שטייט אויף אַ טישל, זינגט מיט אַ קוויטשעדיק קול. אַן אויסגעריבענער באַס-זינגער מיט זיין געזיכט פון אַ פּאַיאַץ, גאָרגלט זיך אויף אַן עסטראַדע. מיר גייען אַראָפּ מיט טרעפּלעך פון בולוואַר. אַ שמאָל געסל, רי דע סאָל נומער זעקס. מען קלאַפּט אָן: אַ מעפיסטאָפעלישער מענטש, דאַר און בלאַס, מיט אַ ציגן-בערדל, שטעקט אַרויס זיין קעפּל: „וואַס וואָללען זי?"

ווער פון אונז דריי זאָל רעדן?... ווער זאָל דער ערשטער אָנהויבן. נישטאָ קיין צייט. בעק שעפּטשעט אַרויס, דער ריזן-ייִנג מיט די אַטלעטישע פּלייצעס שעפּטשעט! „מיר וואָללען שלאַפן"...

דאָס האָט ער דאָך געוווּסט, דער מאַן מיטן מעפיסטאָ-געזיכט. ער שמייכלט; ער פאַרבעט אונז אַריין; פאַרשווינדט; מיר וואַרטן אין „וואַרטע-סאַלאָן". נידעריק, שמוציק, שוואַרצע ווענט, פינסטער. איינגעהויקערטע געשטאַלטן זיצן אויף די הילצערנע בענק, ווי וואַרטנדיק אויפן תּלין. אויף דער טיר הענגט אין דריי שפּראַכן אַן אויפשריפט וועגן דער הילפס-אינסטיטוציע, פון ראָטשילד געשאַפן, וועגן אירע גרויסאַרטיקע אויפגאַבן און אויפטוען... ענדלעך ווערן מיר גערופן אין ביוראָ, פרעגן — ווי לאַנג מיר זענען דאָ שוין געשלאָפן, וואָס מיר האָבן בדעה צו טון א.אַז.וו. א.אַז.וו.

נאַכט. אין קעלער זיצן די אָרעמע מענטשן, אין שמאַטעס, שמוציק און פאַרוואָרלאָזט, ווי גרויסע ווערים. אַלטע לייט, יונגע מענער, פרויען און קינדער ביי שיסעלעך זופּ, די אַלטע לייט זופּן שנעל אויס

אין גאָרטן. און מידע, אָן חשק, גייען מיר צוריק. דער אַלטער שרייט אויפן בלאַסן יינגל. פּאַרוואָס, ווען מיר האָבן האַמערס — טוען מיר גיישט פיל מער נוצלעכע אַרבעט, ווי קלאַפּן אויף דער קאָוואַדלע?...

דורך דער אָפענער טיר זעען מיר דאָס גערטנדל, די קוואָקנדיקע הינער, דאָס ווייסע הינטל און באַלד ווערט מיט אַ ליבן געזאַנג אַרויס־גיין דאָס מיידל און שמייכלען, אַזוי שיין און ווונדערלעך אין דער אַטמאָספערע פון רויך און שטיקנדיקן אייזן...

מיר אַרבעטן ווייטער. ענדלעך צעברעך איך אַ ליימיקע פאָרם. דאָס געניגט אָנצוצינדן אונזער פּאַטראָן. ער שעלט מיך, באַ־פאַלט מיך מיט זידלערייען און וויל מיך שלאָגן. בעק פאַרטיידיקט מיך. ביידע ווענען מיר אָפּגעזאָגט פון פּאָסטן. אַלע טרוימען צערונען. די ליימענע פאָרמען, ווי נאָר מען טוט זיי אַ רייב איינע אָן די אַנדערע, צעפאַלן זיי, אויסגעטרוקנטע. מיר קריגן באַצאָלט, איך, פאַר־שטייט זיך, קריג ווייניקער באַצאָלט פאַר בעקן. ווידער זענען מיר פריי. דאָס גערטנדל, דאָס מיידל, דאָס בלאַסע יינגל — אָט איז אַלץ שוין אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגנהייט...

* * *

אויפן גרויסן מאַרס־פעלד, ווי עס שטייט פאַראַנקערט דער שטאָלענער אייפל־טורם מיט זיינע מעכטיקע געוועבן־ריפּן, זיצן מיר אין אַ שיינעם זונען־פרימאָרגן. איך דערקען זיצן אויף אַ באַנק מיין אַלטן פריינט פון אַנטווערפּן, דעם פראַנצויזישן לערער, אַ ייד, וואָס פלעגט וווּנדערשיין צייכענען אָפּישן פאַר לאָקאַלע פּאַריינס־אונטער־נעמונגען. פריינט טרעפט מען אין דער גאַנצער וועלט! מיר דער־פרייען זיך. אָט זענען מיר שוין דריי וואַגאַבונדן. אָן עסן, אָן געלט, אָן קליידונג, אָן אַ היים...

אַ היים?... וואַרט, היינט ביינאַכט מוז מען שוין זוכן אַ געלע־גער ערגעץ אין אַ נאַכט־אַזיל. די לעצטע סענטימען זענען אַוועק. די קעשענעס ליידיק. שוין אַלע האָטעלן אָפּגענאַרט. אַ נאַכט־אַזיל — דאָס איז אונזער דעוויז, געפינען אַ נאַכט־אַזיל...

אַלע דריי גייען מיר איבער די פּאַריזער פריילעכע בולוואַרן. דאָס לעבן האָט זיך צוזאַמענגענומען אויף די פּאַריזער סקווערן און גאַסן. אין דער דאָזיקער שטאָט זינגט דאָס לעבן די סערענאַדע צום טויט. אָבער

אייזן, בליי און כאַוס; דער פראַנצויז ווייזט אונז, ווי אַזוי מיר דאַרפן גיסן דאָס אייזן אין ליימיקע פאָרמען; אַ קליין, בלאַס ייִנגל פון אַ יאָר דרייצן קומט אָן, טוט אָן זיין אַרבעט-אַנצוג. איך קען נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי דאָס בלאַסע ייִנגל קען אויסהאַלטן אַזאַ היץ, אַזאַ רויך און שמוץ. דער פראַנצויז בייזערט זיך אויפן ייִנגל, וואָס-איז כמעט נאָך אַ קינד, ער שעמט זיך פאַר אונז — ער ווערט דער נידעריקט; איך און בעק גיסן מיר דאָס אייזערנע געקעכץ; אַלץ איז אַזוי פרימיטיוו, מיר ביידע זענען די איינציקע אַרבעטער; דער אַלטער פראַנצויז קאָמאַנדעוועט. איך בין אינגאַנצן אָנגעפרעסן מיטן רויך. מיך שטיקט. ענדלעך קומט מיטאָג-צייט.

מיר קויפן זיך אַ לאַנג ברויט, דאָס ווייסע, צערטלעכע פאַריזער ברויט, וואָס איז צו גוט פאַר אונזערע אַפּעטיטן, מיר קויפן זיך פוטער און שינקע, פאַר דער בודע אין אַ קליין גערטנדל. מיר זיצן אויף שטיינער, בעק און איך רעדן מער נישט, מיר זענען דורכן הונגער און אומגליק ווי צעשיידט, ווי שונאים געבליבן. מיר קייען, קוקן זיך ארום: די רויטע רויזן וויאַנעז, זענען באַשמוציקט און באַלייגט מיט שטיקער אייזן, בליי פון מאָדנע שפּין-פאָרמען און צעבראָכענע פלעשער פון ביר. נישט קיין וואונדער, אַז פון די רויזן גייט בלוט. אָבער וועלכע צערטלעכע האַנט האָט דאָ רויזן פאַרפלאַנצט?

דאָס גרינע גראָז איז אויסגעטרוקנט פון היץ און טרוקעניש. איינמאָל האָט מען דאָ רויזן — צוליב אַ טעות אַוודאי — פאַרפלאַנצט און זיי אויף שטענדיק פאַרלאָזן. באַלד זעען מיר אַרויסטראָגן עסן צו איר פאָטער אַ זעלטן-שיין פראַנצויזיש מיידל פון אַ יאָר זיבעצן. זי שענקט אונז ביידע איין שמייכל. ווי קומט אַזאַ שיין מיידל אין דער דאָזיקער שטיקנדיקער אייזן-אַטמאָספערע? זי האָט דאָס די רויזן פאַרפלאַנצט. זי האָט דאָס פאַרמיטאָג אַזוי שיין געזונגען, אַז ווען מיר האָבן געהאַקט מיט די האַמערס איבער דער קאָוואַדלע, האָט זיך אונז געדאַכט, אַז מיר צעקלאַפּן צערטלעכע טענער...

ווי גוט מיר פילן זיך. באַלד וועט זי צוריקגיין. זי גייט צוריק. זי קוקט נישט צו אונז. מיר זענען דאָך אַרבעטער. אָבער שוין אויף דער שוועל, טוט זי אַ דריי אויס דאָס קעפּל, טוט אַ קוק, ווי פול מיט באַדויערן און פאַרשווינדט, דאָס מיידל האָט מיטלייד מיט אונז...

און די רויזן וויאַנעז, און די גרינע גראָזן זענען אַזוי פאַרטרוקנט. שמוץ, בליי, אייזן און בלעטער פון איינציקן, באַלד נאַקעטן בוים

די זופּ—בעטן אונטער זידלעריי און אָפּזאָג נאָך אַביסל זופּ. שטיקלעך ברויט גיט מען צו. אומעט, גרויקייט, אין לאַנד פון פּאַרן טויט. איך און בעק און דער לערער זיצן מיר ביים הילצערנעם טיש. דורך די פּאַרקראַטעוועטע פענסטער זעען מיר דורכגיין דאַמען-פּיס אין עלע-גאַנטע לאַקערקעס. נאַכט. מיר גייען שלאָפן. פּערציק מאַן אין איין שמוציקן זאַל. די בעטן ווערן נישט געריי̈ניקט, דאָס בעטגעוואַנט — נישט איבערגעצויגן. פינסטער, מען הוסט, מען קרעכצט, מען זינגט און מען כאָרכלט. עס שטיקט. דאָס פענסטער נישט געעפנט...

אינדערפרי גייען מיר שפּאַצירן. זון-טאָג. אַ נאָך גרינער גאָרטן אַרום דעם אַזיל. מען מוז פּינקטלעך זיין צוריק, ווען נישט—איז די טיר פאַרהאַקט. זוכן אַרבעט קען מען נישט, ווייל מען טאָר נישט אַוועק ווייט אין שטאָט, אום נישט צו פאַרשפּעטיקן צום מיטאָג און אָוונט-ברויט... די צווייגן בויגן זיך צו מיר, קליינע קינדער שפּילן זיך. נעבן מיר זיצט בעק, — די עלעמענטאַרע קראַפט, בייז, באַליי-דיקט, אַנטוישט. נעבן מיין צווייטער זייט זיצט דער לערער — די אינטעלעקטועלע קראַפט — צעבראָכן, קראַנק און אָן האָפענונג. איך וואָלט אַוועק. מאַנמאַרטר לעבט מיט זכרונות פון קאָמונאַר-אויפ-שטאַנד. די געסלעך זענען שמאָל, טונקל, פאַרשטויבט און פאַרעלטערט. דאָס אָרעמע פאָלק שטיקט זיך...

ווען מיר קומען צו מיטאָג, רופט מען בעקן אַריין אין ביוראָ, דאַן מיך. מען האָט איבערגעגעבן, אַז מיר זענען רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער. דאָס איז שעדלעך, מיר מוזן גיין אונזער וועג. עס העלפט נישט דאָס בעטן נאָך אַ נאַכט, נאָך איין נאַכט... דאַן רופט מען מיך רייניקן די קלאָזעטן, ווייל מיינע הענט זענען צו ווייס. איך ויש, פּוץ, רייניק און בייג זיך אין פיין פון דערנידערונג. בעקן האָט מען געשיקט ברענגען ברויט פון דער בעקעריי. ווען אַלע האָבן שוין אָפּגעגעסן, גיט מען אַרויס שיסעלעך מיט זופּ. מיר עסן.

פאַרנאַכט. מיר מוזן נאָך שלאָפן איין נאַכט. זיי זענען איינגעשפּאַרט. ווו זאָלן מיר גיין? אין וואַרטע-צימער זיצן מיר, מענטשן-קערפּערס אַוועקגעוואָרפענע, מיר פּראָטעסטירן, בונטעווען זיך, ווילן אויפרודערן די איבעריקע, אָבער יעדער איינער האָט זיין בעטל; ווער ס'האָט זיך זיין בעטל —שווייגט. אַלע שווייגן גרויזאַם. דער לערער איז נישט מער אונזער פריינט. מיר גייען איבער די נאַכט-געצונדענע בולוואַרן. דריי באַנאַכט, אין אַ קאַפע, זעצט זיך צו צו אונזער טישל אַ מאַן. ער רעדט צו

אונז. דערציילט זיינע ליבעס. זיינע גרויסע פעיִקייטן. ער איז משוגע. ווען מיר קומען איבער די בולווארן, גייט ער נעבן אונזער זייט. באַרימט זיך, דערציילט געשיכטן. ענדלעך נאַרן מיר אים אָפּ, אין געדראַנג לאָזן מיר אים שטיין און פאַרשווינדן אין דעם מעטראָ־קאָרידאָר. דאַן זיצן מיר אין וואַרטע־זאַל פון אַ באַנהויף. פינף פריגוטע וואַרעמקייט, ווייכע פאָטעלן. גוט־אָנגעטוענע מענטשן נעבן אונז. מיר דרימלען איין. זיסע טרוימען. אַ פּאָליצײ־מאַן וועקט אונז, פאָדערט בילעטן, מיר לויפן. אויף די קרומע גאַסן קויפן מיר די ערשטע אויסגאַבע פון דער „הומאַניטע". וואָס הערט זיך מיט דער רעוואָלוציע? ס'איז אונז קאַלט, האַרבסט־באַגינען. קילקייט. די צייטונג שמעקט מיט דרוק־פאַרב. גרויסע בוכשטאַבן — אָבער די רעוואָלוציע שלאָפט נאָך אין די אָרעמע הייזער פון די פאַריזער פאָרשטעט... צו פרי...

* * *

מיר גייען איבער די בולוואַרן. זון־טאָג. מיר האָבן ביידע געפרעסן ברויט און געטרונקען „ווען־רוזש". דער ווײַן איז ביטער. אַלע טרינקען אים, ער איז ביליק. מען דאַרף אויך טרינקען. פּלוצלינג ווערט אונז שלעכט. ווו זאָלן מיר גיין?... ס'איז שוין אונטער פאַריז. מיר זעען אַ גרינעם באַרג. מיר דערשלעפּן זיך אַהין. מענטשן ליגן און שלאָפן, לויזן זיך, רייניקן זיך די וועש און טריקענען, וואַרעמען זיך אונטער די האַרבסט־שטראַלן פון דער זון. פאַרשידנאַרטיקע מענטשן. רוסן, כינעזער, יידן, מאַראָקאַנער, טערקן, בולגאַרן און אַלזשיראַנער. דער עלנט פאַרייניקט זיי אַלע. מיר קייקלען זיך צו צום באַרג, די זון וואַרעמט, מיר ליגן, ווי טויטע, שכורע, מידע. די מענטשן דעקן זיך איין מיט צייטונגען, מיט שמאַטעס. דער ווינט הויבט די פּאַפּירן אין דער הויך. פאַרשידנאַרטיקע שפּראַכן הערט מען דאָ, פאַרשידנאַרטיקע בוכשטאַבן איבער די צייטונגען. די דעצעמבער־זון פאַרגייט. אונטן,ביים וועג, ציט אַ לויה. דאַן ציט נאָך אַ לויה. דאַן ערשט קומט אַ פור מיט אַ הילצערנער טרומנע, דאָס פערדל אַ געלס, און ביינאַכטיקס, גייט לאַנגזאַם, שלעפּט דעם טויטן. צוויי קליינע מיידלעך און אַן אַלטע, זייער אַלטע פרוי גייען נאָך. די מיידלעך וויינען, די רויטע לאָקן זייערע צעפלאַטערט דער ווינט. זייער מוטער ליגט אַוודאי אין דעם ווייסן קאַסטן. די אַלטע פרוי שווייגט. אומעטיק קומט די

נאַכט אַראָפּ צו די אָרעמע, פאַרדעקט זייערע שמאַטעס. די בולוואַרן פון פּאַריז רוישן איצט, לעבן, באַוועגונג און גלאַנץ. פּאַראַדן און אויפנאַמען. נאָר די ווענט זענען מיט נייע פּאַראָלן געצייכנט. דאָס האָט די האַנט פון דער רעוואָלוציע אָנגעשריבן אין באַגינען דעם טויט-אורטייל איבער דער אַלטער וועלט פון דעספּאָטיע און עקספּלואַטאַציע...

* * *

מיר אַרבעטן אין אַ הויז אויף בעלוויל, פּוצן מיר שמאַטעס. פראַנקרייך ציט אַרויס פון מאַראָקאָ אוצרות. מינעראַלן, רוי-שטאָפן, מענטשן-אַרבעט. פראַנקרייך איז ווירדיק, דערפאַר לאָזט זי די איינגעבוירענע נישט גיין נאַקעט, זי זאַמלט צונויף די אַלטע פראַקן און סמאָקינגס פון די פּיליסטער, זי נעמט אָפּ פון די שפּיטעלער און סאַנאַטאָריעס די קליידער פון די טויטע סיפיליטיקער און טובערקולאָזע. די קליידער ווערן געפּוצט מיט בענזין דורך די אויסלענדער, געוואַשן און געפּרעסט. דאַן פאַרקויפט מען זיי צו די איינגעבוירענע פון מאַראָקאָ. איך און בעק, מיר פּוצן די שמאַטעס. פון בענזין זענען אונזערע הענט ווייס, ווי קאַלך, בעקס אויגן זענען פול מיט טרערן. דאָס זענען נישט קיין ליבע-טרערן, נאָר אַרויסגערופענע דורך בענזין. איך שלעפּ אַרויס די שמאַטעס פון אַ קעלער, איך רייניק זיי אויך, הענג זיי אַרויס איבערן שטריק אויפן הויף, איך בין בעקס צוהעלפער. אַ פרוי, אַ יידישע, זיצט אין צימער ביים פענסטער, נייט אויף אַ מאַשין. אין הויף רו איך זיך אָפּ, אָטעם אָפּ פון שרעקלעכן שטויב, פון די באַצילן פון פאַרשידענע קראַנקהייטן. איך זע דעם בלויען הימל מיט די בלויע וואָלקנס; איך זע די פענסטער פון די אָרומיקע הייזער, קינדער קוקן מיך אָן; פאַרנאַכט, ווען מיר קומען אַהיים—טרינקען מיר מילך אין אַ פּרוכט-געוועלבל; קאַלטע מילך, אָבער ווי גוט זי איז, ווי זי וואַשט דעם טרוקענעם האַלז, ווי זי שווענקט אַראָפּ דעם שטויב. מיר פילן זיך קראַנק און פריש, פון דער סענע יאָגט אַזאַ מין צאַרט ווינטל, מיר ווערן געגלעט, די סענע איז טונקל, פּאַרלעך דרייען זיך געאָרעמטע אַרום, נעבן די שוואַרצע סענע-כוואַליעס. ליבע, נאַכט, טרוים און צאַרטלעכקייט. מיר האָבן שוין עטלעכע פראַנקן, מיר דינגען אַ צימער אין אַ האָטעל. דער ערשטער פּלאַן: מיר וועלן זיך קויפן העמדער... אָבער עס איז אַ זיכערער טובערקולאָז. די שמאַטעס וועלן צעפרעסן אונזערע לונגען...

צומאָרגנס, ווען מיר קומען, דערקלערט אונז די באַלעבאָסטע פאַר „דערליידיקט", מיר טויגן נישט צו דער אַרבעט, ווייניק פלינקייט; בעק קריגט באַצאָלט; מיר וויל זי נישט באַצאָלן; איך האָב בלויז מיטגעהאָלפן מיין פריינט...

איך מאַך געוואַלדן; ענדלעך נעמט זי דעם טאַש — גייט מיט אונז; אויפן וועג באַמערק איך, ווי זי גייט גלייך צו אַ פּאָליציי־אַגענט; זי גייט אונז איבערגעבן, די פאַרשאָלטענע אויסלענדער, וואָס פאַרלאַנגען געלט פאַר דער אַרבעט... מיר לויפן, דער אַגענט נאָך אונז... ענדלעך געלינגט אונז זיך אַזוי צו פאַרקירוועז, אַז מיר זענען זיכער און אָטעמען אָפּ... ווען ער פאַקט אונז — קומט טורמע, קלעפּ פון די פּאָליצייסקע שטעקעלעך, דעפּאָרטאַציע צו דער גרענעץ און — ווו ווייטער?...

דאָס אַלץ ווייל איך האָב געהאַט די חוצפּה צו פאָדערן געלט פאַר מיין אַרבעט! אָדער פיליכט האָב איך שוין געקריגן באַצאָלט אין דעם פאַרגעניגן צו זען דעם בלויען הימל אין קליינעם שמוציקן הויף?... די כוואַליעס פון דער סענע רוישן עפּעס שטיל. נאַכט. רעוואָלוציע, שאַרף דאָס בלויע מעסער פון דער גילאָטינע! ווען דען די פאַריזער אַרבעטער־קוואַרטאַלן נישט בויען נייע באַריקאַדן? ווען די סאַנקיולאָטן נישט אַ צי טון דאָס מעסער פון דער גיליאָטינע? פאַריז שווייגט. באַלד דערוואַכט עס — און ציטערט דאַן, דיפּלאָמאַטן, גלחים און פאַרלאַמענטניקעס! די סאַנקיולאָטן פון פאַריז שטירצן די באַסטיליע פון דער בורזשואַזיע און באַלד וועלן אויף די שפּיצן פון פּיקעס און באַיאָנעטן שטעקן אייערע קעפּ, עלעגאַנטע הערן!

* * *

דאָס איז פיליכט די שענסטע וויזיע אין מיין לעבן; די וויזיע פון רויטן ברויט. זוכנדיק אַ צימער ערגעץ הינטער דער שטאָט, כּדי די פּאָליציי זאָל אונז נישט געפינען, זענען מיר אַריין אין אַ בעקעריי; די וואַרעמקייט נעמט אונז האַרציק אַרום; מיר זעען אין רייען, איבער דער ריזיקער וואַנט, ווי אויף בופעט־פּאָליצעס, ליגן גילדערנע, ברויטן, רויטע ברויטן מיט ווונדערבאַרע קלאָרע פנימער, ערשט געבאַקענע פון דער וואַרעמקייט באַהויכטע, ווי מיט גאָלד־וואַסער געוואַשענע; און זיי שמעקן, רייצן דעם אַפּעטיט, רופן אַרויס אין מיר אַזאַ מין געפיל, ביז צום

וויינען; אויך בעק קוקט אויף די ברויטן, גלויבט נישט זיינע אויגן; מיר פרעגן אויף אַרבעט, נישטאָ קיין אַרבעט; מיר זענען מקנא די אַרבעטער מיט נאַקעטע אָרעמס, וואָס מישן די וווּנדערלעכע ראָשטשינע פון ברויט; מיר זענען נישט דרייסט צו בעטן עסן, מיר האָבן נישט קיין געלט צו קויפן; נאָך שטייען מיר אַ ווײַלע, אפשר וועלן די מענטשן אונז פאַרשטיין; אָבער די מענטשן זענען ענגהאַרציק; אין דרויסן שטייען מיר, פאַרן פענסטער פון קעלער, וואָס שלאָגט מיט אַזאַ וואַרעמען הויך, ווי עפּעס אַן אומענדלעכע ריזן־פּרוי וואָלט אונז אַנגעוואַרעמט מיט איר וואַרעמען הויך, איר גוטן אָטעם... מיר שטייען פאַרגליווערטע און טרוימען וועגן ברויט און מיר זעען אין טרוים אומענדלעכע גאָלדענע ברויטן...

פאַריז, פאַריז פון טויזנט מעגלעכקייטן און קאַריערעס; ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם קוואַרטאַל האָבן מיר געפונען אַ קאַפע, אַ ווונ־דערלעכע קאַפע, ווו פאַר איין קאַווע־קאָנסומציע קען מען אָפּזיצן די גאַנצע נאַכט; מיר זיצן ווידער אין דער קאַפע, ווייל מיר האָבן נישט ווו צו שלאָפן; נאַטירלעך, מען גייט נישט אַריין פאַרנאַכטצו, ווען מען זאָל באַלד ווערן אַן איבעריקער אורח; מען גייט אַריין אַרום צוויי אַ זייגער; די געוויינלעכע בעסטע זעגעצן שוין אַוועק; די, וואָס זיצן איצט זענען שוין קליענטן אויף דאָ איבערצונאַכטן; דאָס זענען די גליקלעכע, וועמען ס׳איז געלונגען שאַפן זיך אויף אַ קאַווע... אַפילו אין האַלבע נאַכט רוישט פאַריז, די פּאָליציי און די געהיים־אַגענטן זענען וואַך, מען מוז דאָך אָפּ־היטן די מענטשן; אין זייערע קורצע, בלויע רעקלעך וואַרפן די זשאַנדאַרמען אָן אַ פּחד אויפן אויסלענדער; מיר זיצן ביים טיש, שוין לאַנג אויסגע־זופּט די קאַווע, דאָס לעפעלע באַלעקט; פּראָסטיטוטקעס דרייען זיך אַרום אונז, טראָצדעם וואָס זיי דערקענען אונזער צושטאַנד, ווינקען זיי צו אונז, שמייכלען, באָטן זיך אָן, אפשר פּאַרט... פאַריז, די שטאָט, וואָס האָט אַפילו אויף די טויערן פון אירע טורמעס אויפגעשריבן: „פרייהייט, גלייכקייט און ברידערלעכקייט", האָט גאַנצע אַרמייען פּראָסטיטוטקעס פון אַלע ראַסן, קלושאַרן, אַרבעטסלאָזע, טרעמפּס און כוליגאַנעס. מיר דרימלען איין, מען טאָר אָבער נישט שלאָפן, די גאַרסאָנען (באַדינטע) וועקן אונז אויף; ביז זיי וועקן אויף די אַנדערע מענטשן אַרום אונז, שלאָפן מיר דערווייל איין; אין לייכטן שלאָף פילן מיר שוין, ווען ער דאַרף צוקומען צו אונז; דאַן עפענען מיר אויטאָמאַטיש די אויגן— און ווען ער פאַרשווינדט די אַנדערע צו וועקן, פאַרוואַרפן מיר די קעפּ און דרימלען ווידער איין...

פאַרנאַכט, אויף דער גרויער, ברייטער מעניל-מאָנטאַן, האַרט נעבן פערלאַשעז, זע איך אַ געדראַנג; דאָס איינציקע מאָל, וואָס בעק איז נישט ביי מיין זייט; גייענדיק מיט אים אינדערפרי איבער אַ רוישיקן בולוואַר, האָט ער פלוצלינג אין אַ קיאָסק (ציייטונגס-ביידל) דערזען אַ דייטשע צייטונג פון זיין היימאַטס שטעטל, וואָס די פּאַרטיי האָט אַרויסגעגעבן; דאָס האָט אים שרעקלעך גערירט; קיין געלט איז נישט געווען צו קויפן; מיטאָג-צייט האָט אונז עמעצער געבאָרגט אַ פּאָר פראַנק; איצט זוכט בעק אַרום אין גאַנץ פּאַריז יענעם קיאָסק, צו קויפן זיין היים-שטאָט-צייטונג; און איך — אויף מעניל-מאָנטאַן — זע אַ גרויס געדראַנג; איך שלעפּ די פיס, כ׳קום צו און — אַ קליין, געל הינטל, פון דער יאַפּאַנישער ראַסע, ליגט אין קרעמפּן אויף דער ערד; דאָס איז געווים רירנד; די מענטשן באַדויערן; אַ דיקע פרוי וויינט שיר און טראָגט אַ טעלערל מיט אַזאַ ווייסער מילך, אַז דאָס האַרץ ווערט מיר פאַרקלעמט... מיין צונג איז טרוקן; וויפל מאָנאַטן האָב איך שוין קיין מילך נישט געטרונקען; דאָס הינטל טוט אַ קער אום מיטן לאַפּקעלע דאָס טעלערל, די מילך רינט אויפן ברוק, מיין גאָט, דאָס איז דאָך גרויזאַם; אַזאַ ווייסע מילך; די מילך רינט און מישט זיך אויס מיטן שטויב; בלויז אין איין גריבל איבערן טראָטואַר, ווו דער צעמענט איז אויסגעריבן, איז פאַרבליבן אַביסל מילך; די מענטשן צעגייען זיך. פאַרוואָס בין איך נישט קיין הינטל מיט אַ לאָם פיסל?...

ביינאַכט דערציייל איך בעקן פאַרשידענע געשיכטן פון מיין לעבן; ער דערציילט זיינע; פיל מאָל רעד איך איבער מיין בעסטן פריינט פון די קינדער-יאָרן, ערגעץ ווו אין פוילן; ווי געטריי מיר זענען זיך געווען; דאָס רירט אים, און בעק דערציילט מיר וועגן זיינע פריינט; דאַן שלאָפן מיר ענדלעך איין.

מיר פאָרן אין מעטראָ. גרויסער מענטשן-געדראַנג. פלוצלינג דערזע איך אַ מאַן, וואָס איך וואָלט שווערן, אַז ס׳איז מיין אַמאָליקער יוגנט פריינט. ער קוקט מיך אויך אָן. שוין נישט קיין צווייפל. איך זאָג ווי פאַר זיך אַליין זיין נאָמען. איך בין נישט זיכער. ער דערהערט עס, צעשמייכלט זיך; פלוצלינג שטעלט זיך דער צוג אָפּ, אַ סטאַציע; מיין פריינט מוז דאָ אַראָפּגיין; נאָך צען יאָר צייט זיך נישט זען וויל ער נישט פאַרשפעטיקן כאָטש איין סטאַציע; ער שרייט מיר נאָך זיין אַדרעס „די טרואַ פרער״. — דעם נומער פאַרהער איך, בעק קוקט מיך אָן. איז דאָס דיין יוגנט-פריינט? איך לייקן, נאַטירלעך. איך שעם

זיך. צו וואָסאַראַ אידעאַל געשטאַלט מיין פריינט איז אויסגעוואַקסן אין מיינע דערציילונגען. אַפּילו בעק האָט אים ליב געהאַט. איצט: אַזאַ אַנטוישונג! ער האָט נישט קיין צייט פאַר מיר. ער „מוז" אָפּשטייגן... פאַרגעסט צו זאָגן דעם נומער פון זיין אַדרעס. אָך, ניין, דאָס קען נישט זיין מיין יוגנט־פריינט. איך רעד איין בעקן, אַז ס'איז אוממעגלעך. ער גלויבט. ס'איז דאָך אוממעגלעך... איך אַליין הער זיך צו צו מיינע אָפּלייקענונגען. ס'איז מיר בעסער, אָנגענעמער נישט צו גלויבן... דאָס ראַטעוועט מיך. ביינאַכט רעד איך ווייטער וועגן יענעם גוטן פריינט...

* * *

ביינאַכט. מיר גייען ביידע און מיר קריגן זיך. פאַריז איז אַזוי שיין ביינאַכט, אַ גאָלדענער חלום. בעק האָט שוין לאַנג נישט געשריבן זיינע עלטערן, איך האָב שוין לאַנג נישט געשריבן צו מיין קליינעם מיידל מיט די בלויע אויגן פון אַנטוועראַפּן; אָבער מיר איז געבליבן דער לעצטער קאָנווערט, דאָס לעצטע בייגעלע פּאַפּיר און די לעצטע פּאָסטמאַרקע; בעק וויל מיך איבערצייגן, אַז צו זיין אַלטער מוטער דאַרף ער פריער שרייבן, ווי איך צו מיין געליבטער; און גאָרנישט קען מיך איבערצייגן; פאַר אונז גייען פאַרביי די שענסטע פּאַריזער דאַמען; איך האָב איצט ליבער ווי שטענדיק מיין קליין מיידל, וואָס וואַרט אויף מיין בריוו. ווי שיין וועל איך איר היינט באַנאַכט שרייבן, דעם שענסטן בריוו אין מיין לעבן. און ער איבערצייגט מיך, כ'קריג מיטגעפיל מיט זיין קראַנקער מוטער — אָבער צום ענדע, ווען ער הייסט מיך אים דערלאַנגען דעם קאָנווערט מיט דער מאַרקע, קען איך נישט דאָס טון. איך מוז מיין קליינער געליבטער שרייבן היינט ביינאַכט, זיך איבערשיקן אויפן ווייסן בייגעלע פּאַפּיר. דאַן קריגן מיר זיך, יעדער געהיים־אַגענט קאָן עס דערהערן, אונז אַרעסטירן, דאַן זאָל קיין איינער פון אונז נישט קענען שרייבן. אַך, ווען מען קען אין איין קאָנווערט שיקן צוויי בריוו אויף צוויי אַדרעסן, דאָס איז אוממעגלעך. צום ערשטן מאָל אין לעבן קריגן מיר זיך. שפּעט ביינאַכט שרייב איך אָן דעם שענסטן ליבע־בריוו—אָבער איך גיב די פּאָסט־מאַרקע צו בעקן. מיין ליבע־בריוו בלייבט אין טאַש. דאָס קליינע קינד וועט וואַרטן, וואַרטן, וואַרטן. אָבער די אַלטע פרוי—וועט זיך פריידן! וועט בעק איר דען שרייבן עפּעס פריילעכס!

רעגן, אומעטיק. מיר גייען איבער דעם מאָנמאַרטער-קינסטלער-בית-עולם, ווו עס ליגן די אַמאָליקע דיכטער. ביי אַ ווייטן ביוסט פון אַ מאַן, די אויגן געשלאָסן, ווי קוקנדיק אַראָפּ אין זיך אַליין, שטייט מיין באַקאַנטער לערער און גאָרנישט קען אים אויפוועקן פון זיין פאַרגליווערטקייט. איך גיי צו, איך איבערראַש אים, איך זע טרערן אין זיינע אויגן. אונטער דער ווייסער מצבה ליגט דער ליבער דיכטער היינריך היינע, דער רעוואָלוציאָנער, פּאָעט, פּאָליטיקער און טראַגישער ייד און גריך. אויך איך ווער גערירט. דער ווינט פייפט איבער דעם קבר, פרישע בלומען ליגן אויף דעם מאַרמאָרנעם בעכער. עס איז אַ קאַלטער פרימאָרגן. דאָ ליגט דער מאַן, וואָס האָט אַלץ פאַרוואַנדלט אין קונסט-ריטם, אין שאַרפזין, אין פּאָעזיע. דאָ ליגט דער, וואָס האָט געבליצט אין וווּנדערלעכע לידער און קעגן אַ וועלט רעוואָלטירט. אויבן ליגט מאָנמאַרטר, די שיכורע שטאָט פון פרייד, טענץ, ווייַן און טובערקלאָז. די וואָלקן שוועבן רויִק איבערן הימל. אַ פרוי אין טונקעלן באַוועגט זיך צווישן די מצבות. איר געזיכט איז בלאַס, קראַנק און פאַרוויאַנעט. דאָס איז היינעס מוזע-פריינדין, וואָס בלאָנדזשעט דאָ אייביק אַרום, דער לערער איז גערירט, ער שלאָפט נאָך אין אַזיל, באַלד פאַרגייט די זון, די ספינקסן און פאַרשטיינערטע פרויען טוען זיך אָן אין רויטע, פייערדיקע מאַנטלען. די אייביקייט מאַרשירט איבער קברים און שטעט. אָבער מיר בענקען נאָך ברויט, רו, שלאָף.

* * *

נאָך האָבן מיר געאַרבעט ביי אַ באַן-הויף, סאָרטירט באַגאַזש און פּאָסט-פּעק. שוין לאַנג ווי מיר האָבן קיין פלייש נישט געגעסן. אַ ליב פראַנצויזיש מיידל באַדינט אונז, זי שמייכלט, איז אַזוי גוט, ליבלעך און פריינטלעך. דאַן זאָגט מען אונז ווידער אָפּ. אום צו זען דאָס ליבע מיידל דאַרף מען האָבן געלט. עס דורשט שרעקלעך פון שטויב און בענזין, מען גייט איבער די בולוואַרן; טרינקט מען ביר און „ווען-רוזש"; מיר עסן גאָרנישט; פּאַריז איז אַזוי שיין, די פראָסטיטוטקעס שלעפּן אונז אין זייערע צימערן, אָבער ווען מיר דערציילן, אַז מיר האָבן קיין געלט נישט, טרייבן זיי אונז ציניש אַוועק; אין אַרבעטער-קלובּ נעמען די חברים זייערע חברטעס, גייען אַוועק און לאָזן איבער די, וואָס שטייען ווי בעטלער אין פּאַרהויז; אין „לוווּר" זעען מיר,

הונגעריקע, די „דזשאָקאָנדאַ” און די „הייליקע פאַמיליע”; רעמבראַנדטן ליב איך ביז משוגעת, זיין טרויער איז מיר נאָענט; רובענס צינדט מיך אָן ליידנשאַפטלעך מיט די הייסע פאַרבן; וואַן דייק מאַכט מיך צערטלעך. אָבער פון גיין צופיל, בלוטיקן מיינע פיס אין די צעריסענע שיך און זאָקן. לעצטנס רעדט בעק זייער פיל איבער פרויען... דער הונגער שטערט נישט זיין סעקסואַליטעט...

ענדלעך פאָרן מיר איבער דיזעלבע פעלדער קיין בריסל. קיווריין, וואַלאַנסיען, ווידער גנבענען די גרענעץ. אין בריסל רעגנט, ס'איז אומעטיק. איך זוך אַ מאַנסאַרדע זיך אָפצורוען. ווידער זוכט מען אַרבעט. ערגעץ ווו איז פאַרשוווּנדן דער גוטער יונג בעק. איך האָב אים נאָך אייניקע מאָל געזען. מיר האָבן ביידע געפונען אַרבעט. דאַן איז ער אַוועק, ווי איך האָב געהערט, דינען אין פוילישן מיליטער. דאָס איז געווען אַ ליבער ריזן-יונג, אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס איז געווען שטאַרק, גרויס, גרייט געווען צו אַרבעטן. ער איז געווען אַ גוטער ווי אַ קינד, האָט זיך געטיילט מיט געלט, העמד און עסן. ווען ער האָט ערגעץ געפּאַקט אַ שטיק ברויט, האָט ער עס שנעל מיר געברענגט. ביינאַכט פלעגט ער זינגען זיינע דייטשע היימאַטס-לידער. דאַן פלעגט ער זיין סענטימענטאַל, האַרציק און רירנד ווי אַ קינד. דאָס איז איבערהויפּט געווען אַן אומבאַהאָלפענער יונג מיט אַ האַרץ פון אַ קינד. ער האָט געליבט די רעוואָלוציע, געווען פאַנאַטיש, געיאָגט און געטריבן געוואָרן דורך איר. אָבער קיין אַרבעט האָט ער נישט באַקומען. קיין באַריקאַדן האָט דאָס פאַריזער פאָלק נאָך נישט געבויט. נו, איז אים געווען אומעטיק. זיין בונטאַרישער גייסט איז אויסגעגאַנגען..

דאָס לעצטע מאָל אין בריסל האָב איך אים ווידער איינגעלאַדן אין רעסטאָראַן. איך האָב געזען, ווי נאָכן אויפעסן אַ האַלב ברויט מיט וווּרשטלעך, קוקט ער מיט זשעדנע אויגן אויף מיר. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז הונגעריק.

— בעק האָב איך געזאָגט, — נעם דאָס זעלבע אָוונט-ברויט נאָכאַמאָל!

— זאָ? — האָט ער געזאָגט און געשמייכלט. ער האָט נאָכאַמאָל געגעסן. דאַן געטרונקען צוויי גלעזער טיי. צום לעצט האָט ער מיר געדריקט די האַנט. עס איז געווען דער לעצטער האַנטדרוק פון דעם ליבן יונג...

פאַריז, 1932

אינהאלט:

	זייט
מיסטער אַפּעלמאַנס	5
טובערקולאָזע	10
צוריק אין דער היים	13
אויפן אַטלאַנטיק	17
לוסיל	24
דער געהיימניספולער מאַן	29
די בלינדע	31
דער אַלבום פון אַ דאָן־זשואַן	35
נאַפט	48
ניו־יאָרק—די וויזיע פון אָרעמקייט	50
אַ געזאַנג	54
אין שוואַרצן נעגער־לאַנד	57
די דריי רויט־האָריקע פישער	68
בורלעסק	73
אַ ספּעקטאַקל	77
אַ געוויינלעכע געשיכטע	79
דער פּאַרק פון די אָרעמע	81
אַ קליינע טראַגעדיע	87
בלויז איין מענטש	93
אין מערב־אַמעריקע	98
קינדער פון מאַנסאַדרעס	102
די איינזאַמע פון „ברעכט“	108
סצענעס און וויזיעס	118
אַנטווערפּן—די שטאָט פון פאַנטאַזיאָרן	124
די נעגערין פון „סאַקרי־קער“	136
ליבע און טויט	143
מלחמה־דערציילונג	152
דער בלינדער	163
די מעלאַנכאָלישע פּאַלאַצן	167
בעק	172